צו שאפען דאָ די נויטיגע געלד-מיטלען פאַר ראַטעווען די עקזיס-טענץ פון דער ישיבה (ער איז באַגלייט געוואָרען אהער דורך הרב ר' חיים אליעזר סאַמסאָן, היינט ראש-ישיבה פון דער ישיבה חפץ-חיים אין באַלטימאָר). אין אַ געוויסען טאָג, איז דער לאָמזער רב געקומען אין דער ישיבה צו געזעגענען זיך מיט אונז. הרב גאָרדין האָט דאַן געהאַלטען איינע פון זיינע וואונדערליכע רעדעס, און אונזער רבי האָט אויסגעקליבען הרב אַלטוסקי'ן צו האַלטען די ענטפער-רעדע, וואָס ער האָט געלונגען דורכגעפיהרט.

יאָ, אונזער ראש-ישיבה האָט שוין מיט דרייסיג יאָהר צוריק געזעהן מיט זיין וויטען בליק, אז אָט דער צוריקגעצויגענער ישיבה-מתמיד, וועמען מיר אין ישיבה האָבען גערופען: „יודעל וואַרשע-ווער", לא-ישקר — ער וועט אונז ניט ענטוישען. דער ראש-ישיבה האָט געלייגט אויף איהם גרויסע האָפנונגען, און היינט פרייען מיר זיך וואָס די דאָזיגע האָפנונגען זענען פאַרווירקליכט געוואָרען.

עס איז אַ נחת צו זעהן אונזער באַליבטען הרב אַלטוסקי אַלס פּרעזידענט פון דעם בראָנקסער ראַבינאַט (ועד הרבנים), וואָס צעהלט נאָהענט צו הונדערט מיטגלידער, און אַלס פיהרער און טוער אין איבער אַ טוץ רעליגיעזע אינסטיטוציעס. עס גיט אונז אַ סך פרייד צו זעהן ווי ער און זיין רבנית האָבען ערצויגען דריי זיהן גרויסע תלמידי-חכמים און יראים אין שעהנסטען זין פון וואָרט, אַז אַלע בענשען זיך אין זיי, ווי עס איז געשריבען: „ונברכו בך כל משפחות האדמה"; און מיר זענען שטאָלץ אויף דעם פאַקט, וואָס צעהנדליגער תורה-אַנשטאַלטען און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס האָבען אין הרב אַלטוסקי'ן אַן אויפריכטיג-איבערגעגעבענעם און האַרציג-וואַרעמען פריינד, וואָס איז אַלע מאָל גרייט אויסצושטרעקען זיי אַ העלפענדע האַנט.

נאָר שוין איבער צעהן יאָהר ווי הרב אַלטוסקי האָט גענומען אַרויסווייזען גרויסקייט אויך אויף'ן געביט פון קעמפען פאַר אַ גאַנצער, אַבסאָלוט קאָמפּראָמיסלאָזע, תורה-טרייער אידישקייט אין אונזער לעבען. הרב אַלטוסקי האַנדעלט אין דער היניזיכט אין ווידער-שפּרוך צו זיין געמיטליכען כאַראַקטער. ווען עס קומט צו קריטיקירען געוויסע ערשיינונגען אין דעם לעבען פונ'ם היגען רעליגיעזען אידענ-

טום, ווייל ער זיך פאר קיין פאל נישט צופאסען צו דעם נייעם „גייסטיגען קלימאט" — צו די הערשענדע שטימונגען פון דער גאס...

אין זיינע ארטיקלען אין „שוהל-לעבען", פון וועלכען איך האב דעם כבוד צו זיין דער רעדאקטאר, זעהן מיר הרב אלטוסקי אין זיין אידעאישער אויסגעהאלטענקייט, ווי ער וויל זיך אויך נישט בויגען פאר'ן גייסט פון דער „נייער צייט".

הרב אלטוסקי שרייבט מיט פאטאס, מיט ברען און שטורם; אין זיין קאמף פאר א גאנצער תורה-טרייער און טראדיציאנעלער אידישקייט איז ער באהערשט פון דעם פייער פונ'ם „אש דת"; ער רופט אן זאכען ביים ריכטיגען נאמען, און ער טייטעלט דערביי מיט'ן פינגער געגען די יעניגע וואס גלויבען, אז ביי געוויסע אומשטענדען מעג מען אביסעל אפווייכען פון דעם אנגעצייכענטען תורה-וועג!...

* * *

און איצט, אייניגע ביאגראפישע פארצייכענונגען פונ'ם ווירדיגען יובילאר.

הרב אלטוסקי איז געבוירען געווארען אין ווארשע (פוילען), אין 2-טען טאג סוכות, פון יאהר תרנ"ו (1895). זיין פאטער ר' חיים דוב, א באקאנטער למדן און ארכיטעקט אינזשינער, האט געשטאמט פון בריסק-דליטא. ר' חיים דוב'ס זיידע, ר' משה אלטישער, איז געווען א גאון בתורה און מען האט איהם געוואלט אויפנעמען אלס רב אין בריסק. צווישען די שבחים אויף זיין מצבה, ווערט געזאגט: „נשיא אלקים אתה בתוכנו". הרב אלטוסקי איז דער 10-טער דור פון „מגלה עמוקות".

אויך פון זיין מוטער'ס זייט שטאמט אונזער בעל-היובל פון גרויסען יחוס. זיין מוטער'ס פאטער, ר' הערש פסח ליבערמאן, איז געווען באקאנט אלס „דער לעבעדיגער שולחן-ערוך".

ביז 13 יאהר האט דער יונגער אלטוסקי געלערענט בהתמדה אין די ווארשעווער ישיבות. נאכהער איז ער געפאהרען לערנען ביים קאנסטאנטינער רב אין לאשיץ, זיין מוטער'ס געבורטס-שטאדט. פון דארטען איז ער געפארען לערנען אין דער ישיבה אין מאקאווע און

דאָן אין סאָכאַטשאָוו, אַ באַוואוסטע חסידישע שטאָדט, וואו מען האָט נאָך דער פּטירה פון ר׳ אברהם׳לע סאָכאַטשאָווער זצ״ל, דעם „אבני־נזר״, אויסגעקליבען 60 פון די בעסטע בחורים אין פּוילען און מיט זיי געשאַפען דאָרטען אַ ישיבה.

אין יאָהר 1911, איז דער יונגער אַלטוסקי געפאָהרען לערנען אין דער ישיבה פון חפץ־חיים זצ״ל, אין ראַדין. דער ראש־הישיבה הגאון ר׳ נפתלי טראָפּ זצ״ל, האָט איהם פאַרהערט, און הערענדיג אַז ער קומט פון סאָכאַטשאָוו, האָט ער איהם געבעטען נאָכצוזאָגען עפּעס אַ גוט „שטיקעל תורה״ פון „אבני־נזר״, און נאָכדעם ווי דער 16־יאָהריגער אַלטוסקי האָט פאַר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד ערפילט די דאָזיגע בקשה, האָט איהם ר׳ נפתלי באַשטימט אַלס איינעם פון די ערשטע 10 בעלי־הכשרונות פון דער ישיבה.

הארט פאַר׳ן אויסברוך פון דעם ערשטען וועלט־קריג (אין יאָהר 1914), האָט דער חפץ־חיים געשאַפען אין דער ישיבה אַ כולל פון אַכט יונגעלייט, צאָהלענדיג זיי פאַר פולער אויסהאַלטונג, זיי זאָלען זיך אין גאַנצען ווידמענען צום לערנען פון סדר קדשים, וואָס איז נויטיג אויף נאָך ביאת המשיח. אויסער דעם, האָט דער חפץ־חיים אויך אויסגעקליבען 20 באַגאַבטע תלמידים, וועלכע ער האָט געצאָהלט מאָנאַטליך אַ געוויסע סומע געלט, מיט דער אויפגאַבע צו לערנען יעדען טאָג עטליכע שעה דעם סדר קדשים. צווישען די לעצטע האָט זיך אויך געפונען הרב אַלטוסקי.

פיער יאָהר האָט הרב אַלטוסקי געלערענט אין ראַדין און אין יאָהר 1915 איז ער צוריק־געפאָהרען צו די עלטערען אין וואַרשע. צו יענער צייט, זייענדיג בלויז 20 יאָהר אַלט, האָט ער אָנגעהויבען זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, און זיין דעביוט אויף דער געזעלשאַפטליכער ארענע איז געווען ווען ער האָט געהאָלפען גרינדען אין וואַרשע די „צעירי מזרחי״.

אין יאָהר 1918 איז הרב אַלטוסקי געפאָהרען לערנען אין דער לאָמזער ישיבה, וועלכע האָט דעמאָלט דורכגעלעבט איהר גאָלדענע עפּאָכע (תקופת הזהב), ווייל צוליב דעם וואָס די ליטווישע ישיבות זענען אין דער צייט פון קריג אַנטלאָפען אין טיעף־רוסלאַנד, זענען די בעסטע עילוים פון ליטע געקומען לערנען אין לאָמזע,

וואו די ישיבה איז געבליבען אויף איהר אָרט. עטליכע יאָהר האָט הרב אַלטוסקי געלערענט אין לאָמזע, און פאַר זיין „באַמיהען זיך אין דער תורה”, איז ער באַלוינט געוואָרען מיט סמיכה, יורה יורה, ידין ידין — פון לאָמזער ראש-הישיבה, הגאון ר׳ יחיאל מרדכי גאָרדאָן שליט״א; פון דעמאָלסדיגען לאָמזער רב, הגאון ר׳ יהודה לייב גאָרדין זצ״ל, און פון שפּעטערדיגען לאָמזער רב, הגאון ר׳ אהרן באַקשט זצ״ל.

נאָר דאָ מוזען מיר זיך אויף א ווײַלע אומקעהרען צו רעדען וועגען דער צייט ווען דער לאָמזער רב איז געפאָהרען אין אַמעריקע. אונזער ראש-הישיבה האָט דאַן אויסגעקליבען הרב אַלטוסקי צו באַגלייטען דעם לאָמזער רב קיין ווארשע, וואו ער האָט געדאַרפט וואַרטען צוויי וואָכען פאַר דער אַמעריקאַנער וויזע. זיי האָבען דאָרטען די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין לערנען, און אײנמאָל, אין מיטען רעדען אין לערנען, זאָגט הרב גאָרדין צו הרב אַלטוסקי, אַז ער האָט פאַר איהם א „גוטען שידוך”, אָבער ער פאַרלאַנגט שדכנות, וואָס א שטייגער? הרב אַלטוסקי זאָל איהם געבען א תקיעת-כף, אַז ער וועט זיין א רב בישראל.

דער שידוך איז צושטאַנד געקומען. דאָס איז הרבנית רחמה, אַ גרויסע מלומדת, די טאָכטער פון הרב ר׳ אברהם משה גאָרעליק, באַקאַנטער למדן און רב פון רוטקע, נעבען לאָמזע. איהר ברודער איז דער באַוואוסטער עילוי און ירא-שמים הרב ר׳ ירוחם גאָרעליק, ראש-ישיבת ר׳ יצחק אלחנן און זכרון-משה.

געקומען אין אַמעריקע איז הרב אַלטוסקי אין יאָהר 1925. ער איז באַלד אויפגענומען געוואָרען אין דער וואָלקאָוויסקער שוהל אין ניו-יאָרק. מיט צוויי יאָהר שפּעטער, האָט מען איהם אויפגענומען אין דער שוהל משכנות-ישראל, אין די בראָנקס, וואו ער האָט אויפגעבויט א היגיענישע מקוה. נאָך אַכט יאָהר זיין אין דער שוהל, איז ער אויפגענומען געוואָרען אין דער שוהל לינת-הצדק, 1115 וואָרד עוועניו, בראָנקס, וואו ער פאַרנעמט דעם כסא-הרבנות ביז דעם היינטיגען טאָג.

שוין 15 יאָהר ווי הרב אַלטוסקי באַקליידט דעם אַמט פון פּרעזידענט פונ׳ם בראָנקסער ועד הרבנים. ער איז פּרעזידענט

פון דער „הסתדרות תלמידי ישיבת לאָמזע" און סגן־נשיא פון אגודת הרבנים אין אַמעריקע. ביז היינט האָט ער פאַרעפענטליכט 4 חלקים פון זיין אַנערקענטען ספר „הגיוני יהודי" אויף די ערשטע 4 חומשים.

הרב אַלטוסקי איז דער געבענשטער טאַטע פון הרב ר׳ זאב אַלטוסקי, תלמיד און מוסמך פון טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד, איצט פרינציפאַל פון ישיבת ר׳ חיים בערלין. זיין שווער איז הרב ר׳ יהודה לייב קאַגאַן, מנהל ישיבת ר׳ ישראל סאַלאַנטער. דער צווייטער זוהן, הרב ר׳ חיים דוב אַלטוסקי, איז א מיטגליד פון אגודת־הרבנים און לערענט די גאַנצע צייט אין כולל פון ישיבת ר׳ ישראל מאיר הכהן, וואו זיין שווער, הרב ר׳ חיים פינחס שיינבערג, איז מנהל רוחני, און דער דריטער זוהן איז הרב ר׳ יעקב אַלטוסקי, תלמיד און מוסמך פון דער מירער ישיבה.

* * *

אַלטקייט — האָט מיט איבער 2 טויזענט יאָהר צוריק געזאָגט דער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטעל, וואָס האָט זיין פילאָזאָפישע חכמה גענומען פון אונזערע חכמים אין ירושלים — האָט נישט צו טאָן מיט יאָהרען. מען איז אַזוי אַלט, ווי מען פיהלט וועגען דעם. וואָס אַנבעלאַנגט הרב ר׳ יהודה אַלטוסקי — איז ער צו זיין 60־טען געבורטסטאָג נאָך גאָר יונג. איך גלויב, אז דאָס איז דערפאַר ווייל צו זיינע מעלות אַלס תלמיד־חכם, עוסק בצרכי ציבור באמונה און אַלס־ירא שמים — איז ער אויך א מזג־טוב. ער איז טראָץ זיין קעמפערישען גייסט ווען עס קומט צו „קנאת ד׳ צבאות" — א בריליאַנטענער מענש. ער איז גוט צו אַלעמען, זענען דערפאַר אַלע גוט צו איהם, וועט דאָך דער דאָזיגער וואונדערבאַרער געפיהל האַלטען איהם יונג פאַר נאָך פיעל, פיעל יאָהרען...

און אונזער וואונש איז, אז דער חותך חיים לכל חי זאָל איהם געבען כח און קראַפט אָנצוגעהן מיט זיינע מעשים־טובים ביז 120 יאָהר!

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", כסלו־טבת, תשט״ו.

דער רב וואס טראגט ווירדיג די רבני׳שע קרוין

פון הרב מענדעל זאקס

(ראש־ישיבת חפץ־חיים און איידעם פון חפץ־חיים)

אבוואהל, עס איז געגען מיין פרינציפּ ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט מיט ווערטער פון לויב פאר וועלכער עס איז פערזאן, פיהל איך אבער, אין דעם איצטיגען פאל די נויטיגקייט ארויסצוגעהן פון מיין גדר, און זיך אנשליסען אין דער רייע פון די פיעל פארעהרער און פריינד, פון מיין גרויסען ידיד, הרב הגאון ר׳ יהודה אלטוסקי שליט״א, וועמענס 60־טער יובילעי ווערט איצט געפייערט.

מיין נאהענטע פריינדשאפט מיט׳ן חתן היובל איז נאך פון יענע יאהרען ווען ער האט געלערענט, אלס תלמיד, אין אונזער ישיבה חפץ־חיים אין ראדין, אונטער דער פיהרערשאפט פון מרן אדמו״ר החפץ־חיים זצוק״ל. הרב אלטוסקי איז געווען פאררעכענט צווישען די מצוינים און יחידי־סגולה אין דער ישיבה. א דאנק זיינע אויסגעצייכענטע כשרונות און זיין גרויסען חשק צו לערנען האט ער זיך ערוואָרבען א רייכען באגאזש פון תורה. צו דעם האט ער אויך קולטיווירט אין זיך שיינע מדות, ווי עס פאסט פאר א תלמיד־חכם.

עס איז שוין מעהר ווי דריי צעהנדליג יאהר, ווי הרב אלטוסקי טראגט מיט ווירדע די קרוין פון רבנות און גייסטיגער פיהרערשאפט. דער בעל־היובל ווייזט אלעמאל ארויס, אין גייסט פון חפץ־חיים, אויסגעהאלטענקייט אין זיינע פרינציפּען. ער קעמפט פאר אלץ וואס איז הייליג אין אידענטום. די ספרים, וואס ער האט ארויסגעגעבען, און די מאמרים וואס ער שרייבט — זענען וועג־ווייזער און קוואלען פון אינספּיראציע פאר רבנים און גייסטיגע מנהיגים.

איך פערזענליך פיהל א טיפע דאנקבארקייט צום בעל־היובל פאר דער באדייטענדער הילף און שטיצע וואס ער האט געלייסטעט ווען מיר האבען זיך אנגעשטרענגט איבערצופלאנצען אויפ׳ן אמעריקאנער באדען די ישיבה חפץ־חיים מראדין, און עס איז אונז אויך,

ב"ה, געלונגען איצט צו פאַרשאַפען זיך א פראַכטפולען בילדינג (אויף 170 ריווערסייד דרייוו, ניו־יאָרק), וואו מיר קענען האָבען אַ פולשטענדיגע ישיבה, צוזאַמען מיט אַ מכינה, צוצוגרייטען תלמידים פאַר דער גרויסער ישיבה.

מיר בעטען ביים רבונו של עולם, ער זאָל בענטשען הרב ר׳ יהודה אַלטוסקי מיט אַריכת ימים, מיט געזונט און הצלחה, אז ער זאָל זיך קענען ווידמענען מיט נאָך מעהר ענערגיע צו דער הייליגער אויפגאַבע פון בויען תורה־אידישקייט אין אַמעריקא. ער איז ווירקליך די פאַסיגע פערזאָן פאַר דער טעטיגקייט, גאָר פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט מקיים געווען דעם „קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים". ער האָט, ב"ה, אויפגעשטעלט אין דעם לאַנד א בית נאמן, א דור ישרים יבורך, — דריי זיהן — זאָלען געזונט זיין — גרויסע תלמידי־חכמים מוסמכים ועוסקים בתורה.

השי"ת זאָל איהם בענשען, צוזאַמען מיט זיין חשוב׳ע רבנית, צו האָבען פיעל נחת פון זייערע טייערע קינדער און משפחות, און דערלעבען ישועות, און די גאולה שלמה.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", כסלו־טבת, תשט"ו

גרעסער ווי מיר האבען ערווארטעט...

פון הרב שמעון מארדוכאוויץ
(מנהל פון בראָנקסער ראבינאט)

איך בין דאַנקבאַר דעם רעדאַקטאָר פון „שוהל-לעבען" פאַר געבען מיר די געלעגענהייט אויסצודריקען מיינע געפיהלען איבער דעם 60-טען יובילעי פון מיין טייערען יוגענט-פריינד, הרב ר' יהודה אַלטוסקי.

איך געדענק הרב אַלטוסקי פון דער צייט וואָס מיר האָבען געלערענט אין דער לאָמזער ישיבה. איך בין אָנגעקומען אהין נאָך גאָר אַ יונג אינגעל, אין יאָהר 1922. הרב אַלטוסקי, וועמען אַלע אין ישיבה האָבען גערופען: „יודעל ווארשעווער", איז שוין דעמאָלט געווען אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן און פון די בעסטע תלמידים אין דער לאָמזער ישיבה, וועלכע איז, אגב, צו יענער צייט, געווען די בעסטע און גרעסטע ישיבה אין דער וועלט. נאָהענט צו פינף הונדערט תלמידים האָבען דעמאָלט געלערענט אין לאָמזע, וועלכע איז געווען די איינציגע ישיבה צו בלייבען אויפ'ן פלאַץ, נאָכדעם ווי די אַנדערע ישיבות פון ליטע זענען אין די יאָהרען פון ערשטען וועלט-קריג געהאַט אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד, און די גרעסטע עילויים פון די דאָזיגע ישיבות זענען געקומען לערנען אין לאָמזע.

צווישען די דערוואַקסענע תלמידים פלעגען אָפטמאָל פאַרקומען געשפרעכען וועגען זייער ציעל אין לעבען. יעדער איינער פון זיי האָט אויסגעדריקט דעם וואונש צו זיין אַ גרויסער למדן און ירא-שמים, כדי צו קענען משפיע זיין אויף אידען און אויפ'ן אידישען לעבען. איך האָב פון די געשפרעכען פאַרשטאַנען, אַז דאָ, אין לאָמזע, ווערען אויסגעשמידט די צוקונפטיגע גייסטיגע פיהרער פון אידישען פאָלק.

עס זענען אַריבער דריי צעהנדליג יאָהר, און מיר זענען היינט עדות, אַז דער דאָזיגער וואונש צו ווערען גדולי-תורה און גייסטיגע פיהרער ביי אידען איז ביים גרעסטען טייל פון די דערמאָנטע

תלמידים פארווירקליכט געוואָרען. אין אַמעריקע, אין ארץ ישראל און אין אַלע אַנדערע לענדער פון איבער גאַר דער וועלט זענען היינט־צו־טאָג פאַראַן צעהנדליגער געוועזענע לאָמזער תלמידים, וואָס פאַר־נעמען שטעלעס פון ראשי־ישיבות, רבנים און אַנדערע הויכע גייס־טיגע פאָזיציעס אין אידישען לעבען. זייערע נעמען זענען באַריהמט אויף ווייט־און־ברייט אַלס גדולי־תורה, וועלכע זענען מקדש דעם שם שמים ברבים.

נאָר הרב אַלטוסקי געהערט צו די געצעהלטע תלמידי־חכמים, וועלכע זענען אויסגעוואָקסען העכער און גרעסער ווי מיר האָבען פון זיי ערוואַרטעט. ער איז אַן אמת׳ער אידעאַליסט, און אַזאַ גדול־בתורה, וואָס איז גרייט צו קעמפען פאַר זיין הייליגען אידעאַל, דעם אידעאַל פון תורה און תורה־אידישקייט. —

שוין איבער פופצעהן יאָהר, ווי הרב אַלטוסקי איז דער פרעזידענט פון בראָנקסער ועד־הרבנים, פון וועלכען איך בין דער מנהל. מיר קומען זיך צוזאַמען כמעט יעדען טאָג, און איך האָב דערפאַר די געלעגענהייט צו בעאָבאַכטען איהם אַליין און זיין גאַנצע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט פון דער נאָהענט. זעהר אָפט וואונ־דער איך זיך: אין דער לאָמזער ישיבה האָט דאָך געהייסען, אַז „יודעל וואַרשעווער״ איז זעהר א רוהיגער מענש, ער איז די רוהיג־קייט אַליין. אָבער פאַר די עטליכע צעהנדליג יאָהר וואָס ער איז רב אין די בראָנקס, האָב איך איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהן רוהען פון אַרבייטען פאַר תורה, פאַר חסד און פאַר אַלץ וואָס איז שעהן און ערהאַבען ביי אידען. ער איז אַן אַקטיווער טוער אין פיעל תורה־אַנשטאַלטען און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, און דאָס מאַכט איהם זיין טעטיג פון אין דער פריה ביז שפּעט אין אָוונט. ער איז אַלע מאָל גרייט מיט־צו־העלפען אין דער אַרבייט פאַר הרבצת־התורה און ער האָט אַלע מאָל צייט צו טאָן א איד א טובה.

זיין לעבענס־שטייגער איז א לעבען פון קידוש שם שמים. זאָל זיך וועלכע עס איז רעליגיעזע אינסטיטוציע ערלויבען אָפּצו־נויגען פונ׳ם דרך התורה, וועט הרב אַלטוסקי באַלד אַרויסטרעטען מיט זיין וואָרט פון קריטיק. הערען מיר טאַקע ווי מענשען זאָגען וועגען איהם: „אָט דאָס איז אַן אמת׳ער רב!״. ער איז א נאה

דורש ונאה מקיים; האָט אַליין, צוזאַמען מיט זיין רבנית, די גרויסע משכלת, ערצויגען זיהן תלמידי־חכמים, און ער אַגיטירט אַנדערע צו ערציהען זייערע קינדער אין תורה און אין אמת'ער אידישקייט.

ווי איך האָב פריהער באַטאָנט, איז הרב אַלטוסקי א קעמפער פאַר זיינע אידעאַלען, אָהן שום נגיעות. ווייל איך דאָ דערמאָנען א כאַראַקטעריסטישען פאַקט: אין דער לאָמזער ישיבה איז הרב אַלטוסקי געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די געצעהלטע תלמידים־מזרחי'סטען. אין דער ישיבה זענען בכלל געווען ווייניג פּאַרטייִמענשען. דער הויפּט־אינטערעס איז דאָרטען געווען אין לערנען תורה און מוסר. אָבער „יודעל וואַרשעווער", פלעגט אָפט אַגיטירען פאַר מזרחי.

און אויך דאָ אין, אַמעריקע, איז ער אַלע מאָל געווען א מזרחי און געווען טעטיג פאַר דער אָרגאַניזאַציע, ביז מיט זעקס יאָהר צוריק, ווען ער האָט זוכה געווען צו באַזוכען צום ערשטען מאָל מדינת־ישראל, און אַזוי ווי די דערגרייכונגען פון מזרחי אין ארץ־ישראל זענען נישט געווען גענוג צופרידענצושטעלען זייגע ערוואַרטונגען, האָט ער זיך דעמאָלט באַלד גענומען דערווייטערען פון אָט דער פּאַרטיי.

און איצט, ווען מיין גוטער פריינד, הרב ר' יהודה אַלטוסקי האַלט ביים אַריינטרעטען אין זיין זעכציגסטען לעבענס־יאָהר, זאָג איך צו איהם:

„אייער וועג אין לעבען אַלס איד, אַלס רב און אַלס גייסטיגער מנהיג איז שעהנער און בעסער ווי מיר האָבען ערוואַרטעט. איר זענט אויסגעוואָקסען גרעסער פון אייער וואונש אין די יונגע ישיבה־יאָהרען. איר האָט ביז איצט פיעל בייגעשטייערט פאַר תורה, פאַר אידישקייט און פאַר'ן רעליגיעזען אידענטום בכלל. זאָל ג־ט אייך העלפען, אז די נעקסטע זעכציג יאָהר, עד מאה ועשרים שנה, זאָלען זיין אויף דעם זעלבען אופן."

„לך בכוחך זה — והושעת את ישראל!"

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", כסלו־טבת, תשט"ו

הרב יהודה אלטוסקי, דער מושלם

פון הרב חיים יחזקאל מאזעסאן

אין דער אַלטער היים איז געווען באַוואוסט דער מושלם בכל המעלות. עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו פאַרברייינגען מיט אַזאַ מענשען. עס איז איהם נישט געווען פרעמד קיינע פון די וויכטיגע אידישע און וועלטליכע ענינים. ער האָט זיך געהאַט זיין בעשטימטע מיינונג, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט קלאָר און פעסט.

אָט אַזאַ פּערזענליכקייט, איז ביי היינטיגע צייטען פון ספּע־ציאַליסטען אויף פאַרשידענע געביטען שווער צו געפינען. איז איינער אַ ספּעציאַליסט אויף איין געביט, איז ער אונוויסענד אויף אַן אַנדער געביט. דאָס געהט אין וועלטליכע וויסענשאַפטען און אויך אין אידישען לומד׳ישען קרייז. דעריבער איז מיר געווען אינטע־רעסאַנט צו באַמערקען יעדעס מאָל וואָס איך בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט הרב אַלטוסקי, אַן אַנדער שטריך אין זיין געלערזאַמ־קייט און אין זיין כאַראַקטער.

איז מיר אויסגעקומען צו זיין שבת אין זיין שוהל, האָב איך געהערט זיין פּערל׳דיגע, לאָגישע דרשה, באַהאַנדלענדיג אַקטועלע צייט־פראַגען, אידישע און וועלטליכע, דורכגעוועבט מיט גלענצענדע אויסטייטשונגען פון מאמרי חז״ל. בין איך ביי אַ געלעגענהייט גע־קומען אין זיין שוהל ווען ער האָט געלערענט אַ בלאַט גמרא מיט אַ גרויסען עולם אידען לומדים, בין איך נתפעל געוואָרען פון זיין טיפער לומדות, זעלטענער הבנה און אויסגעצייכענטע הסברה, ווי עס איז געווען קענטיג נאָך דער אַריינמישונג מיט פראַגען פון די צוהערער.

בין איך איינמאָל אַריינגעקומען אין זיין שוהל צו מנחה, און ער האָט בין מנחה למעריב געזאָגט פאַרן עולם „עין יעקב״, בין איך געזעסען געפּלעפט צוהערענדיג זיינע וואונדערבאַרע ערקלע־רונגען אויף שווערע אגדתות און פאַרוויקעלטע דינים ומנהגים.

הרב אַלטוסקי איז פרייגעביג נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיג. ווען עס קומט צו איהם א רב צוגאַסט, איז ער איהם מכבד מיט זאָגען אַ דרשה. מיט מיר האָט עס אויך פּאַסירט, און איך האָב איהם אימער צוליב געטאָן. נאָר איינמאָל, ווען ער האָט מיך מכבד געווען מיט זאָגען בין מנחה למעריב, האָב איך געמוזט זיך ענטזאַגען, ווייל איך האָב עפּעס נישט גוט געפיהלט. אָבער ווי הרב אַלטוסקי האָט געענדיגט זאָגען עין יעקב, האָב איך זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען, און בין אַרויף אויפ׳ן בימה און אויסגע־דריקט מיין ענטציקונג און גראַטולירט די צוהערער, וואָס זענען זוכה צו הערען יעדען טאָג אַזעלכע באַלערענדע לעקציעס, וועלכע מאַכען ליכטיג די אויגען און עפענען די מוחות צו טראַכטען פון דער ערהאַבענהייט פון אונזער הייליגער תורה.

קומט הרב אַלטוסקי מיט אַ קאָמיטעט פון „ועד הרבנים דבראָנקס" אין ישיבת ר׳ ישראל סאַלאַנטער יעדעס יאָהר צו עק־זאַמינירען די תלמידים, איז אַ פאַרגעניגען צו הערען זיינע שפּרו־דעלדיגע און שכל׳דיגע פראַגען, סיי אין די קלענערע און סיי אין די הויכע גמרא און תוספות קלאַסען מיט אַזאַ בנעימות׳דיקייט, אז די תלמידים ענטפערען מיט שמחה אויף יעדע פראַגע.

עס איז שוין באַלד 15 יאָהר ווי הרב אַלטוסקי איז פּרעזידענט פון ועד הרבנים פון די בראָנקס, וועלכע באַשטעהט פון 80 מיט־גלידער פון פּראָמינענטע, באַריהמטע רבנים. עס איז מאַנכעס מאָל שווער צו פיהרען אַ מיטינג מיט רבנים. מאַנכע רבנים ווילען ריידען מעהר אויספיהרליך און לענגער ווי די צייט ערלויבט. אָבער הרב אַלטוסקי גיט אַ שמייכעל, מאַכט אַ קלוגע באַמערקונג, און דער רעדנער דערמאָנט זיך, אז עס ווערט שפּעט.

און אַזוי פיהרט ער אויך אַלס פּרעזידענט פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע פון די פיעלע געוועזענע תלמידים פון דער באַוואוס־טער און באַריהמטער לאָמזער ישיבה, וועלכע באַשטעהט פון פּראָ־מינענטע רבנים, ראשי־ישיבות, באַגאַבטע שרייבער און וויכטיגע בעלי־בתים.

אַזוי ווי ער איז אַ מושלם בעל־פּה, איז ער אויך אַ מושלם בכתב. דאָס האָט ער אַרויסגעוויזען מיט זיינע אויסגעצייכענטע

ספרים און פיעלע ארטיקלען אין צייטונגען און זשורנאלען, וועלכע זענען ווי קנאות'דיגע אויסגעשרייען געגען די פארשידענע מכשולים אין אידישען לעבען. און אויך אנווייזענדיג די תיקונים, וועלכע דארפען און קענען געמאכט ווערען אויב עס זאל נאר זיין דער רצון דערצו.

הרב אלטוסקי איז זעהר אקטיוו אין פארשידענע מוסדות התורה וצדקה און ספעציעל פאר ארץ-ישראל. פונדעסטוועגען האט ער אויך צייט יעדען טאג צו לערנען פאר זיך.

אויסער יחוס עצמו, האט הרב אלטוסקי אויך א יחוס-בנים. זיינע זיהן זענען רבנים, מוסמכים פון גרויסע ישיבות, יראים ושל-מים. זיינע שנורען זענען רבני'שע טעכטער, גרויסע געלערענטע און עכט פרומע אידישע פרויען.

איך ווינש מיין אמת'ן גוטען פריינד, הרב אלטוסקי, פון מיין טיפען הארצען, אריכות ימים ושנים, פיעל נחת פון זיין פא-מיליע און ער זאל בע"ה אנגעהן נאך פיעלע יאהרען מיט זיין וויכטיגע טעטיגקייט פאר תורה, עבודה, גמילות חסדים ובנין ארצנו הקדושה.

*) געדרוקט אין „שוהל-לעבען", כסלו-טבת, תשט"ו

מאמרים

אנקעטע.

„וואס דארף געטאן ווערען צו פארבעסערן דאס רעליגיעזע־אידישקייט?"

את המכתב ע"ד האנקיטה קבלתי באחור זמן, כי זה עתה שבתי לביתי, אחרי תיור של ששה שבועות בכל רחבי אמריקה, לתהות על קנקנם של ערי אמריקה ומה שראיתי ושמעתי בכל אלה המקומות, נותן תשובה חיובית גם לשאלתכם: התשובה היחידית והפוזיטיבית היא: ליצור ישיבות קטנות.

הגעו בעצמכם, עברתי בכמה עיירות וראיתי חנויות לעשרות סגורות בשבת ובכל זאת אין בעליהם יודעים כלום מה זאת שמירת שבת, רק מסורת אבותיהם בידיהם... האין זה אמת חותך שאין לנו שיור רק התורה הזאת? המאור שבתורה נותן חיות רעננית, כי נר מצוה ותורה אור. שביב אחד של למוד התורה יגרש הרבה מן החושך והאפילה השורר עתה בבתי ישראל הריקים מכל תוכן תורני.

שוא הוא העמל לחזק כשרות, שמירת שבת וכדומה בלי למוד תורה. בעיני ראיתי מה שאני מספר לכם עתה: בעל חנות, שכן לבית הכנסת שלי, התאונן לפני שרוצים לגרשו מהחנות ולהשכיר המקום לבית־צחוק, וטען שעלי החובה המוסרית למנוע שכן כזה מביהכ"נ שלי. ואמרתי לו שגם חנות פתוחה בשבת היא כצנינים בעיני היהודים המת־פללים בש"ק, והבטיחני שאם ישאר שם תהי' חנותו סגורה בשבתות ויו"ט. וכך הוה. פעלתי למענו והוא קיים הבטחתו לג' שבתות ולא יותר! כי לא טעם טעם שבת וסגירת החנות בשבת היתה בגדר גזירה, וגזירה עבידא דבטלא. לעומת זה ראינו ילדים מבתים המתנכרים לאביהם שבשמים וכיון שהלכו כמה שנים לישיבה קטנה שינו את פני הבית לטובה מן הקצה אל הקצה.

המוסד „תורה ומסורה" עומד לשרות כל העדות הרוצות בישיבה קטנה. עברתי בהעיירות הדרומיות של ארצות הברית וראיתי פרי „תורה ומסורה" קול התורה נשמע שוב במקומות אלה ורוח חיים חדש של תורה ומסורה נובע שם.

חבל שלא שלחתם אלי טופס מעתונכם, לידע מהותו.

בברכת התורה **הרב יהודה אלטוסקי.**

*) גדערוקט אין „די רעליגעזע שטימע", בואנאס־איירעס, כ"א אדר ב', תשי"ד.

ברכת כהנים בנשיאת כפים שלא בשעת דוכן

כתלמיד הדן לפני רבותיו, אני יוצא לדון בדבר חדש שנתפשט בימינו, לברך בברכת כהנים את החתן והכלה בעת החופה. וכן לברך בברכת כהנים לכל עת מצוא, לבר מצוה, לאחר גמר התפלה, וכדומה. בזמנים שלפנינו עשו זאת רק הרבנים המתקנים והקונסרבטיביים, וכהיום עושים זאת גם רבנים חרדים. בעיני ראיתי איך ששלשה רבנים, כהנים, גדולי תורה נתבקשו לברך בברכת כהנים את החתן ואת הכלה, בתו של רב חרדי, וכולם עלו על הדוכן לברך ברכת כהנים בנשיאת כפים. ואני עכבתים לפחות ממעשה נשיאת כפים, ואחד מהם חרה אפו בי, ושאלני לטעמא דאסורא. וכיון שאין דין זה נזכר בפירוש, עלינו לבוא מעט בארוכה, כדי שיתבררו ויתלבנו הדברים.

מניין לכהן שעולה לדוכן שלא יאמר הואיל ונתנה לי תורה רשות לברך את ישראל אוסיף ברכה אחת משלי, כגון ד' אלקי אבותיכם יוסף עליכם, ת"ל לא תוסיפו על הדבר (מס' ראש השנה דף כ"ח:).

הרמב"ם בהל' תפלה פרק י"ד הל' י"ב אומר בזה"ל: אין הכהנים רשאין בכל מקום להוסיף וכו' שנא' לא תוסיפו על הדבר. לשון זה מורה דין שני, שלא לבד שאין רשאי להוסיף על נוסח הברכה הכתובה, אלא גם שאין רשאי לברך עוד פעם אחת לאחר שבירך פעם, להיפך ממה שפסק הטוש"ע והשו"ע או"ח סי' קכ"ח סעיף כ"ח: כהן שנשא כפיו ואח"כ הלך לב"ה אחר ומצא צבור שלא הגיעו לברכת כהנים, יכול לישא את כפיו פעם אחרת. וכטעם המגן אברהם, דליכא בל תוסיף בעשיית המצוה ב' פעמים. וטעם זה מקורו בהגמרא הנ"ל „כיון דאילו מתרמי לי' צבורא אחרינא הדר מברך כולי' יומא זמני' הוא". וכתבו התוס' שם בד"ה ומנא, דלא שייך בל תוסיף בעשיית המצוה שתי פעמים. אבל מלשון הרמב"ם שהבאנו ועוד יותר, מזה שהרמב"ם לא הביא דין זה של מצא צבור אחר שיכול לישא כפיו, נראה ברור שהרמב"ם סובר שגם ע"ז שייך אסור בל תוסיף. ואף לפי פסק השו"ע שעולה בצבור אחר — פוסק החתם סופר בתשובה כ"ב באו"ח ...ובאותו צבור בתפלה א' אין

לישא כפים ב׳ פעמים בשום אופן. אך בצבורא אחרינא באותו תפלה שכבר נשא כפיו אם אין שם כהנים ישא ידיו ויברך כדי להוציא הצבור ולברך אותם. ואם יש שם כהנים בלא הם, נ״ל דלא ישא כפיו ולא יכנס עצמו לספק ברכה. ואפשר שלזה כיון ר״א שהתפאר שלא נשא כפיו בלא ברכה עכ״ל. מזה נראה ברור שהחתם סופר מתיר ע״פ הדחק רק „כדי להוציא הצבור״. אבל מעולם לא הי׳ מהין מי שהוא להתיר בשום אופן אחר. וטעמא מאי? מפני שברכת כהנים היא חלק מהעבודה שהיתה במקדש באופן מסוים, ואין לנו רשות לשנותו. ברכת כהנים מקומה היא רק בתפלה לאחר ברכת הודאה וקודם ברכת שים שלום. וזהו לשון הגמרא: ומה ראו לומר ברכת כהנים אחר הודאה דכתיב וכו׳, ומה ראו לומר שים שלום אחר ברכת כהנים דכתיב ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם (במס׳ מגילה ד׳, י״ח.) ואף בתפלה במקומה הראוי אין ברכת כהנים בכל התפלות. בשלשה פרקים כהנים נושאין את כפיהם וכו׳ אבל חכמים אומרים שחרית ומוסף יש בהם נשיאת כפים, מנחה ונעילה אין בהם נשיאת כפים וכו׳, ר׳ יוסי אומר נעילה יש בה נשיאת כפים, מנחה אין בה נשיאת כפים וכו׳ ורב נחמן אמר הלכה כר׳ יוסי, והלכה כר׳ יוסי (מס׳ תענית ד׳ כ״ו). וזה פשוט לדעת הרמב״ם שבאותן תפלות שאין בהן נשיאת כפים שיש בהן אסור בל תוסיף, אבל נוסף לזה יש במנחה עוד איסור אחד וזהו האיסור של שתויי יין הפסולים לעבודה, וממילא גם לברכת כהנים.

והנה הרמב״ם בהלכות נשיאת כפים, פרק י״ד הלכה א׳ כתב: בשחרית, במוסף ובנעילה הכהנים נושאים את כפיהם, אבל במנחה אין נשיאת כפים, מפני שבמנחה כבר סעדו כל העם ושמא שתו הכהנים יין ושכור אסור בנשיאת כפים, ודין זה דהרמב״ם מקורו בהגמרא הנ״ל: דכולי עלמא מיהת שכור אסור בנשיאת כפים, מנהני מילי וכו׳ אמר ר׳ יצחק אמר קרא לשרתו ולברך בשמו, מה משרת מותר בחרצן, אף כהן מברך מותר בחרצן, מה משרת עובד עבודה, דלא מתסר אלא שתויי יין ממש דכתיב יין ושכר אל תשת וגו׳ הא בחרצן מותר (פירש״י, שם) מזה אנו רואים שברכת כהנים היא כעבודה, וכמו כהן שתוי יין העובד עבודה הוא במיתה בידי שמים, כך כהן המברך והוא שתוי יין הוא במיתה. ואם על לאו דלא תוסיף עונשו במלקות שתוי יין חמור,

ועונשו מיתה בידי שמים. והרמב"ם שם בפרק ט"ו בסעיף ג' וד' חוזר ושונה שברכת כהנים כעבודה. בסעיף ג' מדבר בכהן שעבד עכו"ם בין באונס בין בשגגה אע"פ שעשה תשובה אינו נושא את כפיו לעולם שנאמר לא יעלו כהני הבמות וכו' וברכה כעבודה היא שאמר לשרתו ולברך בשמו. ובהלכה ד' מדבר הרמב"ם בפירוש בשתוי יין ואומר בזה"ל: והיין כיצד, מי ששתה רביעית יין בבת אחת אינו נושא את כפיו עד שיסיר את יינו מעליו, לפי שהוקשה ברכה לעבודה.

ועתה נבוא לשאלה זו אם מותר לכהן לברך ברכת כהנים בנשיאת כפים תחת החופה או במקומות אחרים, אבל לא בשעת דוכן. לכאורה הוא דבר פשוט כביעתא בכותחא לאיסורא, בין משום בל תוסיף. ובעת חדותא כמו בשעת נשואין גם משום שתוי יין. אבל מאן לימא לן שזה בגדר ברכת כהנים הבא רק בתנאים מוגבלים, אולי היא ברכה סתמא שיברך ד' אותם וישמור אותם וכו' ובאמת מצינו סברה זו בביאור הלכה על או"ח בסי' קכ"ח סעיף א', על דברי הרמ"א: ואין לזר לישא כפיו אפילו עם כהנים אחרים דזר עובר בעשה. יש לתמוה על מנהג העולם שנוהגים לברך אחד לחבירו בין שהוא כהן או זר בעת שמלוה אותו בלשון יברכך וגו' וכו'. ואולי יש לומר דטעם המנהג משום דס"ל כהב"ח דדוקא בפריסת ידים עובר הזר בעשה א"נ כו'.

מזה אנו רואים שזה ודאי שאם מברך בנשיאת כפים אז אם הוא זר הוא עובר בעשה, ואם הוא כהן אבל כיון שמברך שלא בזמנו, הוא עובר לדעת הרמב"ם משום בל תוסיף, ואם מברך בזמן מנחה או לעת ערב עובר גם משום שתוי יין המשרת או משום חששא דשכרות, ושאלת הביאור הלכה היא רק באופן שמברך בלי נשיאת כפים. וגם זה לא הוברר לו להתירא, רק בין שאר התירוצים ליישב מנהג העולם שנוהגים לברך אחד לחבירו בלשון יברכך הוא דוחק לעצמו בלשון „ואולי יש לומר". כי מפשטות הגמרא וכן מלשון הרמב"ם מוכח שנשיאת כפים היא רק פרט אחד מפרטי ברכת כהנים, אבל לא שמבלי נשיאת כפים אין זה בגדר ברכת כהנים כלל, רק כברכה בעלמא.

כי זה לשון הרמב"ם שם הלכה י"א: אין ברכת כהנים נאמרת בכל מקום אלא בלשון הקדש נאמר כה תברכו את בני ישראל כך

למדו מפי השמועה ממשה רבינו ע"ה כה תברכו בעמידה, כה תברכו בנשיאת כפים וכו', ובאמת לשון הרמב"ם תמוה, כי בגמרא למדו כל פרט מקרא אחרינא בעמידה, מדכתיב לשרתו ולברך בשמו, מה שירות בעמידה דכ' לעמוד לשרת, ונשיאת כפים מג"ש נאמר כאן כה תברכו ונאמר להלן וישא אהרן את ידיו ויברכם, מה להלן בנשיאת כפים אף כאן בנשיאת כפים. ועי' בלחם משנה שמתרץ תמי' זו בתירוץ דחוק, ובתוך הדברים הוא אומר „אבל ודאי שהם מקראי אחריני נפקי", זאת אומרת שברכת כהנים היא בעמידה, הוא ודאי, כי מדכתיב לשרתו ולברך ושירות הוא בעמידה. על נפקותא זו אין שום מחלוקת. ובכ"ז פוסק השבות יעקב ח"ב סי' א' בכהן זקן שאינו יכול לעמוד בעת ברכת כהנים שאין לבטלו מנשיאת כפים לעבור בג' עשה ויברך כשהוא יושב. לעומת זה הנפקותא של נשיאת כפים בברכת כהנים אינה ודאית, כי קשיא לי' לר' יונתן אי מה להלן כ"ג ור"ח ועבודת צבור אף כאן כ"ג ור"ח ועבודת צבור. ועי' גם במשנה למלך שם שמביא דעת הרמב"ן דסבירא לי' דקרא דויברכם לאו בברכת כהנים מיירי אלא ברכה דעלמא כעין ברכת שלמה. ולכן סוברים כמה פוסקים שכהן שידיו מרתתות מברך בלי נשיאת כפים, ואף שאין כ"ז להלכה, כדברי המשנה ברורה בס"ק נ' בד"ה אין מברכין וכ"ז הוא מן התורה וכו' וכתבו רוב הפוסקים וכמעט כולם דהני כולהו לעיכובא הוא, ואפילו בדיעבד לא יצאו באופן אחר עכ"ל. אבל גם לשון המשנה ברורה מורה לדעת שנשיאת כפים היא רק פרט מפרטי המצוה של ברכת כהנים ולכן הוא מפקפק בתירוצו לומר שבלי פריסת ידים אין עובר. ובאמת התירוץ הראשון של הב"ח הוא דר"י לא קאמר אלא לעלות לדוכן ולעמוד לשם בלא שישא את כפיו כלל ואף לא לברך יברכך וגו'. עיי"ש. שזה מורה דעת הב"ח שאף לברך יברכך בלי נשיאת כפים אסור. ובאמת גם הביאור הלכה בתירוצו השני ג"כ מתכוון לזה שברכת כהנים אף בלא נשיאת כפים אסור. וכדי לתרץ מנהג העולם הוא אומר בזה"ל: א"נ דכיון דתקנו רבנן שלא לישא כפים בלא תפלה, שוב מי שאומר פסוקים אלו של ב"כ בלא תפלה בין כהן בין ישראל הוי כמכוון בפירוש שלא לקיים בזה המצוה דברכת כהנים ולכן שרי, עכ"ל.

אבל בעוה"ר אותם הרבנים המברכים את החתן כלה ואותם המברכים את הצבור בעת גמר התפלה, וכן מברכי הבר מצוה

בברכת כהנים אם גם נדון אותם לכף זכות ונאמר שהם מכוונים לתירוץ הביאור הלכה שלא לכוון בזה לברכת כהנים אבל בעיני הצבור נחשב לברכת כהנים וגם קוראים לזה במפורש „פריסטאַל בענעדיקשאָן" ושם זה מורה על גרירת עוד עוון חמור, עוון אביזרייהו דעבודה זרה. כי באמת כל המנהג הזה של הרבנים לברך ברכת יברכך מקורו מקור אכזב ממנהג כהני עכו"ם שנשתלשל לכהני הבמות, הריפורם ראביים בלע"ז והרי זה בכלל ובחקתיהם לא תלכו כי לאו זה הוא גם על דבר שבקדושה, אם מקורו הוא התדמות לעכו"ם. וכן הוא לשון הספרי בפרשת ראה על הפסוק לא תעשון כן לד' אלקיכם: „וכי תעלה על דעתך שישראל נותצים למזבחותיהם חס ושלום, אלא שלא תעשו כמעשיהם וכו'. ולהלן בספרי אומר: השמר לך בלא תעשה פן תעלה עולותיך וכו'. וכן הוא בתלמוד שלנו: תניא אמר להן רבי יהודה לחכמים אף אני יודע שמיתה מנוולת היא, אבל מה אעשה שהרי אמרה תורה ובחוקותיהם לא תלכו (מס' סנהדרין ד' נ"ב:). ואם גם שיש מחלוקת ר"מ וחכמים בענין מיתה שיש בה שרפה (מס' ע"ז ד' י"א) אבל בהשאלה שלפנינו כ"ע מודו לאסורא, כיון שברכת כהנים בעת חופה וכן לאחר גמר התפלה הוא חק קבוע לכהני עכו"ם. וז"ל הילקוט שמעוני שם רמז תתפ"ה: השמר בלא תעשה פן תנקש אחריהם שמא תמשך אחריהם או שמא תדמה שמא תעשה כמעשיהם ויהיו לך למוקש אחרי השמדם מפניך, שלא תעשה כמעשיהם ויבואו אחרים וישמדו מפניך עכ"ל.

ולכן, נוסף לכל הטעמים הנ"ל אסור לזר וכן גם לכהן שלא בשעת דוכן לברך ברכת יברכך גם משום ובחוקותיהם לא תלכו, בין לאחר גמר התפלה ובין בשעת חופה. ואם החופה היא בלילה אז אסור בודאי משום שכרות, גם אם נאמר שבמנחה לא שכיחא שכרות, כתירוץ התוס' דלגבי ערבית שכרות דמנחה לאו כלום, דיותר שכיח שכרות בערבית מבמנחה. וגם יש לאסור ברכת הכהנים בחופה בלילה משום שני הטעמים של הירושלמי: ואין נשיאת כפים בלילה אלא ביום (ירושלמי ריש פ"ד דתענית) וכטעמו של הבאר שבע בפ"ז דסוטה, שנ"ל מלשרתו ולברך בשמו, מה שירות ביום ולא בלילה אף ב"כ ביום ולא בלילה. או כטעמו של גליון הש"ם משום שאין חזרת התפלה בלילה. והטעם השני של הירושלמי שם הוא: מצאנו תפלה בלא נשיאת כפים ולא מצאנו נשיאת כפים

בלא תפלה. ואם גם נאמר שאין עובר בודאי על כל האסורים הנ"ל בלא פריסת ידים, אבל בפריסת ידים אין שום ספק שעובר על כל האסורים הנ"ל.

ולהשומע להתרחק מברכה במקום שלא תקנו חכמים תבוא עליו ברכה.

*) נדפס ב„הפרדס", שנה כ"ח, חוברת ד'.

מי לד׳ אלי. לך כנוס

מצב איום ומזעזע בכל שטחי היהדות שורר כהיום בכל מחנה ישראל. מצב זה מטיל חוב קדוש על כל אחד מישראל לעשות חשבון נפש רציני שיביא לידי מעשים כבירים בעד הטבת מצב עם ישראל. אסור יותר לישב בחבוק ידים ולראות במו עיניו הסוף הנורא הצועד ברגל גאוה ובוז על כל קדשי וקדושי ישראל. בואו חשבון! חשבון מקיף כל דבר קטן וגדול, חשבון הכולל הגדיים כמו התיישים, חשבון חודר עד בית החסידים הקיצוני. בכולם אין בהם מתום, כולם עומדים על סף הכלי׳ ר״ל, ואין איש שם על לב לחשוב מחשבות לקדם פני הרעה, רק יוצאים באנחות ובגניחות וכל איש לפתח אהלו. הבזה נצא ידי חובתנו לשמים ולבריות?!

הידועות אינן צריכות ראי׳. ולכן לא נדבר עתה על המצב הפרוע השורר בבתי כנסת רפורמיים, קונסרבטיביים וגם לא מבתי כנסת „אורטודוקסים״ שאינם אורטודוקסים בתכנם רק בשם, ולמעשה, אינם נופלים בשום דבר מהבתי כנסיות הקונסרבטיביים. אבל, אוי נא לנו שבעתיים מהבתי כנסיות הדוגלים תחת דגל האורטודוקסי׳ שגם שם חסר הלהב של יראת שמים. גם בבתי כנסיות אלו אין שואלים שאלות אסור והיתר, ואין מתדיינים בדיני ישראל, כל עבודתו של הרב האורטודוקסי מצטמצמת רק בדרשות ונאומים ולפעמים ניטול גם חופש הדיבור ממנו, כי שמים מחסום לפי הרבנים. אין להרב להביע דעת התורה האמתית אם אין היא מקבילה לדעת הבעלי בתים. ואם הרב עובר על זה, אז אחת דתו להיגרש מבית הכנסת. גם מהלמודי קודש במשניות, עין יעקב וכדומה אין נחת ביעקב, בראות הרב הקלות ראש של שומעי לקחו בדברי חז״ל... וכה הרב יורד למדרגת חומר היולי בלי צורה וכדבר אי נחוץ בבית הכנסת. ובמתיחות כזו אין פלא שבמות הרב אין לוקחים רב חרדי אחר במקומו. וככה קהלות הקדושות מתרוקנות מרבנים חרדים. וכה אפסה תקוה בעד בני הישיבה החרדים לדבר ד׳ לכהן ברבנות. ואם אין תיישים הלא סוף סוף אין גדיים! ומה חושבים

על כל תופעות מעציבות אלה המנהלים של הישיבות, המתיבתות והכוללים? לא כלום! יוצאים באנחות, דואגים בסתר לבם ואין עושים כלום. מפתים הם לתלמידיהם שיהיו מורים וראשי ישיבות ומתיבתות, בשעה שאין שום בסיס להישיבות הקיימות כבר, לא רק במובן הרוחני שדברנו, אך גם במובן הגשמי. אין שום מוצא נכון לכסף הוצאות בתי התלמוד, ומצוקה כספית שוררת בכל פינה שאתה פונה. משכורת המורים היא דלה ונמוכה, וגם שכרם הדל אין נותנים בעתו; הזה כל תקות בן הישיבה לאחר עשרות שנות למוד ועמל בהישיבה? האין זה חוב קדוש על מנהלי הישיבות לטכס עצה בחבורה, ולא לפטור עצמם בשה"י פה"י שהכל על מקומו יבוא בשלום? מי פתי יסור על דלתי הישיבה בשעה שיוודע בחוצות שאין שום זכות קיום חמרי ורוחני במדינה זו לבן ישיבה ובכ"ז אנחנו מחשים! מעלימים ומסתירים מצב הדברים! בעיות אלו אינן עולות כלל על שלחן מלכים, מפחדים ויראים שלא יתגלע הפצע הזב דם ומורסא. משתיקים לכל מי שרוצה לגלות פנים, באמרם, שאין המצב כ"כ נורא...

אולי הצדק אתם שאין דורשים ברבים בעניינים כמו אלו כי רחוק משכר וקרוב להפסד הפרסום והדבור. אבל אם אין אפשרות לדון ברבים בכובד ראש על המצב, אבל על היחידים השרידים אשר ד' קורא להם במעמקי נפשם — החובה להתאסף ולדון על כל פרט ופרט ועל כל כלל וכלל. להתחיל ממספר א' והלאה, ולא להוציא מן החשבון שום דבר ואף לא חצי דבר. להתבונן ולהבחין רוח הבעלי בתים שאין בהם ריח תורה, וכפועל יוצא חסר להם הדרך ארץ לתורה ולנושאי התורה. ורוח בעלי בתים המכנים עצמם בשם חסידים ובעלי תורה ואין בהם דרך ארץ לתורה ולנושאי'. להתבונן להבין מצבם של ההסתדרויות הרבניות שאין קולן נשמע בין החיים.

להתבונן ולהבין מצב הישיבות, המתיבתות והכוללים המתמוגגים בעניותם המנוולת בכל העניינים רוחניים כמו גשמיים. ובכל זאת חיץ מבדיל בין אחת לחברתה, וכל אחת אומרת אני לבדי ואין בלתי! ואחר ההתבוננות, לבוא לעמק השווה בעצות נכונות איך להחזיר כבוד התורה ליושנה. בין כל שדרות העם ואם לאו — לקיים: לך עמי בוא בחדריך עד יעבור זעם ההפקרות והבטול. כי מה בצע באמירת שלום עליך נפשי, ולסבול בדומי' מאחינו-בשרינו, המבזים אותנו על כל

פסיעה ופסיעה, בה בשעה שכל זכות קיומם הוא בקיומנו, כי אם אין תורה אין כלום, ואם אין תורה אין גם לאומיות. אבל עד שכל ההסתדרויות החילוניות יראו ויווכחו בהאמת התורנית היחידית והנצחית — עלינו לנקוט בשיטת „לך עמי בא בחדריך" לו גם לזמן מעבר קצר — בסדר נכון שיוביל לחוף בטוח. אם אין מקום לרבנות אמתית בלתי מזויפת בהמדינה, לפי שעה, החובה לסדר שעורים בעד מסיימי הישיבות במקצוע ההוראה והפדגוגי'. שעורים פרגמטיים בשחיטת עופות ושחיטת ובדיקת דקות וגסות, שעורים בכתיבת ועיבוד סת"ם, וגם שעורים בקריאת התורה, אל יחסר שום דבר מן המזג. ועבור אותם בני הישיבה היוצאים לעולם המסחר והתעשי' לתקן תקנות ולהשפיע עליהם להתפלל ולהיות חברים רשמיים בבתי כנסיות קבועים, ולא להסתתר במנינים. בדרך זו ייצרו הנוקליאום של בית כנסת חרדי אמתי, ולא לעזוב שדה בית הכנסת הפקר לכל איש בער וגס. ואם כנסי' מצומצמת זו תבוא לידי מסקנא שהעתונים היהודיים והעבריים הם זרים לרוחנו, שאין לתורה ולרוח התורה והמצוות חלק בהם, אז — לאהליך ישראל. אם בידינו לשנות את מהלך מחשבותיהם וסופריהם, ולהוכיחם על פניהם שאין הם יהודיים רק בלשון, והלשון יהודית או עברית היא רק כלי מכשיר לשרת מחשבותיהם והכלי רק אין בו מים של תורה, אבל נחשים ועקרבים לרוח ישראל סבא יש בו, אם יווכחו — טוב, ואם לאו מן החובה על האספה הזאת לסדר ה„לאהליך ישראל" בהשכל ודעת. גם ביחסינו לארצנו הקדושה, לארץ ישראל ותורת ישראל, אל נשלה נפשנו לשוא. תקוב האמת את ההר של אכזבות בלי משוא פנים לשום מפלגה. וכן בכל פרט ופרט, לחשוב מחשבות על יכולת כבוש, כולו או רובו, ואם לא אז — לך עמי בא בחדריך. להכיר תמיד ובכל ענין את האמת המתוקה או המרה, ולא לעשות תרמית בנפשנו. חותמו של הקב"ה אמת. ובכחה של האמת להצמיח פירות גם מאדמת צחיח. אבל רק אם האמת המזוקקת שבעתים היא נר לרגלי מבקשי האמת. אמת כזו היא רחוקה מן המציאות באספת רבת עם מפני כמה טעמים פסיכולוגיים וסוציאליים. שום דבר ממשי לא יברא מאספה פומבית ורוב עם. ברוב עם הדרת מלך. אבל — רואי פני המלך הם שבעה. „ועיבור שנה מטכסיסי מלכות שמים הוא ליישב סדר השנים על מכונן" (רש"י בסנהדרין דף י':).

כן, מטכסיסי מלכות שמים ליישב סדר השנים על מכונן — צריכים לרבן גמליאל שיאמר „השכימו לי שבעה לעלייה".

היימצא איש כזה במחנינו היום? השבעה אנשים או שתי פעמים שבעה, שיאותו לישב בעלייה לחשוב חשבונו של עולם — ימצאו. אבל מי יתן לנו הרבן הכואב כאב עמו. הכהן הגדול הצועק בדמי נפשו זעקת משה, רבן של ישראל „מי לד' אלי!" מי יתן והי' המרדכי היהודי השומע לקול „לך כנוס", ויאמר „השכימו לי שבעה לעלייה"?!

*) נדפס ב„הפרדס", שנה כ"ח, חוברת ד'.

יובל הארבעים לקיומה של „עזרת תורה"

ארבעים שנה אקוט בדור. ארבעים שנות קיומה של „עזרת תורה" הן מופת חותך של הכח האקטיבי הצפון בנו — אילו היינו רוצים... אם יכולנו להקים מנגנון עזרתי כה יעיל וכה נהדר כה„עזרת תורה", הרי היא העזרת תורה, פעולותיה והתפתחותה, מחייבת את הרבנים... הלא עובדה זו של יצירת העזרת תורה, מראה בעליל כחותינו הנעלמים.

אבל, מחשבות נוגות אלה אין מקומן בשעת חדוותא, בשעה שעינינו נשואות אל „יובל" הארבעים של ה„עזרת תורה", שיוחג ברוב פאר והדר בהחדש שמרבין בו בשמחה. ומשנכנס אדר, נרבה בשמחת המוסד גופא, ובשמחת האנשים הדגולים העומדים בראשו, שזכו לראות במו עיניהם שגשוגה והתרחבותה מיום הראשון להיווסדה, מיום היוולדה, ועד שזכה להכנס בגיל איש, בשנות הבינה. המוסד וראשי המוסד הם שני חלקים בלתי נפרדים. עומדים אנחנו משתוממים לפני המוסד הקדוש הזה שהוא יחיד במינו, הן באופן הרכשת האמצעים הכספיים, והן באופן חלוקת הכסף להנצרכים.

מי שמע כזאת שמוסד העוסק במאות אלפים דולרים לשנה, העולה למיליונים מיליונים דולרים במשך שנות קיומו יהא מתנהג באופן כה צנוע וקולו לא יהי' קול צורח הצועק לעזרה, אלא קול ה' בהדר, קול דממה דקה מלווה במעשים כה כבירים. כל הרואה מתפלא למראה עיניו, לראות לשכת מוסד בין-ארצי, מוסד עולמי, במלוא מובן המלה, מתכנס ומצטמצם בשני חדרים קטנים! וגם הדירה הקטנטנה הזאת אינה שלה. אמה חוללתה של ה„עזרת תורה" — אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה — היא היא המשלמת מהכנסותי' המצומצמות שכר דירת ה„עזרת תורה", ובלבד שלא תהא משא מעמסה של שכר דירה על כתפות הרזות של ה„עזרת תורה"!

ומי ראה כזאת, ומי שמע כזאת שמוסד בעל ממדים כזה יתנהג כמעט כולו על ידי רב גאון אחד שכבר בא בימים העובד עבודתו, עבודת הקודש, למן הבקר ועד הערב, ולפעמים עד שעות מאוחרות בלילה, מדי יום ביומו, בכל ששת ימי המעשה, בכל שבוע ושבוע

של שבועות השנה, בלי נופש גם בימות הקיץ, אדרבא, בימות הקיץ, אז הוא מכפיל עבודתו פי שנים, בנסיעות יומיות לכל מקומות נופש, ועוד מרתם אתו בעבודתו את הרבנים הבאים לשאוף רוח צח ולנוח. אבל למראה הופעתו של הרב הכי מכובד הזה, קמים הם ממקומותיהם ונוסעים אתו בצוותא חדא, בלי אכילה ובלי שתי' ובלי ליאות. כי איך יכולים להראות חולשות ומיחושים ולהתנגד לרצונו של איש שאינו יודע מה זאת חולשה, מה זאת ליאות ומה זאת עייפות? מרוחו, החזק מסלעים, היושב בתוככי גוף שבור ומרוצץ, הוא משפיע במדה, גדולה או קטנה, על כל הנלווים עליו, ועל כל הרבנים והבעלי בתים הקרובים והרחוקים לעמוד לימינו, להציל ולרחם על העזובים והנדכאים בכל מקומות פזוריהם — בלי לראות שום שכר בעמלם בעולם הזה. כי הוא הוא הסמל, להראות באצבע מה אני איני מקבל שכר אף אתם הטו שכמכם לעבוד בעד ה„עזרת תורה" על מנת שלא לקבל פרס. וכה עובד המוסד הזה המוסד היחידי בכל רחבי העולם כולו, בלי משולחים ובלי לשכות מסונפות, בלי מזכירות הראוי' לשם, בלי רהיטים ובלי חדר המתנה.

מעניין הוא לדעת שחלוקת הכספים הוא כמעט אותו הסכום הכולל של איסוף הכספים. תשעים ושנים אחוזים של כל הכספים הנקבצים, מתחלקים להנצרכים! צאו וראו בכל המוסדות והלשכות למיניהם, וחפשו בנרות אם תמצאו עוד מוסד כזה שכל הוצאותיו עולות לשמונה אחוזים! וכיון שבעזרת תורה אין מפזרים כסף על חדר-המתנה, אין פה נהג כזה! וכל מי שרוצה לפנות להמנהל, יבוא ויכנס בלי קביעות ראיון ובלי מזכיר, שמש ומשמש, לקבל בכתב כל פרטי חייו של המבקש עזרה, קודם שיזכה לראות ולהראות בפני האדון הגדול... כי לא ככל המקומות החילוניים, המקום הזה. של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קדש היא! פה היא עזרת תורה! עזרה על פי מוסר התורה. כי ימוך אחיך. אף על פי שהוא מך — אחיך הוא. ומתנהגים עם העני, כעם אח לצרה. מקבל הצדקה ומחלק הצדקה הם באמת אחים לצרה. שניהם עומדים כמעט על שלב אחד. כמעט שאין אחד יותר עשיר מחבירו. גם המנהל, בכבודו ובעצמו, גר במורד העיר עם דלת העם, בדירה צרה חשיכה ואפילה. וגם המנהל, בכבודו ובעצמו, לא לבש בגד חדש זה שנים על שנים.

וגם אין צורך גדול בחדר־המתנה, כי רוב הבקשות ל„עזרת תורה״ מתכסות תחת מסות „מתן בסתר״. כי רוב הנצרכים נכנסים תחת הסוג התורני של „אביון״ במושג העממי. עניים אלו הם בני משפחות גדולות בישראל, וברוב המקרים, גדולי ישראל בעצמם. הם ימיתו עליהם חרפת רעב, ולא יחזרו על פתחי הנדיבים. וברוב פעמים צריכים עוד להתחכם איך להושיט יד עזרה להם בלי שידעו מי הוא הנותן. עשרות, עשרות אלפים דולרים נשלחים ע״י ה„עזרת תורה״ רק על פי מכתבי בקשה מהתם להכא. המנהל מקבל מכתב, ועוד באותו יום, עזרה כספית נשלחת לאתר דמתבעי, בתנאי קודם למעשה, אם יש עוד איזה דולרים בהלשכה, וגם אם אין כסף במזומן, אבל אם יש יכולת להשיג הלואה, הלשכה מקיימת בעצמה לוו עלי ואני פורע. כי איך יכולים לראות באדישות לב איך שמשפחה נכבדה בישראל גוועה ברעב?! וכה עלו ושרגו חובות של עשרות אלפים שה„עזרת תורה״ חייבת, ואין לה במה לפרוע. ומי הם אלה הנשיאים בעם, שלקחו על עצמם העול הכבד מנשוא הזה?

כל החרדים לדבר ה׳ נושאים בעול ברב או במעט. אבל גולת הכותרת היא בראש וראשונה נשיא ה„עזרת תורה״, גאון ההלכה למעשה הרב ר׳ ישראל רוזנבערג שליט״א. הוא הי׳ תחלה וראשון להתחיל ה„עזרת תורה״ ועד היום הוא עומד ומתאזר תמיד בגבורה נוספה להמשכת והגדלת ה„עזרת תורה״. מה רב טובו ומשכורתו יתרה. ואין לנו אלא לברכו בברכת חתן בראשית „יהי גופו מכבד בכח להתאשרה״. והשני בדומה לו, הוא הרוח החי׳ באופנים, גאון המעשה וההלכה הרב ר׳ יוסף אלי׳ הנקין שליט״א, מנהל ה„עזרת תורה״, שכל מילי דמתא ודעלמא רמיין עלי׳. ובין הכנסה והוצאה פוסק פסקים, להתיר ולאסור, ויורה יורה ידין ידין לכל דורש ומבקש דבר ד׳, ולכל דורש ומבקש עזרה ממשית.

הבה נקוה שבמשתה יובל שנות הארבעים של „עזרת תורה״, מקום שם יתאספו כל גדולי התורה וגדולי הבעלי בתים החרדים לדבר ד׳ וכבוד תורתו, נתאזר כולנו עוז ואורה ללמוד מרבותינו שבגולה לקח טוב של הלכה למעשה להצלחת ה„עזרת תורה״ בפרט, והלכה למעשה להצלחת כבוד התורה ונושאי התורה בכלל.

*) נדפס ב„הפרדס״, שנה ל׳, חוברת ג׳.

אל תגידו בגת...

(לעתידה של אגודת הרבנים)

אל תגידו בגת, אל תבשרו בחוצות אשקלון, פן תשמחנה בנות פלשתים, פון תעלזנה בנות הערלים. זה הוא על דרך הקינה, כי יודעים היו, כי הם היו הורגים ישראל במלחמה, וכן אמר מיכה הנביא על דרך קינה בגת אל תגידו [רד"ק]. גם ה„מצודת דוד" הולך בדרך הרד"ק, וליתר הסבר הוא מוסיף תיבה אחת „למליצת" הקינה.

אבל גם במליצת הנביאים טמון תוכן עמוק ומקיף. מיכה הנביא כמו דוד מלך ישראל משתמשים בשם העיר גת, לא לייחד שם עיר זו דוקא, רק בעיקר להדגיש הרעיון הצפון בתיבת „גת" המשתמשת למקום שבו דורכים את הענבים. הגת יש בכחו לשנות פרי העץ הפרימיטיבי לבריאה אחרת, הטובה והיפה ממנה פי שבעתים, ליין המשמח אלקים ואנשים. הכח הפוטנציאלי החבוי בהענבה אינה יוצאת לאור העולם עד שכותשים אותה ודורכים אותה ומפצלים אותה לכל חלקי' הדקים והפרוצים — בגת. ואז רואים לפתע בריאה חדשה שנתחלפה מפרי העץ לפרי הגפן המשמח אלקים ואנשים.

יודעים היו אנשי גת ממיתת שאול, „כי הם היו הורגים ישראל במלחמה". יודעים היו שאיש בשם שאול מלך ישראל נפל במלחמה. אבל זאת לא ידעו ולא הבינו שלא סתם מלך ישראל, שיכולים להחליפו באחר, מת. אין כאן השיגרא המקובלת „מת המלך, יחי המלך". מהספדו של שאול, ניכר גם לבנות ישראל, תכונותיו המיוחדות והמעודנות של מלך ישראל „המלבישכם שני עם עדנים, המעלה עדי זהב על לבושכן". ירא הוא דוד לנתח סגולות שאול ברבים, פן תשמחנה בנות פלשתים. מגלה הוא טפח ומכסה טפחיים. בפנימיותו הוא מכיר את האבידה הגדולה, את השבר הגדול שבו לקה כלל ישראל בפטירתו של שאול, הנקי מחטא כבן שנה. בפני הדרת שאול הגבוה מכל העם משכמו ומעלה, צעק פעם מקירות לבו „אחרי מי יצא מלך ישראל, אחרי מי אתה רודף, אחרי כלב מת, אחרי פרעש אחד", „אחרי. בתר חלש חד, בתר הדיוט חד" (ת"א). אבל ירא הוא עתה להביע צערו ברבים, פן תעלזנה בנות הערלים!..

גם אנחנו שרויים עתה במצב טרגי זה. מתינו מוטל לפנינו. קשה לנו לקבל תנחומים על פטירת קברניטה של הרבנות החרדית הרב ר' ישראל הלוי רוזנברג זצ"ל. ועוד לקינו בכפלים, שגם לתנות תוגתנו, ולשפוך דמעותינו ברבים, נמנע מאתנו, פן תעלזנה בנות הערלים!.. אף שיודעים הם שהמלכא דרבן שבק חיים לכל חי, זהו בגדר מת המלך, יחי המלך. הרב רוזנברג זצ"ל, נשיא אגודת הרבנים מת. יבחרו בנשיא אחר במקומו. והכל על מקומו יבוא בשלום. אבל אוי נא לנו הקרובים לחלל, העומדים נדהמים ונבהלים. מבלי לדעת איך נשית עצות בנפשנו. עומדים אנו בלב ים זועף. מימין ומשמאל, הגלים סוערים עלינו לבלענו חיים ולרשת ירושתנו. המנהיג המנוסה עזב אותנו לאנחות, ואנחנו אבודי עצות, מי ילך לפנינו ללחום מלחמת התורה הקדושה?! מי יאחוז בהגה להובילנו אל חוף בטוח? צועקים אנו מרה, מי יתן לנו תמורתו! ובאותה עת ועונה אנו כובשים צעקותינו בגרוננו, שמים יד לפה להחניק אנחותינו שלא יצאו החוצה פן תשמחנה בנות פלשתים האומרים האח, זה היום שקוינו לו, הארי בחבורה מת ונתפרדה החבילה, ובכן איש לאהליך ישראל...

ומה עלינו לעשות בשעה מכריעה, שעת הרת עולם החרדי?

אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן, ורעי את גדיותיך על משכנות הרועים. משה רעיא מהימנא מת, ויהושע תלמידו לוקח מקומו. זקנים שבאותו הדור בוכים „פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה"! אבל בליל חשך ואפלה גם הלבנה תאיר אור. בימי אבלו של משה נשתכחו שלש אלפים הלכות, וזה גרם בכי' לדורות עד שיצאה ההלכה כרבי שמעון „של צבור אינן מתות"... משה עבדי מת, ועתה קום עבר את הירדן הזה, אתה וכל העם הזה. כאשר הייתי עם משה אהי' עמך. הלא צויתיך חזק ואמץ אל תערץ ואל תחת. ובדרך זה שהתוה קודשא בריך הוא למשה ויהושע, אחז דוד מלכא משיחא. בלם שפתותיו שלא תגיע הבשורה בחוצות אשקלון. תפס רסן המלוכה בידיו לאחד את בית ישראל סביבו. כן, נפלו גבורים ויאבדו כלי מלחמה! אמת — ותהי המלחמה קשה עד מאד ביום ההוא! אבל — דוד הולך וחזק. וכיון שקיים בעצמו מצות חזק ואמץ, אז ברבות הימים — ויבואו כל שבטי ישראל אל דוד חברונה, ויאמרו לאמר, הננו עצמך ובשרך אנחנו. ויאמר ד' לך אתה תרעה את עמי את ישראל, ואתה תהי' לנגיד על ישראל!

בדרך זו שכבשו לנו אבותינו בכל דור ודור, גם עלינו לצעוד ולעלות. ישראל עבדי מת אבל עם ישראל חי. ועתה קום עבר את הירדן הזה, אתה וכל העם הזה. ועתה קום — אגודת הרבנים, הבליגה על יגונך! אמור בדברי ר' יהודה הלוי „כוס יגונים הרפי מעט"!

למען כבוד ד' ועם ישראל ותורתו העומדים בצרה. נבליגה על צערנו האינטנסיבי על האי שופרא, הרב הגאון החביב ר' ישראל הלוי רוזנברג זצ"ל, האדם הגדול בענקים — דבלי בארעא. הצבי ישראל, על במותיך חלל. אבל חס לי' לזרעא דישראל להשאיר הבימה פנוי'. החלל שנתהווה בפטירתו, מוכרח להתמלאות משורותיו. ואם גם חכמי ישראל יריעו ויאמרו אין הבור מתמלא מחוליתו, נפלו גבורים ויאבדו כלי המלחמה. זאת אומרת רק, שביום ההוא תהי המלחמה קשה עד מאד, ובמצב איום זה המצוה, מצות חזק ואמץ, היא מצוה מכופלת ומשולשת. כשדוד הולך וחזק, אז סוף סוף בא קול ד' בכח האומר ומכריז בכל חללו של עולם, אתה תרעה את עמי את ישראל.

אל תגידו בגת, אל תבשרו בחוצות אשקלון מהמשבר שנתהווה במחנינו, פן תשמחנה בנות פלשתים... פן תעלזנה בנות הערלים... למראה השלל שנפל לפניהם לרשת אותנו. אבל בינינו לבין עצמנו, בד' אמות הסגורות של הלכה ועיון, נטכס עצה איך לרפא שבר בת עמי, התלוי בשבר מעשי ידיו של הרב רוזנברג זצ"ל, משבר האגודת הרבנים.

בתר חלש חד, בתר הדיוט חד — הי' צודק בשעה שמלך ישראל יצא במערכות המלחמה. אבל בשעה שמלך ישראל יצא מן העולם, עלינו ללכת חברונה, להתלכד להיות חברים בדעה אחת ובמחשבה אחת. החלש יאמר גבור אני, וברכת הדיוט אל תהא קלה בעיניך. נשאיר מאחורינו הקללה העולמית הרובצת עלינו של „מי בראש". והחלק המעושר כדין וכדת, יהי' קדש לד'.

*) נדפס ב„הפרדס", שנה ל', חוברת ז'.

אבי אבי, רכב ישראל ופרשיו

הדין... כי אם לא עכשיו אימתי? אבל עד העת המקווה של כנוס לצדיקים, בדור הזה של פלוג ופרוד... ועד העת שתוסר קללת — רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגי'... עלינו לשית עצות בנפשנו איך לעבוד שכם אחד עם הסתדרויות מוסמכי ישיבותינו דפה, על שדי הכשרות והחנוך התורני. כי אם לא נקום ונתעודד לעסוק בדברי תורה יחד, זה בסמכותו וזה במרצו השחרותי, אז כל אחד יכרע ויפול תחת משאו הכבד, ולא על הדרך היחידי תהי' תפארתנו!

אבל איך לבצע שתוף-פעולה בעבודות הקודש, בלי שותפות ארגונית. זוהי שאלה קשה וחמורה. אבל ברצון טוב יש רקע להבנה הדדית, ואולי גם לאחוד חלקי של הסתדרויות רבניות שונות, בגדר, אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב... ודוקא על אגוה"ר, הקשישא, להקדים שלום, להסתדרויות הרבניות הצעירות, ולהושיט להן יד עוזרת ומעודדת בסבר פנים יפות, **להזמינן לעבודה משותפת באמצעות צנור משותף לתרוייהו.** שום ארגון לא יבטל עצמיותו, ואף לא שום פרט מהמנגנון שלו. רק ועד משותף בכחות שווים מכל הארגונים, יוצר לשם מטרה זו, להתועד יחד בכל שבוע ולדון בכבד ראש על כל עניני היהדות הצריכים תקון או חזוק. לדוגמא נתעכב על איזה ענינים דחופים. נקח למשל ענין הכשרות. המצב בשטח זה לא יאומן כי יסופר. אלפי חנויות בשר כשר בעיר גדולה, ניו יורק, עומדות למעשה, תחת השגחת בעלי החנויות עצמם. והם, מוכרי הבשר כשר, ברובם המכריע, מחללי שבת בפרהסיא וקרקפתא דלא מנח תפילין!!! וזה רק הודות לאנגריא השוררת בין תלמידי חכמים! בכחות מאוחדים נוכל לפעול גדולות ונצורות, ולרכוש שוב אמון הקהל הרחב לשמוע בקול מוריהם בלב שלם ובטוח בלי פקפוקים... ולב מי לא יכאב להמצב הדחוק השורר בהישיבות. ארזי הלבנון, אדירי התורה נעשו חוזרים על הפתחים, ואנחנו מחשים! תורה נופלת (כמבטא הירושלמי, בסוטה פ"ז) ואנחנו מביטים בשויון נפש!

בכנוס שנתי זה, על אגודת הרבנים לנקוט אמצעים גם לקרב לב הבעלי בתים לתורה ולתעודה. לאסוף אספות משלומי אמוני ישראל, לחזקם באמונתם ויראתם. וכן לאסוף השבלים הבודדות בערי השדה ולארגנן... לערוך מסע בכל רחבי ארצות הברית וקנדה לחזק ידים כושלות, ולהעמיד שוחטים, רבנים ומלמדים. על כל אחד מאתנו להרגיש האחריות הגדולה שהוטלה עלינו מן השמים, להיות רועי ישראל בדור

יתום ומיותם — להיותנו נאים דורשים ונאים מקיימים מה שנדרוש ונאמר. כי לא המדרש עיקר בששים שעות־כנוס־שנתיים, כי אם המעשה אשר יעשון בכל יום ויום מימי השנה הבאה לפי התכנית של הכנוס, ולפי הוראות ההנהלה החדשה, מורכבת ברובה ממקום מושב אגודת הרבנים שצריכים לקיים בעצמם „לא שררות אני נותן לכם אלא עבדות", להיות עבדי המקום.

*) נדפס בהפרדס", שנה ל"ג, חוברת ג'.

מי יורה הוראה ומי ידין דין באמריקה?!

שאלת הרבנות המקורית, לדון ולהורות — מרחפת עתה בחלל העולם היהודי. כולם חדורים ברגשת הדילמה של אפסיות הרבנות, שהגיעה עד לקיצה. הרבנות היא עתה מלה שנתרוקנה כולה מתוכנה.

נוסף לזה, כל אחד המרגיש בנצחיות התורה לחיי הכלל והפרט, יודע ומרגיש בעמקיות נפשו, שבמצב ההוויי אנו אובדים הרקע שתחת רגלינו. התורה נעשית פלסתר ר"ל! בשם התורה ובשם רבנות, מדברים בפומבי בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, על גלי האויר והסכיון, בעתונים ובירחונים מכל המינים, על שקספיר ובירון, על איינשטיין וגאליליי, על אדם ובהמה וצמח השדה. על פסיכולוגיא ופילוסופיא, על מנהגי העמים ועל תכונות האדם הפרימיטיבי והתקופה האטומית. וכל זאת תחת דגל סמכות השם „רב"! לא רמז ולא שמץ להתורה, לבבלי וירושלמי, לאורח חיים ויורה דעה, לחשן משפט ולאבן עזר, לטורים ושו"ת, כאילו כל זה אינו נכנס כלל לתחום וגבול הרבנות... רק פטפוטי מילי בעלמא שכל קל וחסר דעת-תורה, שלא קרא ולא שנה ולא שימש תלמידי חכמים מעלה בהבל פיו, מתובל בהלצות שטויות, ובמכתמים פגומים, לקוחים מכל ספרי כפירה ואמונות זרות...

המחלה התחילה, בהשקפה היסטורית, עם רבנות-בית-כנסת! כל המתקנים למיניהם, נשתרשו לא ברבנות עירונית, אך ורק ברבנות בית כנסת. אנשים רקים ופוחזים נתלקטו יחד בבית אחד, ושם שמו כתר רבנות על ראש — ראש הרקים והפוחזים. ומי יכנס ברשותם, רשות יחיד לומר להם — מה יעשה ישראל?!

וזה אנחנו יכולים לראות עין בעין ממש. שבכל מדינה ומדינה, מקום אשר הוא רבנות עירונית וקהלתית, הרבנות עומדת על פדסטל גבוה פחות או יותר. ובכל מקום שהרבנות היא רבנות-בית-כנסת, שם הרבנות מתנוונת והולכת.

צורך השעה השתים עשרה, השעה האחרונה במשבר התורה והרבנות, — היא לייסד בתי דינין בעיירות ובכרכים. בתי דינין בלתי-תלויים לגמרי בבתי כנסיות מיוחדים, רק להושיב בכל עיר הגדולה לאלקים, רב מובהק, במטרה אחת ויחידה „כי יהי' להם דבר בא אלי

ושפטתי בין איש ובין רעהו, והודעתי את חקי האלקים ואת תורתיו". שם, במקום מושב הבית דין, יבוא העם לשאול שאלות איסור והיתר, שם ישפטו דיני ממונות על פי התורה, ולא על פי „חוכא וטלולא, בית דין יהודי"... שם יפסקו הלכות אבן עזר להלכה ולמעשה, בעניני גטין וקדושין, חליצות ועגונות וגירות. ושם יהי' בית ועד לחכמים, מקום שם יתאספו רבנים זקנים וצעירים, אברכי המתיבתות והכוללים לדון ולהסתכל, ללמוד ע"מ לעשות הלכה למעשה. שם יהי' בית היוצר לבעיות יום יומיות העולות על שלחן היורה דעה, המופשט, להתלבש במלבושי חפץ של מעשי יום יום ריאליים.

תכנית הרב ר' ניסן טלושקין שליט"א בענין שמוש ת"ח לב' וג' שנים, למוסמכי הישיבות הגדולות, אי אפשר להתגשם אצל איזה רב פרטי, ששאלות ספורות לשבועות וחדשים עולות שמה, רק במקום בית דין מרכזי. כשגרעין בתי דינים מרכזיים עירוניים יושתל, יצמח ויפרה, ויורקם עור גידים ועצמות — אז במשך הזמן תהי' זאת לאקסיומה מובנת ופשוטה בין כל הישיבות הגדולות, כחלק חשוב מהתכנית, שאין ליתן לשום אחד רשות לדון ולהורות בלי הסכמת חכמי התורה המרוכזים בבתי הדינים, שתהו על קנקנו של המובחן לרבנות. במשך שנים של למוד ונסיון בהשראת הישיבה והבי"ד ביחד. חלק מהמוסמכים, החלקא דשופרא דשופרא, ימצאו מקום בהבתי דינים עצמם להיות לאחי־עזר להרבנים המובהקים היושבים על מדין, כתלמיד חבר שהוא צריך לרבו להשתלם במעלות ומדרגות כל חלקי התורה, לדון ולהורות ברמה גבוהה, כאחד הרבנים הגדולים אנשי השם, עד שיתעביד, חד לחד, לאילנא רבה בישראל, שכל בית ישראל ישימו ידם עליהם, ובלי טקס חגיגי — ישמע במחנה שכינה ובמחנה ישראל, קול ד' חוצב להבות אש ל„משה שפיר קאמרת" — „קח לך את — ונתת מהודך עליו, למען ישמעו כל עדת בני ישראל"! „על פיו יצאו ועל פיו יבואו, הוא וכל בני ישראל אתו וכל העדה"!

איך, ועל פי מי, תצא היוזמה להוציא פעולת התגשמות בתי הדינים?

„אמרו חכמים, שמבית דין הגדול היו שולחים בכל א"י, ובודקין כל מי שימצאוהו חכם וירא חטא, ועניו ושפוי ופרקו נאה ורוח הבריות נוחה הימנו, עושין אותו דיין בעירו, ומשם מעלין אותו". לא בעלי בתים ולא בתי כנסיות, אך ורק הבית דין הגדול אשר יהי'

בימים ההם, עליהם מוטלת המשימה הקדושה הזאת, לאושר כל בית ישראל.

על אגודת הרבנים לטכס עצה איך להוציא ענין בתי הדינין לפעולות בעיירות הגדולות בארצות הברית וקנדה. ואחרי הנסיונות הראשונות שתוכתרנה בכתר ההצלחה בעזרת השם בכרכים, להמשיך במושב בתי דינין בכל תפוצות אמריקה בכל עיר ועיר או לפחות בכל פלך ופלך.

אמצעיים כספיים יכולים להשיג בדרך כבוד בדרכים שונות שידונו עליהם, בהשתתפות אהבית והדדית בין הרמי״ם, הסתדרויות רבניות חרדיות צעירות, בתי כנסיות חרדיות מאוחדות, קהלות קרובות במקום וברוח... וכ״ז רק להתקופה הראשונה, בתקופת „והי׳ ראשיתך מצער״, אבל במשך הזמן שהתועלת הגדולה תראה לעינים, אז — „אחריתך ישגה מאד״ ויהי׳ לחי נושא את עצמו לכבוד ולתפארת בישראל.

*) נדפס ב„הפרדס״, שנה ל״ג, חוברת ה׳

דער שפּיעל ארום ישראל

מיין הערציגע באַגריסונג צום ווידער-ערשיינען פון „שוהל-לעבען".

עס האָט זיך שטאַרק געפילט אין דער אידישער גאַס דאָס פעלען פון אַזאַ ערנסטען, אומאָפּהענגיגען זשורנאַל.

די טעגליכע אידישע פּרעסע איז, צו אונזער גרויסען באַדויערן, איינגאַנצען אָפּהענגיג פון די עטליכע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאָמינירען אין אידישען לעבען און אָפּערירען מיט גאַנץ גרויסע געלט-מיטלען, און אַ דאַנק דעם איבען זיי אוים אַ דרוק אויף דער אידישער פּרעסע. קיין ציישונג ערלויבט נישט עמיצען אויסצודריקען אַ וואָרט פון קריטיק אָדער אַ מיינונג, וואָס איז אין סתירה צו דער איינשטעלונג פון די גרויסע קאָסטאָמער-אדווערטייזער. אזוי ארום איז אומבאַמערקטערהייט געשאַפען געוואָרען אַ דערדריקענדע דיקטאַטור אויף דער אידישער גאַס.

אַלע אַרטיקלען אין די אידישע צייטונגען זענען ווי פון איין טייג אויסגעקנאָטען. דאָס זעלבע איז מיט די נייעס-באַריכטען פון ישראל און אַנדערע לענדער. כמעט שטענדיג קומען זיי אפילו מיט די זעלבע ווערטער און אויסדריקען און מען שעמט זיך שוין נישט דערמיט, זייענדיג זיכער, אַז קיינער האָט נישט די טעכנישע מעגליכקייטען צו רעאגירען דערויף אין דער עפענטליכקייט.

ווי ווייט מיר זענען געזונקען אין דער דאָזיגער הינזיכט, איז כדאי אָנצואווייזען אויף דעם פאָלגענדען פאַקט:

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פאָרגעקומען דער ספּעקטאַקל „דריי טויזענט יאָר ירושלים", מיט געזאַנג, טענץ און מאַרשען, הכל כמנהג הבורלעסק, און מיט אַ ספר תורה'לע אויף דער סצענע כנהוג אין די „דזשואיש טעאַטערס" אין די שוין פארשוואונדענע „גוטע צייטען". קיין אידיש וואָרט איז אויף דער דאָזיגער פייערונג נישט געהערט געוואָרען און די סוירמאָנס האָבען דורכגעפירט, איינער אַ גוי ממש און אַ צווייטער, אַ ראַבאַי, וועמענס קינדער עס האָבען שוין געהייראַט אין טשוירטש. אָט דער דאָזיגער „ראַבאַי" איז עס געוועזן דער הויפּט-מחותן.

דער בורלעסק־שפיעל האָט זיך אָנגעהויבען מיט עטליכע טעג פריער אויפ'ן איידעלווייילד פלי־פּלאַץ וואוהין די ספר תורה איז געבראַכט געוואָרען פון ירושלים. פון דאָרט האָט די ספר תורה געוואַנדערט אין ראביים טעמפּעל פון וואַנען מען האָט דאָס תורה'לע געבראַכט אין מעדיסאָן־סקווער גאַרדען. אָבער דאָרט האָבען אַ טייל פון די פלי־פּלאַץ רבנים זיך שוין געשעמט צו ווייזען, בלויז איינער פון זיי האָט זיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעל. ווייזט אויס, אַז עס האָבען זיך געפונען מענשען מיט געוויסען, פאַר וועלכע דער חילול השם האָט געשטאָכען אין די אויגען און מען האָט די ספר תורה גלייך צוריק געפירט אין ראביי'ס טעמפּעל, דאַן האָט זיך ערשט די שפּיעל רעכט זיך צעוואָרעמט, מען האָט אַראָפּגעוואָרפען די יאַרמאָלקעס פון די קעפּ און „דוד'ס דריי טויזענט יעריגער חלום איז געוואָרען פאַרווירקליכט"...

דער „פאָרווערטס" פאַרכליניעט זיך אַזש פון נחת פון דעם ספּעקטאַקל, אין וועלכען עס האָבען זיך, לויט זיין באַריכט, באַטייליגט הונדערט זינגער, שפּילער, טענצער און טענצערינס, און ער שרייבט, „אַז די מענשען וואָס האָבען געהאַט די זכי' דאָס בייצוואוווינען, וועלען וועגען דעם דערציילען צו קינדער און קינדס־קינדער"...

דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַ צייט ווען דוד המלך'ס ירושלים געפינט זיך אין גויאישע הענט, און אין משך פון די לעצטע טויזענט יאָר, איז עס דער ערשטער פאַל, ווען דאָרט געפינט זיך נישט קיין איין איד און דאָס נייע ירושלים איז אַרומגערינגעלט מיט שונאים פון אַלע זייטען. אָט די צייט איז געפונען געוואָרען פאַר פּאַסיג צו פּראַווען אַזאַ הילולא וחינגא...

איך נפלה תפארת ישראל!

עס שטעלט זיך די פראַגע: צי דאַרף ישראל סבא מיט אַ הייליגער טויזענט יעריגער מאַרטיראָלאָגיע זיך אַראָפּלאָזען צו נאַרישע קינדער־שפּילערייען?

און מערקווירדיג: קיין איין וואָרט פון קריטיק אָדער פּראָטעסט איז נישט געהערט געוואָרען אין דער אידישער טעגליכער פּרעסע און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך. האָט מען דאָך פון די בלוטיגע

אַפּיעל־געלטער אויסגעגעבען טוויזענטער פֿאַר גאַנצע זייטען אַדווערטייזמענטס אין דער אידישער און ענגלישער פּרעסע...

אַט פֿאַרוואָס עס איז נויטיג אַן ערנסטער, אומאָפּהענגיגער זשורנאַל ווי דאָס „שוהל לעבען", וואו עס זאָל קענען געזאָגט ווערען אַן ערנסט און אומפּאַרטייאיש וואָרט.

אגב, די שיטה פון מאַכען אַ שפּיעל פון אידישקייט און פון אידישע הייליגטימער איז ענטשטאַנען מיט דער ענטשטעהונג פון אונטערגעהענדען אידישען טעאַטער. דער אידישער חדר איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פֿאָלקס־שול (פּרץ־שול, שלום־עליכם שול, אַרבייטער־רינג שול) דער סידור און דער חומש זענען פאַרביטען געוואָרען אויף מעשה־ביכלעך און אונזער מקדש מעט — די הייליגע שוהל ווערט נאָך היינט, אין די פֿאָרכטיגע טעג, פאַרוואַנדעלט אין אַ טעאַטער און קאָנצערט־הויז מיט בילעטען, וואו פֿאָרלעך זיצען זייט ביי זייט און כאַפּען התפּעלות...

אַזאַ בייזע שפּיעל קומט פֿאַר ארום אונזער פֿאָלק און לאַנד אין דער איצטיגער שווערער און סכנה־צייט פאַר אונזער קיום.

אָבער וועגען דעם — אַ צווייט מאָל.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", דעצעמבער, 1953.

די געפאר פון געמישטע שוהלען

עס איז די פליכט פון דעם זשורנאל „שוהל-לעבען" צו אַלאַרמירען וועגען דער וואַקסענדער געפאַר, וואָס באַדראָט דער אָרטאָדאָקסישער שוהל. פאַר אונזערע אויגען אַנטוויקעלט זיך אַ געפערליכער פּראָצעס, וואָס וועט, חלילה, דערפירען צום אונטערגאַנג פון דער שוהל ביי אונז אין לאַנד.

מיט גרוים באַדויערען שטעלען מיר פעסט, אַז יעדע נייע שוהל, וואָס ווערט איצט געבויט, סיי אין די פאָרשטעט אַרום ניו יאָרק, און סיי אין די אַנדערע שטעט אין אַמעריקע, איז ווייט, זעהר ווייט פון צו זיין אַ כשר'ע אָרטאָדאָקסישע שוהל, וואו עס ווערען אָפּגעהיט די דינים און מנהגים פון קדושת בית הכנסת.

די דאָזיגע נייע שוהלען פאַרמאָגען מעהר נישט קיין עזרת נשים, אפילו נישט קיין מחיצה, און וואָס אַמאָל ווערט שוואַכער דער ווידערשטאַנד, וואָס דער פרומער איד שטעלט לגבי דעם דאָזיגען טיפּ „שוהלען".

דער פרומער איד, וועלכער קלויבט זיך אַריין אין אַ „נייעם" סעקשאָן, און געפינט אויס, אַז די שוהל, וואָס געפינט זיך דאָרט, איז גע'אסר'ט דורך די אגודת הרבנים און די גדולי התורה, רעוואָלטירט אין אַנהויב. ער דאַווענט ביי זיך אין הויז; אויף ימים נוראים פאָרט ער צוריק אין שטאָט אַריין, צו זיין אַלטער שוהל, איינבעטענדיג זיך אויף קוואַרטיר ביי פריינט און באַקאַנטע. אָבער לאַנג קען דאָס נישט אָנהאַלטען. עס איז שווער צו שיידען זיך פון דער פאַמיליע. עס ווילט זיך אויך אַ גאַנץ יאָר הערען קריאת התורה. עס ווילט זיך אויך זיין צווישען אידען. איז ער זיך מתיר צו קומען אין דער „מאָדערנער" שוהל אין מיטען וואָך, ווען קיין פרויען זענען נישט פאַראַן, אָדער שבת צו מנחה. שפּעטער הויבט ער אָן קומען אויך פרייטאָג-צו-נאַכט, ווען עס קומען וועניג פרויען. מיט דער צייט אָבער ווערט ער צוגעוואוינט, און ער ווערט אַ שטענדיגער דאַוונער אין דעם טעמפּל, וואו מענער און פרויען זיצען צוזאַמען.

און מיר שווייגען. מיר זיצען מיט פאַרלעגטע הענט און מיר טהוען גאָרנישט אָפּצושטעלען די מגפה, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אונזער סביבה.

פאַר מיינע אויגען שטעהען די טייערע יונגעלייט, וואָס זענען ערצויגען געוואָרען אין אונזערע ישיבות. צווישען זיי געפינען זיך אמת'ע עלויים, וואָס זענען בקי אין ש"ס און פוסקים, דורכגעדרונגען מיט תורה, מוסר און חסידות, און מיט צעבראָכענע הערצער שטעהען זיי, אַלס רבנים, אויף די בימות און רעדען צו אַ געמישטען עולם פון מענער און פרויען. זיי זענען פול מיט צער און וועהטאָג. זיי קענען פשוט די אויגען נישט אויפהויבען פאַר חרפה לגבי זייערע אייגענע חברים, וואָס זענען נישט געצוואונגען אָנצוקומען צום ביטערען ברויט פון רבנות, וועלכע ווילען די שוועל פון זייערע „שוהלען" נישט איבערטרעטען...

און וואו דאַוועגען די דירעקטאָרען פון די ישיבות? די מלמדים, די עלטערען פון ישיבה-תלמידים? — אַ פאַקט איז, אַז יעדע נייע שוהל, וואָס ווערט איצט אויפגעבויט איז אָן אַ מחיצה. און אָן אַ מחיצה מיינט דווקא אַ מחיצה אויפ'ן גאַנצען אידישקייט-פראָנט... עס פאַרשווינדעט דער להבדיל צווישען קאָנסערוואַטיזם און אָרטאָדאָקסיזם. דאָרט וואו עס דאַווענען מענער מיט פרויען צוזאַמען, קומט מען שוין צו פאָרען אין קאַרס צו די פרייטאָג-צו נאַכטס-סוירוויסעס. דער רב מוז שוין אריינריידן אין אַ מיקראָפאָן, און פאַרטייטשען אויף ענגליש דעם „בריך שמיה", אַ שטייגער ווי דער רבונו של עולם פאַרשטעהט מעהר נישט די שפּראַך פון זוהר...

די פירער פון די גרויסע ישיבות פילען נישט, אַז זיי גראָבען אונטער זייערע אייגענע פונדאַמענטען, ווען זיי נעמען נישט אונטער קיין שריט אָפּצושטעלען די דאָזיגע מגפה. אויב זיי געבען נישט ארויס קיין פאַרבאָט צו זייערע מוסמכים אָנצונעמען שטעלעס אין אַזעלכע טעמפּלען, מיט'ן תירוץ, אַז קיין אַנדערע שטעלעס זענען ניט פאַראַן, וועלען זיך אין אַ קורצער צייט אַרום מער נישט געפינען קיין שטעלעס פאַר ערליכע יונגעלייט. אַנשטאָט זיי, וועלען באַקומען די שטעלעס די פרייליכע חברה-לייט, די „רעגולע גאי'ס", וואָס דרעהען נישט קיין קאָפּ וועגען תורה מן השמים און וועגען מצוות און עברות. און די אַלע טויזענטער פון אונזערע קינדער און אייניקלעך וועלען מער נישט קוקען בלויז אויף דער טונקעלער זייט פון גלאָריפיצירטען קאָנסערוואַטיווען טעמפּעל, וואו די זון קומט קיינמאָל נישט צו. דער אור התורה וועט מער נישט באַלייכטען זייער וועג...

צוליב די פֿאַלשע אילוזיעס פֿון די געשוואָרענע אָפּטימיסטען און די יאוש־שטימונגען פֿון די פּעסימיסטען.

לאָמיר זיך אָפּטרייסלען פֿון די דאָזיגע ביידע עקסטרעמען. לאָמיר קוקן די ווירקליכקייט אין די אויגען, ווי טרויעריג עס זאָל נישט זיין. לאָמיר מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון אונזערע אייביגע, הייליגע אמת׳ן, אַלאַרמירען די אידישע מאַסען אויף דער גרויסער געפֿאַר פֿון די געמישטע שוהלען.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", יאַנואַר, 1954.

אנטזאגט דעם רב צוליב „עין יעקב"

בין מנחה למעריב, אידען זיצען אין בית מדרש ביי אָפּענע עין יעקב'ס און הערען זיך צו צום רב'ס לערנען.

„אמרה לה: אסור לן תחום שבת" — נעמי דערציילט רות'ן ווי שווער עס איז צו זיין אַ איד, ווי שווער עס איז אָפּצוהיטען שבת; אַ שטרענג דיסציפּלינירטער פאַמיליע־לעבען; זעקס הונדערט מיט דרייצען מצוות; אבסאָלוטער מאָנאָטעאיזם, אָהן דעם מינדעסטען שמץ פון געצענדינערייּ; הארבע שטראָפען פאַר יעדער אָפּנוייגונג. ד' מיתות נמסרו לבית דין — פיר סאָרטען שטראָפען פאַר פאַרשידענע עבירות. פאַר די האַרבסטע עבירות ווי חלול שבת און עבודה זרה — סקילה; פאַר אַזעלכע עבירות ווי מאָרדען קומט הרג. ב' קברים נמסרו לבית דין — אויך נאָכ'ן אויספירען די טויט־שטראָף בלייבט אויפ'ן מחלל שבת אַ אייביגער שאַנד־פלעק, וואָס פאַרווערט צו לייגען דעם פאַרברעכער נעבען דעם לפי ערך לייכטערן פאַרברעכער — דעם מערדער, לויט'ן כלל, אין קוברין רשע אצל צדיק. און אַנטקעגען דעם מחלל שבת איז דער רוצח, דער מערדער אַ צדיק... (מסכת יבמות, דף מ"ז:)

אַ שטילער געמורמעל אין בית מדרש. פון די הינטערשטע בענק הערן זיך קולות פון אומצופרידענע. דער רב קוקט זיך אום און דערזעט דאָרט די קדיש־זאָגערס, די מיטגלידער פון מענ'ס קלוב...

געוויינליך גייען זיי ארויס אין דרויסען נאָך קדיש פון מנחה'דיגן „עלינו", און קומען צוריק נאָך „ברכו", כדי זיי זאָלען חלילה ניט נכשל ווערען אין הערן אַ דבר תורה. זיי זאָגען, אפילו, אַז זיי ווילען אויפגעקלערט ווערען וועגען „דזשודאַאיזם". משמעות אָבער, אַז עין יעקב גייט ניט אריין אין זייער דזשודאַאיזם. אָבער מעשה שטן, האָט זיך, ווייזט אויס, דער רב אַביסעל פארלערנט, זיי האָבען געדענקט אַז ס'איז שוין נאָך ברכו. און אַזוי האָבען זיי צופעליג דערהערט, אַז דער גאַנצער דזשודאַאיזם־באַגריף זייערער פון אַ „גוט האַרץ", ווערט גאָר פארלייקענט פון זייער ראבאי. טאָ וואָס פאַר אַ ראבאי איז ער, אַז אַ מחלל שבת איז ביי אים ערגער פון אַ קאַלטבלוטיגען מערדער?

ביים נעקסטען שוהל-מיטינג איז דער רב געראָפען געוואָרען „לדין" פאַר די שוהל-מעמבערס. דער רב האָט גע'טענה'ט, אַז דאָ איז געשעהען אַ גרויסע מיספאַרשטענדעניש, מ'דאַרף גאָר רופען דעם עין יעקב לדין... און ער אַליין איז גאָט די נשמה שולדיג; ער האָט ניט געזאָגט זיינע אייגענע געדאַנקען נאָר וואָס עס שטייט אין עין יעקב. די חברה משניות ועין יעקב, פאַרלאַנגען דאָך פון רב, ער זאָל לערנען משניות און עין יעקב, כדי מ'זאָל נאָכ'ן לערנען קענען זאָגען אַ רבנן-קדיש, אַדאַנק דעם וועט מען קריגען „דיוס" פאַר מעמבערשיפּ אין חברה-משניות, און אַ שיינע סעודה'לע ביי אַ סיום יעדעם יאָר...

דעם רב'ס טענות זענען געפאַלען אויף טויבע אויערן. די מעמבערס פון „מענ'ס קלוב" האָבען גע'טענה'ט: ערשטענס, האָט זיך זיי ניט געלייגט אויפ'ן שכל, אַז אַ אומשולדיג שבת'דיג סיגאַרעטל איז ערגער ווי מאָרד. אַדרבא, זאָל מען אָפּרופען דעם עין יעקב אויפ'ן טעלעפאָן און הערען, וואָס ער האָט צוזאָגען וועגען דעם.

דאָ האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער צווישען די עלטערע אידען. די מענ'ס קלוב מעמבערס. באַליידיגט פון די געלעכטערס פון די אַלטע אידען, וועלכע גיבען גאָרניט פאַר די שוהל און האָבען נאָך די העזה צו לאַכען פון זיי, די אַקטיווע מעמבערס, זעצען פאָר מיט די צווייטע טענה, אַז ווען אַפילו עין יעקב האָט געזאָגט אַזוי, דאַרף נאָך דער ראַבאַי ניט איבערזאָגען אַזעלכע... (דאָ קומט אַ שרעקליכער וואָרט, וואָס מ'טאָר ניט איבערזאָגען) איז לכן, מאַכען זיי אַ פאָרשלאַג צו ענטזאגען דעם ראבאַי, וואָס האָט באַליידיגט זיינע מעמבערס.

ביי אַ דעמאָקראַטישער אָפּשטימונג מיט אַ געזעצליכער מערהייט, איז דער רב גלייך געוואָרען אוים רב!...

אָבער ניט נאָר דער „עין יעקב" וואַרפט אַרוים רבנים פון זייערע שוהלען, און ניט נאָר אָרטאָדאָקסישע רבנים ווערען באַשמוצט און געזידעלט. לעצטענס, איז געווען באַריכטעט, אַז אויך קאָנסערוואַטיווע ראַבאַים ליידען מורא'דיגע גייסטיגע יסורים פון זייערע בעלי בתים. עס איז בכלל געוואָרען אַ וואַקכאַנאַליע פון עם הארצות און אראגאנץ, פון אַ „דור ששופט את שופטיו". עס איז וועה צו דעם דור, און נאָכמער צו די שופטים.

עס איז דער חוב פון דעם דור, פון די ערנסט־פאַראַנטוואָרטליכע בעלי בתים, נאָכמער ווי די רבנים, צו פאַרטראַכטען זיך און געפינען עצות, ווי צוריקצושטעלען אויטאָריטעט ביי אידען. אַ רב מוז האָבען די פולע זיכערקייט ביים לערנען, אָדער דרש'נען, אַז ער וועט ניט דאַרפען אָפּגעבען קיין דין וחשבון ביים נעקסטען שוהל־מיטינג פאַר זיין דרשה אָדער פאַר'ן עין יעקב...

אָבער אויך די רבנים און די ראבאים, אַלס די דירעקט־פאַראינטערעסירטע, טאָרען ניט אַנטלויפען פון פראָנט. צו־גרויס איז די אחריות פון איבערלאָזען אַ דור אויף הפקר...

אין אַזאַ קאַרדינאַלע, און גלייכצייטיג עטישע פראַגע, מעג געשאַפען ווערען אַ קליין בריקעלע, כאָטש פאַר אַ געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש, פון אַלע רבנישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, אויסצואַרבייטען מאס־רעגעלען ווי אַזוי אויפצוהאַלטען כבוד התורה און דעם כבוד פון די נושאי־התורה.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען" פעברואַר, 1954.

להקהל ולעמוד על נפשם

(פורים־געדאַנקען)

מיט דעם אימפּאָזאַנטען באַגריף פון „להקהל", פאַנגט זיך אָן די גאולת ישראל. און מיט דעם דאָזיגען צווייבער־וואָרט גייט אָן די ישועה, פון דער ערשטער פאַר אידען גינסטיגער פּראָקלאַמאַציע ביז דער פאַרווירקליכונג פון ישועת ישראל. נקהלו היהודים בעריהם... והיהודים אשר בשושן נקהלו... אָן אָנדייטונג, אַז דער „נקהלו" איז דער פאָרבאַדינג צו ישועה.

אָן דעם „נקהלו" מעגען מיר זיך אפילו באַצייכענען אַלס „עם", זענען מיר פאָרט ניט מער ווי אַ צעשפּרייטע מאַסע, אַן „עם מפוזר ומפורד", אויסגעשטעלט צו זעלבסט־פאַרניכטונג דורך אסימילאַ־ציע. פון אַליין עסען טרפות, און אפילו נאָר גלייכגילטיג זיך צוקוקען צו טרפה־סעודות, ביז פאַרברענגען געזעלשאַפטליך אין אַ ניט־אידישע סביבה מיט גוי'אישע נאַטאַבלען, און פאָלגליך ביז קניען און בוקען זיך פאַר גוי'אישע שרים, ערוואַרטענדיג פון זיי ישועות פאַר'ן כלל ישראל, פירט איין ליניע. דאָס זענען נאָר רינגעלעך פון איין גרויסער פאַרדאַרבענקייט, וואָס פּענטעט דעם אידישען גוף און די אידישע נשמה.

די ניט־אידישע וועלט באַוואונדערט און רעספּעקטירט — ווען אפילו מיט ציין קריצעניש — דעם שטאָלצען און קשה־עורף'דיג באַוואוסטזיניגען, הר־סיני'דיגען ישראל, און האָט בלויז פאַראַכטונג צו אַ קריכענדיגען אַסימילאַטאָר וואָס רופט זיך ישראל, ניט באַזיצענדיג ישראל'דיגע אייגענשאַפטען. מיט אַ שטאָלצען תורה'דיגען מרדכי פירט מען אָן אַ מורא'דיגען קאַמף, און דער הערויאישער מרדכי קומט שטענדיג אַרויס דער מנצח. דאַגעגען מיט די „נהנים מסעודת אחשורוש", מאַכט מען ניט קיין וועזען. מיט איין שטריך פון דער פּען און מיט איין הסרת טבעת איז פאַרטיג דער „להשמיד להרוג ולאבד". מיט קריכענדיגע ווערים און שעדליכע פּאַראַזיטען פירט מען ניט אפילו קיין אָנשטענדיגע מלחמות...

דער „קיימו וקבלו" — ברענגט צוריק דעם דעמאָראַליזירטען „עם", צו זיין סיני'דיגען הויך. אָבער דער שווערער באַרג־אַרויף־

קלעטערניש פון די גייסטיג-אָפּגעשוואַכטע אידען, קען נאָר געשען דורך דעם בית היוצר לנשמת האומה, — דער אידישער חדר.

„מפי עוללים ויונקים יסדת עז", ואין עוז אלא תורה.

אין אַנבליק פון פּערזענליכער לעבענס-געפאַר און פאָלקס-טראַגעדיע, פאַרנעמט זיך מרדכי מיט חנוך הבנים. ווען המן הרשע שטייט שוין אויף זיין שוועל צו פירען אים צו דער תליה, כאַפּט נאָך מרדכי אריין אַ בלעטעל גמרא אין מנחות מיט די תלמידים. מיט אַ אייז קאַלטע, אַדערן-פאַרגליווערענדע רואיגקייט זאָגט זיך מרדכי צו זיינע תלמידים: „האי רשיעה למיקטל נפשי קא אתי, זילו מקמי' די לא תכוו בגחלתי" (מגילה ט"ז).

פּערזאָנען-קולט איז פרעמד דעם אידישע גייסט. ווען אפילו מרדכי ווערט צוגענומען פון אידישען פאָלק, ווערט נאָר דער פיזישער מרדכי צוגענומען, אָבער דער גייסטיגער מרדכי לעבט ווייטער ביי זיינע תלמידים. דער „קומץ" ווערט פאַרברענט, אָבער די הייליגע מנחה ווערט אין הייליגקייט פאַרנוצט דורך די יונגע כהנים המשמשים בחצרות בית אלקינו. אַט די איינגעפלאַנצטע הייליגקייט וועט באַזיגען אַלע קאָמבינאַציעס פון די שונאי ישראל. המן אַליין איז געצוואונגען מודה צו זיין אַז „אתא מלא קומצי קמחא דידכו, ודחי עשרה אלפי ככרי כספא דידי".

אויף די עלטערע אידען האָט המן מיט דער הילף פון אחשורוש, געקענט גוזר זיין „שיבואו כולם, ויאכלו וישתו ויעשו כרצונכם" (מד"ר). אָבער ער האָט דאָס נישט דערגרייכט ביי די צעירי-הצאן. דאָס מסירות נפש וואָס מרדכי הצדיק האָט איינגעפלאַנצט אין זייערע יונגע נשמות, וועלען נאָך באַפרוכפּערען די וואַקעלדיגע אַלטע הערצער, צו פאַראייניגען זיך אַלע מיט איין האַרץ און איין נשמה, צו קעמפען געגען אַלע שונאים פון ג-ט און תורה.

„בנערינו ובזקנינו נלך", איז נאָך אַן אַלטע לאָזונג, פון משה רבינו. ווען אפילו די זקנים זענען נאַכלעסיג, „נשמטים אחד אחד", אָבער דורך דעם פייערדיגען גייסט פון אַ אידישע יוגענט וואָס איז גרייט אויף קרבנות פאַר'ן כבוד השם, ווערען אויך די עלטערע אידן אויפגעוועקט פון זייער לעטאַרגישען שלאָף. און צוזאַמען ווערט

עס אויסגעפורעמט אין אַ פעלזען־פעסט פאָלק פון נערינו וזקנינו, בנינו ובנותינו.

דעם דאָזיגען סוד האָט אליהו הנביא ענטדעקט צו מרדכי'ן. ריהרענד איז די שילדערונג פון מדרש וועגען דעם שמועס פון אליהו הנביא מיט'ן אדון כל הנביאים: משה פרעגט אליהו'ן: „כלום יש אדם כשר באותו הדור", איז נאָך דאָ ביי אידען אַ אדם כשר, אַרום וועלכען דאָס פאָלק זאָל זיך קענען זאַמלען? „אמר לו, יש, ושמו מרדכי". לא אלמן ישראל. עס געפינט זיך שטענדיג אַ מרדכי, באַשאַנ־קען מיט ג־ט'ליכע כחות, אָנצוצינדען דעם שלהבת אין דער אידישער יוגענט. אויב עס איז נאָר דאָ אַ גליענדער פונק. אויב דער פונק איז בלויז פאַרדעקט פון אַ שיכט ליים און בלאָטע, זאָג מרדכי'ן צו זיין מוטיג און שטאַרק. די גזירה וועט בטל ווערען, אויב אידען וועלען זיך זאַמלען אַרום זיין תורה־טיש.

די תורה איז דער איינציגער זאַמעל־פּונקט פאַר'ן אידישען פאָלק. קיין וועלטלעכע אידעען קענען ניט באַווייזען דעם וואונדער פון אידישער איניגקייט. דאָס איז נישט מעהר ווי אַ ליימיגע קלעפּיקייט, וואָס באַזיצט ניט קיין ווידערשטאַנד קראַפט. זאָלען זיי נאָר אָפּקרישלען פון זיך די ליימענע געצען, וועט דער געטליכער פונק אויפבליצען אין זיין גאַנצער הערליכקייט אַרומנעמענדיג דאָס גאַנצע פאָלק פון דעם חדר־אינגעל ביז דעם אַלטען איד, ווי אין פּסוק שטייט: „הקהל את העם, אנשים, נשים וטף".

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען", מערץ, 1954.

אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו

דאָס ערשטע מאָל, מסתמא, אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע, האָבען מיר עס געהאַט די ביטערע זכיה צו הערען פון אַ 'ווהיספּערינג קאַמפּעין" צו שעדיגען די מאַגערע הכנסות פון די בתי מקדש, די ישיבות און מתיבתות, די ליכטיגסטע שטיץ פּונקטען פון אונזער גייסטיג-פינסטערער צייט.

פון אחז׳ם צייטען, הערען מיר דאָס ערשטע מאָל אַז מענשען, וואָס ווילען זיך דוקא רופען אָרטאָדאָקסישע אידען, זאָלען, צוליב פּאָליטישע אומזויבערע כוונות, זוכען צו נעמען נקמה פון תינוקות של בית רבן.

עס איז פּשוט אומבאַגרייפליך, ווי אידען, וועלכע וויקלען זיך אין פּראָגראַמען פון תורת ישראל, קענען אַזוי לייכטזיניג זיך נעמען אונטערגראָבען דעם יסוד פון תורת ישראל צוליב קליינליכע נקמה צוועקען.

ווי האָט זייער האַנט ניט אַ ציטער געטאָן ביים שרייבען די שרעקליכע מהרס-ומחריב ווערטער ? ! אַז דאָס איז נאָר הרס און חורבן, דאַרף, דאַכט זיך, זיין קלאָר פאַר יעדען רעכט-דענקענדען מענש. די לאַגע פון די ישיבות איז דאָך אַזוי אויך אַ קלעגליכע. מען קען קריגען מיליאָנען דאָלאַרען אויף טריפה׳נע שפּיטעלער און קוים גראָשענס אויף ישיבות. און ווען מען שושקעט נאָך אַריין אין די אויערען, אַז די ישיבות גיבען אַרוים „פאַנאַטיקער" און נאָך שענערע נעמען, איז, מי פתי, וואָס זאָל נאָך די אָרימע גראָשענס ווערען געבען ? ! זאָלען מיר אָננעמען, אַז די שרייבער און „ווהיספּערינג קאַמפּעינער" אָרט טאַקע ניט, אַז די ישיבות ווערען זיך, חלילה וחס, מוזען פאַרמאַכען ? און אפשר, חלילה, לא יעלה על הדעת, אַז אויף דעם וואַרטען זיי טאַקע ! קען דאָס געמאָלט זיין ? !

פאַרשטעהען זיי טאַקע ניט וואָס ישיבות מיינט פאַר׳ן כלל ישראל און פאַר ר׳ ישראל ?

ווי וואַגען זיי זיך צוצורירען צו דער דעליקאַטער פלאַנץ וואָס הייסט ישיבה, מיט אומגעהובעלטע הענט ? מיט וויפיל בלוט און

שוויים איז עס אָנגעקומען ביז מיר האָבען דערזען די ליכטיגע ישיבה־שפּראָצונגען אויף דער טרוקענער אַמעריקאַנער ערד. אויב, אפילו, אַמאָל, איז געזאָגט געוואָרען: „אלף נכנסים לחדר, ואחד יוצא לגמרא", פון טויזענט אידישע חדר קינדער, קען מען קוים ערוואַרטען איינעם צו פאַרשטיין הוויות דאביי ורבא. וואָס־זשע זאָלען מיר שוין זאָגען אין אונזער צייט ווען פון טויזענט אידישע קינדער זעהען קוים דריי הונדערט אַ שיין פון אַ אידישען חדר. זיבען הונדערט פון יעדע טויזענט אידישע קינדער ווערען דאָך אינגאַנצען גייסטיג אָראָפּגע־שוועגקט פון אידישען האָריזאָנט. און די דרייסיג פּראָצענט, איז דאָך אויך דער גרעסטער טייל פון זיי, טאַקע גאַנצע 22 פּראָצענט, „שאַנדע סקול" תלמידים, בר־מצוה חכמים און נאָך אַזעלכע טיפען.

און די מיזעראַבעלע ציפער פון 8 פּראָצענט ישיבה קינדער איז נאָך אויך ניט מעהר ווי אַ מיראַזש. עס איז ניט דאָ דער אָרט זיך אָפּצושטעלען אויף די טויזענט און איין אורזאַכען וואָס ברענגען צו דעם שרעקליכען צושטאַנד. אָבער דער ביטערער אמת איז, אַז „ראיתי בני עליה, והם מועטים". זעלטען שעהנע בחורים און יונגעלייט, אַמעריקאַנער געבוירענע. אַנדערע, ממש, בקיאים בש"ס ופוסקים. אָבער זייער צאָל איז אַ קלעגליך קליינע.

אילו זכינו, וואָלטען מיר אָנגעווענדעט אונזער ענערגיע צו שטאַר־קען די ישיבה־באַוועגונג דורך שאַפען די געהעריגע פינאַנציעלע מיט־לען, פאַר די שוין עקזיסטירענדע ישיבות און פאַר די שאַפונג פון נייע ישיבות אין יעדער שטאָט און שטעטעל.

דער קיום הישיבות וואָלט פאַרנומען דעם אויבענאַן אין דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען. ווייל אָן ישיבות האָבען מיר קיין זאַך ניט. אָן ישיבות האָבען מיר קיין נאָכוואַקסענדען דור איבערצונעמען אונזערע גייסטיגע אוצרות. די ישיבות זיינען, אָן מליצות, אונזער שוואַרצאַפּעל פון אויג, און דעם שוואַרצאַפּעל מוז מען זאָרגפעלטיג פאַרהיטען פון יעדער שעדליכער באַרירונג.

אָבער, עכשיו שלא זכינו, טומעלט זיך אין אידישען לעבען מיט אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך. מיט אַלע פּראָבלעמען און פּראָבלע־מעלעך. מיט אַלעם טומעלט זיך. נאָר אין דעם הויפּט־נערוו פון אידישען קיום און המשך, די ישיבות, דער בית היוצר לנשמת האומה, גראַדע

אין דער „קליינינקייט" פארגעסט מען. מען דערמאנט זיך יא אין די ישיבות, אויף מזיק זיין די ישיבות. ניט פילענדיג און ניט פארשטעהענדיג, אז סוף כל סוף איז מען זיך מזיק, מעהר ווי די ישיבות.

די תורה וועט ניט פארגעסען ווערען פון אידען. די זריעה פון תורה איז שוין ברוך השם פארפלאנצט געווארען אין דעם אמעריקאנער אידישען באדען. די זריעה וועט שוין געבען פרוכט. אמעריקאנער יונגעלייט וועלען זיך שוין קלאמערען אין דער תורה, וואס גיט זיי א שטארקען גייסטיגען אנהאלט אין לעבען.

די מריעים ומשחיתים פון הר קדשי, קענען נאר באשווערען דעם אזוי אויך שווערען תורה וועג, אבער קיינמאל ניט אונטערהאקן, חלילה, דעם לעבענס-בוים פון תורת ישראל.

תורה וועט בליען אין אמעריקע, ניט קוקענדיג אויף די אלע שטרויכלונגען. סיי די ראשי הישיבה און סיי די בני הישיבה וועלען זיך נאך מעהר שטארקען אין געגענווארט פון שטערונגען. אבער דער נאמען פון די שטערער וועט בלייבען לחרפה, ולדראון עולם.

אל תגעו במשיחי — אלו תינוקות של בית רבן; ובנביאי אל תרעו — אלו תלמידי חכמים. (שבת, דף קי"ט).

*) געדרוקט אין „איד", כ"א אדר ב׳, תשי"ד.

וואס די סדר-נאכט לערנט אונז

אין געגענזאץ צו דער פארשפרייטער השכלה׳שער מיינונג, דאס ביי אידען איז ניטא קיין סדר; אז סדר׳לאזיגקייט איז דער אנגענומענער סדר ביי אידען, קומט די סדר-נאכט און ווייזט די גרונדלאזיגקייט פון דער דאזיגער השערה.

מען פאלט ניט אריין פלוצלונג פון חמץ׳דיגען טאפ צום פסח׳דיגען טיש. וואכען נאכאנאנד רוימט מען דעם חמץ פון אלע ווינקעלעך. דער בארימטער „קשר״ק״ — קראצען, שייערען, רייניגען, כשר׳ן, — ווערט זארגפעלטיג דורכגעפירט דורך דער אשת-חיל אין יעדער אידישער שטוב, ביז עס בליאסקעט און שיינט אין יעדען ווינקעלע. ערשט דאן קומט דער אויבער-קאנטראלער, דער בעל-הבית פון הויז, דורכצופירען די בדיקת חמץ. מיט א ליכט אין איין האנט און א פלעדערוויש, מיט א הילצערנע לעפל אין דער צווייטער האנט, מאכט ער א גרינדליכע אונטערזוכונג אין אלע חורים וסדקים. און נאך אלע זוכענישען איז ער נאך אלץ אומרואיג. ווער ווייסט? אפשר? טאמער איז נאך דא ערגעץ א פארבלאנדזשעט קרישקעלע חמץ, וואס ער האט פארזען. באשליסט ער צו טאן נאך עפעס — בטול בלב, מפקיר זיין דעם חמץ כעפרא דארעא. צו מארגענס אינדערפרי ווי נאר ער פארענדיגט די לעצטע חמצ׳דיגע סעודה, כאפט ער זיך גלייך צו מאכען א פייער צו פארברענען דאס לעצטע איבערבלייבעכץ פון חמץ. און דאן פאנגען זיך אן פארשידענע צייט-טערמינען איסור-הנאה, מלקות, ביז עונש כרת, ר״ל. און דאס אלעס איז נאר אין באצוג צו דער ערשטער העלפט פון פסח — דעם ביעור חמץ. די זעלבע מאס פארזיכטיגקייט, און אפשר נאך אין א פיל גרעסערער מאס, ווערט באנוצט צום אריינברענגען די מצה אין שטוב.

מאנאטען און מאנאטען פריער ווערט שוין צוגעגרייט דער ווייץ, גע׳כשר׳ט די מיהלען, געברענט די אויוועגס, באזארגט די מים שלנו, ביז מ׳איז שוין זוכה צו זעהן די דריי כשר׳ע מצות אין דעם שיינעם מצה-טישטוכעל אויפ׳ן שיין באדעקטען סדר-טיש. די זיהן און טעכטער, שנירען און איידעמס זיצען ביים סדר-טיש, זיי

באוואונדערען די רייזיגע ארבייט וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרען אין דעם פּראַכטפולען סדר־טיש. פון די מצה ביז די חרוסת, פון דעם וויין ביז דעם מרור.

אָבער ווי זעט אוים אַ סדר־טיש ביי אידען אין אַמעריקע? אמת, די קינדער קוועלען פון זייערע עלטערן און די גליקליכע עלטערן קלייבען נחת פון זייערע, באַיאַרמולקעטע, הגדה־זאָגענדע און כוסות טרינקענדע קינדער. אָבער ווי נאָר דער טאַטע גרייט זיך צום פייערליכען מאָמענט, צו עפענען די טיר פאַר׳ן גרויסען גאַסט ביים אידישען סדר־טיש, דער כום איז שוין אָנגעגאָסען פאַר׳ן כבוד פון אליהו הנביא, וועפּט זיך פלוצלונג אוים די גאַנצע באַגייסטערונג: די קינדער שטעהען שוין ביי דער טיר, ניט אויף אַריינצולאָזען אליהו הנביא, נאָר אויף אַוועקצוגיין פון טאַטענ׳ס טיש. ס׳טייטש?! אָבער זיי קענען זיך ניט העלפען. די מאַשין וואַרט שוין. זיי דאַרפען נאָך צופאָרען אין קלוב שפּילען קאָרטען...

דער טראַנס איז פאַרשוואונדען. דער טאַטע ניכטערט זיך אוים פון זיין זיסען חלום. ניין, זיינע קינדער זענען נאָך ניט געוואָרן פרום פון איין פסח־נאַכט. אויב אויף איין סדר־נאַכט דאַרף מען זיך גרייטען וואָכען און מאָנאַטען, וויפיל מאָנאַטען און יאָרען־ארבייט דאַרף מען אַריינלייגען אויף אליהו הנביא׳ס חזון פון „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם”?!

זיצענדיג יעצט פאַראיינזאַמט ביים סדר־טיש, דאַכט זיך אים, אַז דער סדר־טיש רעדט צו אים מאָדנע רייד. עס ווייזט זיך אים אוים, אַז „סדר” איז אַ גרויסער ענין אין גאַנצען לעבענס־גאַנג. סדר הויבט זיך ניט אָן און ענדיגט זיך מיט׳ן סדר־טיש, ווארום אויך אין ערציהען קינדער צו אידישקייט — פאָדערט זיך סדר און פלאַנירונג. אין דעם ערשטען טאָג וואָס דאָס קינד קען ארויסרעדען דעם וואָרט „טאַטע”, דאַרף שוין דער טאַטע אים לערנען: „תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב”. און פון דעם דאָזיגען טאָג אָן מוז ער כסדר האַלטען אַ וואַכזאַם אויג אויף זיין קינד, צו פירען אים בדרכי התורה והמסורה, מיט אַן עכט־אידישער שטוב און אַ שטרענג־רעליגיעזען חדר און ישיבה, אָן קיינע צופעליגקייטען. סדר׳לאַזיגקייט און צופעליגקייט מאַכט אַ תל פון אַלעם הייליגעם.

דער היגער איד איז ניט דער ערשטער ענטווישטער טאטע, נאך אין מרדכי הצדיק׳ס צייטען איז דער סדר־טיש פארוואנדעלט געווארן אין א טרויעריגען תענית־טיש... אבער מרדכי האט ניט אראפגעלאזט די הענט, ער האט געפארשט די סיבה פון דעם דאזיגען צושטאנד ביי אידען, און ער איז געקומען צום אויספיר אז אין צופעליגקייט־אידישקייט ליגט די הויפט־שולד פון דעם טרויעריגען מצב.

ויגד לו מרדכי את כל אשר קרהו. בן בנו של קרהו בא עליכם, הה״ד אשר קרך בדרך... (אסתר רבה). ווען אידישקייט הערט אויף צו זיין א טאג־טעגליכע פליכט; ווען מען נעמט יוצא זיין — מיט אריינכאפען זיך אמאל אין א שוהל, צו יזכור, ראש השנה און יום כפור, אדער א בר־מצוה צערעמאניע און נאך אזעלכע מינוטיגע כאפענישען וועלענדיג שוין דערמיט יוצא זיין פאר די אייגענע אידיש־קייט און כלל־אידישקייט, עפענט מען ברייט די טיר פאר דעם היפך פון אידישקייט.

ביי דער טיר פון סדר־לאזע, צופעליגע אידען און אידישקייט שטעהען עמלק און עמלק׳ס אייניקלעך אין אלע צייטען. אבער אסימילאציע און גוי׳אישקייט פארשווינדען ביי א סיסטעמאטישען „לך כנוס את כל היהודים״, מיט צוריקברענגען די טויזענטער אידישע קינדער צום גמרא־טיש. אזוי האט מרדכי פארשטאנען. אפשר איז שוין געקומען די צייט אויך פאר אונז צו פארשטיין די שעדליכקייט פון אזא „אידישקייט״? זאל די סדר־נאכט אונז אויפוועקען צו סדר און סיסטעם אין אונזער גאנצע אויפפאסונג איבער אידען און אידישקייט.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען״, אפריל, 1954.

וואס די ספירה-טעג לערנען אונז

אין רעכטען מיטען פרילינג, ווען נאַטירליכע פרייד כאַפּט אַרום די גאַנצע נאַטור און אַלע באַשעפענישען אויף דער וועלט; די צייט פון ערוואַכונג און שמחה פאַר אַלע פעלקער, דרייט זיך אַרום אויף ג-ט'ס וועלט אַ קליין פאָלק, ישראל, און פראַוועט גאַר אבילות בצבור.

פון דעם חודש האביב ביז העט פאַר שבועות, גאַנצע זיבען וואָכען, כמעט דער גאַנצער פרילינג, ווערט גאַר ביים עם חכם ונבון פאַררעכענט פאַר'ן טרויעריגסטען סעזאָן פון יאָר. די אבלות גרייכט אַזש ביז צו פאַרבאָטען חתונות, וואָס איז די ערשטע מצוה פון דער תורה, דער פונדאַמענט פון מענשליכען עקזיסטענץ. די מצוה וואָס פאַרטרייבט אַלע שאָטענס פון טרויער און ווערט ניט נתפעל אפילו פאַר'ן מלאך המות אליין, הייסענדיג אים אָפּטרעטען אָן אַ זייט פאַר איר כבוד'ס וועגען, ווי דער דין איז: „מעבירין את המת מלפני הכלה". אָבער דער טרויער פון די ספירה-טעג איז, ווייזט אויס, פיעל גרעסער. אין די דאָזיגע טעג איז שוין „מעבירין את הכלה". אויס יוגענט, אויס פרייד. טרויער שפּרייט זיך אויס אין אַלע אידישע ווינקעלעך. באַוואַקסענע, דערשלאָגענע דרייען מיר זיך אַרום, אין טרויער אויף אַ מורא'דיגען אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפען.

די סיבה פון טרויער איז דאָס וואָס מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק, זענען 24 טויזענט יונגעלייט אויסגעשטאָרבען! נו, איז מה רעש?! מאַלע וואָס ס'האָט אַמאָל געטראָפען מיט טויזענטער יאָרען צוריק. און מיר היינט, אין אונזער יעצטיגען מאַרטירער דור, מיר וואָס פאַר אונזערע אויגען זענען מיליאָנען אידען, יונגע און אַלטע, אפילו לעבעדיגע אידישע קינדער געוואָרפען געוואָרען אין קאַלך-אויוונס. זענען מיר די יעניגע וואָס דאַרפען זיך אַוועקזעצען טרויערן אויף 24 טויזענט יונגע לייט וואָס זענען אומגעקומען מיט אַ נאַטירליכען טויט מיט טויזענטער יאָרען צוריק?

אָבער, ניין, ניט אויף דער פּערזענליכער טראַגעדיע פון די יונגעלייט וויינען מיר, נאָר אויף דער סיבה פון זייער טויט, וואָס

שלענגעלט זיך דורך ווי א רויטער פאַדעם דורך די גאַנצע אידישע היסטאָריע ביז דעם יעצטיגען טאָג. וואָלטען מיר געווייגט שטאַרק אויף דעם טויט פון די תלמידי ר׳ עקיבא, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרען דורך „שלא נהגו כבוד זה בזה״, וואָלטען מיר ניט באַדאַרפט זיין עדות צו די ווילדע ספּעקטאַקלען וואָס קומען פאָר ביים היינטיגען טאָג אויפ׳ן אידישען פראָנט בכלל און אין אונזער רעליגיעזע מחנה בפרט.

„שלא נהגו כבוד זה בזה״, דאָס איז אונזער פאָלקס־טראַגעדיע זינט די צייטען פון די תלמידי ר׳ עקיבא ביז צום היינטיגען טאָג.

עס איז אַ ודאי אַ פאָלקס־אומגליק, ווען „מפא״י״ איז ניט נוהג כבוד אין „חירות״; ווען די פּאַרטייַ וואָס אירע חברים זענען ערשט נישט לאַנג צוריק געגאַנגען אויף ענגלישע תליות פאַר כבוד ישראל, ווערען אַזוי שרעקליך דערנידעריגט דורך די וואָס שטעהן יעצט ביים רודער פון מדינת ישראל. אָבער נאָך מער טרערען, בלוטיגע טרערען, דאַרפן פאַרגאָסען ווערען, ווען פון דער כנסת־בימה ווערט געשליידערט דאָס שרעקליכסטע שימפּ־וואָרט „עוכר ישראל״, אויפ׳ן גרייז־גרויען קאָפּ פון ראש הרבנים פון ירושלים עיר הקודש, הגאון פראנק שליט״א.

דאָס איז שוין ניט קיין פראַגע פון אָפּגעבען אָדער נישט אָפּגעבען כבוד א גרויסען רב... פון ירושלים ביז ניו יאָרק, אויף דער גאַנצער ליניע פון רעליגיעזען אידענטום גייט אונז נאָך דער נאַציאָנאַלער אומגליק פון „לא נהגו כבוד זה בזה״. און עס טוט דאָך אַזוי וויי... ברודער פאַרשעמט ברודער, אַ גרויסער רב, פון גרויסען רבני׳שען יחוס זידעלט פון אַ עפענטליכע פּלאַטפאָרמע זיינע חברים, רבנים, גדולים און אפילו אייגענע משפחה מיטגלידער; שענדענדיג בפני רבים איינמאָל און נאָכאַמאָל דעם פאַרהייליגטען ווינקעלע אין וואָכענדיגען ניו יאָרק וואָס רופט זיך „וויליאַמסבורג״.... ווען אפילו ניט פאַר זייער תורה און יראת שמים, דאַרף מען דאָך אויך זיך באַציען מיט רעספּעקט צו די אודים מוצלים מאש. אָט די רבנים און רביים פון „וויליאַמסבורג״ זענען דאָך געראַטעוועטע פון היטלער׳ס גאַז קאַמערען!

אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז „קטנם עבה ממתני״. און ניט איך בין דער וואָס איז באַרופען זיי

אויפמערקזאם צו מאַכען אויף זייערע טעותים. אָבער קבל האמת ממי שאומרו.

לאָמיר אריינזאפען דעם ספירה-טרויער אין אונזער פאָלקס-באַוואוסטזיין, אראָפּצושאָקלען פון אונזער פאָלקס-גוף און נשמה די טויזענט-יאָריגע קללה און חרפּה, וואָס איז דער קוואַל פון אונזערע אַלע אומגליקען. לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסען מתקן צו זיין דעם חטא פון די תלמידי ר׳ עקיבא. לאָמיר פארשטיין, אַז אַלע קלאַסען און שיכטען אין אידענטום ווילען דאָך גען אין ר׳ עקיבא׳ס פוס-טריט. איז פאַרוואָס באַליידיגען תלמידי ר׳ עקיבא איינער דעם צווייטען, און ברענגען אויף זיך טויט. טויט ממש, גייסטיג ווי פיזיש?

כבוד התורה איז אונז געווים מחייב לנהוג כבוד זה בזה, למען כבוד ה׳ ותורתו.

*) געדרוקט אין „שוהל-לעבען", מאי-יוני, 1954.

די דרייצען טארבעס...

אונזער אַלט-באַקאַנטע בעל-טובה'ניצע „די אידישע אַגענטור", אונטער דער פירערשאַפט פון דעם ווייכהאַרציגען דאָקטאָר גאָלדמאַן, איז זייער באַזאָרגט, ביים איצטיגען מאָמענט, מיט דעם שווערען מצב פון אַמעריקאַנער אידען. דעם פינאַנציעלען שווערען מצב פונקט ווי דעם גייסטיגען שפל'ן מצב.

איז מילא, וועגען גייסטיגען מצב, טוט מען אַלץ וואָס מען קען, ניט נאָר פאַר אַלגעמיינע ציוניסטען און וועלטלעכע אידען, נאָר אויך פאַר די רעליגיעזע אידען טוט מען וויפיל נאָר מען קען. געשאַפן אפילו אַ ספּעציעלען דעפּאַרטמענט מיט אַלע נויטיגע הוצאות פאַר דעם, און אפילו אַ אידישע ראַדיאָ שטונדע אָפּגע'שמד'ט אויף ענגליש, אַלץ כדי צו לערנען אַ ביסעלע תורה אַמעריקאַנער אידען. די אידישע אַגענטור איז דאָך עפּעס ניט קיין עגאָאיסטקע צו פאַרכאַפּען די גאַנצען תורה נאָר פאַר ארץ ישראל. ארץ ישראל איז שוין אַזוי איבערפולט מיט תורה מדן ועד באר שבע ומבאר שבע עד אילת, אַז מ'קען זיך שוין ערלויבען דעם פאַרגעניגען מקיים צו זיין דעם כי מציון תצא תורה אַזש לאמעריקע!

אָבער וואָס טוט מען עפּעס צו פאַרגרינגערען דעם שווערען פינאַנציעלען מצב פון די אָרעמע אַמעריקאַנער אידען? נו, איז די אַגענטור געפאַלען אויף אַ געניאַלע המצאה. דער גאַנצער אומגליק באַשטייט דאָך וואָס מען רייסט אַזויפיל געלט ביים אַמעריקאַנער איד. בטבע אַ גוטער, קען קיינעם ניט אָפּזאָגען, שטעלט מען אים בדיל הדל. איז די אַגענטור ארויסגעקומען מיט אירע דרייצען אני מאמינ'ס, און געראַטעוועט דעם כלל ישראל. ומעשה שהי' כך הי':

פריער אין די אידישע צייטונגען, וועלכע שלינגען איין אַ פערטע-לע פון אַ מיליאָן דאָלאַר יעדען יאָר פון די צונויפגעשנאָרעטע אַגענץ-געל-טער, און נאָכהער אין אַן אייגענע פּובליקאַציע אונטער'ן נאָמען „איזראַ-על דיידזשעסט" פון כ"ג ניסן, איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אַ זייער שטרענגע מודעה ואזהרה לטובת הצבור פון אַמעריקע, אַז — מער ווי פאַר דרייצען ארץ ישראל'דיגע מוסדות דאַרף מען קיין געלט

ניט געבען. און די דרייצען מוסדות זיינען: איינמאָל איך, און נאָכאמאָל איך, ווייטער איך און ווידער איך, נאָר איך, אַזוי ביז דרייצען איכ'ן. איך, דער כפול-שמונה'דיגער שנאָרער, וועל בעטלען ביי אייך אויף דרייצענ'ערליי אופנים.

און כדי איך זאָל האָבען אָפענע טירען איז „איך, השנאָרער הגדול, פארבאָט אַלע אַנדערע ארץ ישראל'דיגע אינסטיטוציעס צו זאַמלען געלט בכל רחבי ארץ אַמעריקע". ווייזט אוים, אַז די אַגענטור לייט זיינען אויפמערקזאַמע לעזער פון ראַבניצקי'ם וויצען, און פון דאָרטען שעפען זיי זייערע גאַנצע חכמה.

דערציילט זיך דאָרטען, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

צוויי באַקאַנטע לאַנד-קבצנים, וואָס גייען אַרום אין די הייזער פון שטאָט צו שטאָט, האָבען זיך באַגעגענט; רופט זיך אָן איינער צום אַנדערען: — „מעגסט מיר אָפּגעבען מזל-טוב, איך האָב אוים-געגעבען מיין עלטסטע טאָכטער צו איינעם פון אונזער צעך: פישקע דער האַרבאַטער". — „וואָס פאר אַ נדן האָסטו אים געגעבען?" — „פרעג ניט, שוין איינמאָל אַ נדן. איך האָב אים געמוזט אָפּגעבען גאַנץ קאָוונע, און איך טאָר שוין מער ניט גיין דאָרט. וואָס זאָגסטו? אַ יאָ, אַ שיינער נדן?"...

און די אידישע אַגענטור, מיט איר פּרעזידענט,ביידע פאַרדייטשמערישטע, רחמנא ליצלן, פאַרשטייען ניט קיין אידישען וויץ און מיינען טאַקע ערנסט, און האָבען טאַקע זיך ארויסגענומען פון קאָוונער גובערניע. און די אַלע דרייצען זיינען נאָר די טייערע קעסט איידעמלעך. איר בלייבט אַזש שטיין אין גרוים באַוואונדערונג! האָט טאַקע דער „פאַראייניגטער אידישער אַפּיל" און דער „באַנד דרייוו" פאַרגעסען אין זיך אַליין?

ניין! אַ קלוגער סאַרווער פאַרטיילט זיך ניט. נאָך דעם ערשטען פּאַראַגראַף, וואו עם ווערען אויסגערעכענט אַלע דרייצען קעסט קינדער, ווי: אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאר דעם ווייצמאַן אינסטיטוט, די פרויען ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (גאָר אידישלעך... אַ פרויען ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַזונדער, און אַ מענערישע באַזונדער...) הסתדרות, אַרבעטער-מענער; פּיאָנערען, אַרבעטער פרויען (משיח'ם צייטען, ביי די הסתדרות מוז אויך זיין מענער באַזונדער און פרויען

באזונדערע טאָרבעס. תערובות פון טאָרבעס איז אסור על פי הסתדרות, עס קען שאַדען צו ביזנעס.) אָבער בין פרויען לפרויען דאַרף מען, ווייזט אויס, אויך מחלק זיין. ווייל נאָך פרויען אַרבעטער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז די צוועלפטע, קומט איצט דער אחרון אחרון חביב, די סאַמע לעצטע, די דרייצענטע אַליין בכבודה ובעצמה — די פרויען ליגע פאַר ישראל — די אַנדערע, מכל־המינים־ווייבער, מוזען נעבעך פראַווען שבת פאַר זיך, אין ניו יאָרק (אַזוי שטייט בפירוש...)!

נאָך דעם חוצפה׳דיגען ערשטען פּאַראַגראַף מיט די העזה׳דיגע ערקלערונג פון צווייטען פּאַראַגראַף, אַז די חלוקה פושקעס זיינען באַשאַפען געוואָרען צו דינען די אַמעריקאַנער אידישער באַפעלקערונג דורך קאָאָרדינירען אַלע פאָנדען פאַר אַלע ישראל׳דיגע צוועקען און אינסטיטוציעס... לאָזט מען איצט ארויס די קאַץ פון זאַק, אין די גינגאָלדענע ווערטער פון דריטען פּאַראַגראַף:

„די אַלע שלש עשרה אָרגאַניזאַציעס האָבען פאַרזיכערט פריאָריטי צום פאַראייניגטען אידישען אַפּיל אַלס דער הויפּט־קוואַל פון פילאַנטראָפּישע פאָנדען פאַר ישראל׳ס אימיגראַציע א. אַז. וו. א. אַז. וו. די אַלע שלש עשרה זיינען שטודירט און אַנאַליזירט געוואָרן ביי דעם קאָמיטעט אין וועמענס שפּיץ עס איז דר. נחום גאָלדמאַן, דער פאָרזיצענדער פון דער אידישער אַגענטור".

אָבער דער דריטער פּאַראַגראַף איז נאָך אויך ניט אַלץ. דער גולת הכותרת קומט איצט:

„די אידישע אַגענטור בעט אַלע מנדבים פאַר ישראל׳דיגע צוועקען, זיך צו אינפאָרמירען אין דער אַגענטור׳ס אָפיסעס וועגען יעדע געלט זאַמלונג וואָס גייט פאַר ארץ ישראל".

אין פּשוט׳ע ווערטער און אין פּאַקטישע מעשים מיינט עס פּראָסט און פּשוט, אַז ווען אַ ישיבה אָדער אַן אַנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציע פון ארץ ישראל ווענדט זיך צום אַמעריקאַנער איד נאָך הילף, זאָל ער ניט געבען קיין סענט, איידער ער פרעגט זיך אָן ביי די אידישע אַגענטור. און ווען דער פּראָספּעקטיווער מנדב איז שוין אַזוי גוט און פרעגט זיך טאַקע אָן — איז, מעשים בכל

יום, אַז די אַגענטור ענטפערט טאַקע אויף אַלע אַנפראַגען לא מיט אַן אלף. און דער נעגאַטיווער ענטפער איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך. צוליב די פשוט'ע צוויי טעמים: די ערשטע מעשה איז דאָך „אלי כתיב"... און די צווייטע מעשה איז דאָך די איינגעוואָרצעלטע שנאה וואָס די אַגענטור-לייט טראָגען אין זייער הארץ אויף אַלע אמת פרומע אידישע אינסטיטוציעס... וואָס איז אָבער ניט פאַרשטענדלעך איז, די באַציאונג פון עולם, פון שוהל עולם, פון פרומען עולם. מוז טאַקע דער שוהל איד, דער פרומער איד געבען פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּענים נאָר פאַר'ן העברעאישען אוניווערזיטעט, וואו מען לאַכט אוים תורה אידישקייט און סיני'דיגע פרומקייט. און דערזעלבער שוהל-איד טאָר טאַקע ניט שטיצען אַ תורה-אינסטיטוציע וואָס זאָל ערציען נאָך אַ שוהל-איד וואָס זאָל לייגען טלית ותפילין ווי ער אַליין?!

עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס די חוצפה'דיגע אַרויספאָדערונג ווערט פאַרשוויגען אין די אונטערגעקויפטע אידישע טעגלעכע פרעסע... עס איז אָבער יאָ שווער צו פאַרשטיין די פּעריאָ-דישע רעליגיעזע אויסגאַבען וואָס גייען אַריבער אין שטיל-שווייגעניש אויף די מעשים תעתועים. די שוהל-אידען און שטיבעל-אידען וואָס צאָ-לען ניט די אידישע אַגענטור מדה כנגד מדה! עס איז שוין, דאַכט זיך, די העכסטע צייט אַרויסצוגיין פון דעם פאַרגליווערטען צושטאַנד. עס וואָלט שוין, דאַכט זיך, צייט געווען צו זאָגען צו דער אידישער אַגענטור, אַז קאָוונער גוברניע באַלאַנגט נאָך צו איר ניט. זי קען האָבען די רעכט, פונקט אַזויפיל ווי יעדע אָרגאַניזאַציע, צו אַפּעלירען פאַר אירע פאָנדען, אָבער זי האָט אין קיין פאַל ניט די מינדעסטע מאָראַלישע און עטישע רעכט צו ווערען דער שופט און דיין אויף אַנדערע אינסטיטוציעס! זאָל זי אויפהערען צו ווערען אונזער פאַר-זאָרגערין, און בעסער זאָרגען, אַז אין איר אייגען געוועלבעל זאָל מען אויפהערען צו פאַרטאַכלעווען אַזויפיל אידיש אַמעריקאַניש געלט אויף פּענסיעס אומגלויבלעכע, אויף רייך אויסגעשטאַטע מחללי שבת אַפּיסעס, אויף פאַרשווענדערישע רייזעס און מיליאָנערסקע האָטעלען.

דער דעת הקהל מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפגעשטורעמט ווערען געגען די באַרימטע שרייערס „כאַפּט דעם גנב"...

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", אייר, תשי"ד.

שרייבערישע אידישקייט...

די האַלטונג פון אידישע שרייבער אין דער טעגלעכער אידישער פּרעסע איז לעצטענס אַפּטמאָל אַזוי סקאַנדאַליעז פּראָוויצירענד לגבי דעם רעליגיעזען צבור, אַז עס וואָלט פּשוט געווען אַ שרעקלעכער פאַרברעכען פאַרבייצוגיין איבער דעם אַלעם שטילשווייגענד.

אין אַן אַרטיקעל וועגען אידישען טעאַטער, פּארלאַנגט לעצטענס איין אידישער שרייבער ניט מער און ניט ווייניגער, נאָר, אַז אונזערע ראשי ישיבות זאָלען פאַרשטיין, אַז „אידישע פּיעסע קען אין אים איינפלאַנצען אַ ליבע, אַ ביסעל דרך ארץ, פאַרשטענדעניש פאַר'ן אידישען לשון און אָפּשוואַכען דעם אַסימילאַציע פּראָצעס וואָס ווירקט אין די רייען פון די אידען וואָס דערווייטערען זיך פון דער אידישער גאַס". און מיט אַ גאוה'דיגער חוצפה וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרען, פרעגט דער זעלבער שרייבער: „ווייסען ניט אונזערע גייסטיגע וואָרט-זאָגער, אונזערע ראשי ישיבות, אַז — ווי איז אונז — אַז טעאַטער איז ניט בלויז אַ קוואַל פאַר פאַנדען? ווייסען זיי ניט, אַז טעאַטער איז אַ מיטעל פאַר דערציאונג?".

אַז דער דאָזיגער באַגאַבטער שמירער מיינט עס אויף אַן אמת, זעט מען פון ערשטען פּאַראַגראַף פון זיין פּערעלדיגען אַרטיקעל, וואָס זאָגט זיך לאמור, אַזוי צו זאָגען: „דער דורכשניטלעכער איד איז נאַאיוו גענוג צו גלויבען, אַז תלמוד תורה'ס, ישיבות, מתיבתא'ס זיינען מיטלען ניט נאָר צו לערנען, נאָר אויף צו פאַרשטאַרקען אידישקייט. אידיש לעבען און אידישע באַוואוסטזיניגקייט, ווען אַ איד גיט אַ ביישטייערונג אויף אַ ישיבה, גלויבט ער, אַז ער העלפט דערמיט דעם קיום פון אידישקייט. אַנדערש וואָלט ער ניט געגעבען". לויט דעם שרייבער קומט אויס, אַז קיום פון אידישקייט און אַלע אַנדערע גוטע זאַכען קריגט מען אין טעאַטער, און טאַקע נאָר אין אידישען טעאַטער!... און אויב די ראשי ישיבות נוצען ניט אויס זייער איינפלוס אויף די ליידים אָקזילערים צו באַוועגען זיי גיין אין אידישען טעאַטער, קומט די בפירוש'ע אינסינואַציע, ניט בייצושטייערען פאַר ישיבות. און איך וואָלט געוואָלט פרעגען מיט די זעלבע ווערטער פון דעם טעאַטער-שרייבער: „**זיינען מיר ווירקלעך אַזוי פאַרגרעבט**

געוואָרען און אַזוי פאַרטעמפּט געוואָרען, אַז מיר ווייסען ניט דעם חילוק פון ווייס און שוואַרץ, פון אַנשטענדיגקייט ביז אויסגעלאַסענ־קייט..." יאָ, פאַניע שרייבער, אידישער טעאַטער איז אין אונזערע אויגען און אין די אויגען אפילו פון אַ סך וועלטלעכע אידען, שונד און אויסגעלאַסענקייט... איר ווייסט דאָס אַליין! און צושטעלען אַזאַ חושך מצרים מיט להבדיל אלף אַלפי הבדלות צו דער לויטערער ליכטיגקייט וואָס קומט אַרויס פון די ישיבות צו באַלייכטען די אידישע וועלט וואָס איז פאַרפינסטערט געוואָרען, — ניט אין קיין קליינער מאָס דורך אייערע שרייבעכצער און אייער טעאַטער — דאַרף מען פאַרמאָגען ניט קיין קליינע מאָס חוצפּה און טעמפּקייט שוין אַליין — פאַר דעם מיאוס'ען קעפּעל פון אייער מאמר „ישיבות, אידישקייט און טעאַטער".

אָבער — „אַלץ אין אַ טאָג", לויט אַ קעפּעל פון אַ צווייטען אידישען שרייבער. און דער צווייטער אידישער שרייבער איז שוין גאָרניט קיין קטלא קניא. ער איז טאַקע דער פּרעזידענט פון אַלע אידישע שרייבערס. און זיין מאמר איז ניט געשריבען געוואָרען אין אַ לייכטזיניגען מאָמענט אָדער אין אַ טעאַטראַלער שטימונג. ער שרייבט אונטער דעם איינדרוק פון יום הקדוש, פון יום כיפּור, און „דאָס אויפ'ן פרישען קבר פון אַ גרויסען שרייבער און „חבר". און דער „גרויסער שרייבער און חבר" איז געווען לויט זיינע ווערטער „אַ טראַדיציאָנעלער איד, רעליגיעז"... און אין אַ צווייטען אָרט, ווערט ער אַפילו געשילדערט אַלס אַ „טיף טראַדיציאָנעלער איד"... פאַרשטייט איך, אַז אַ טראַדיציאָנעלער איד לייגט נאָר רש"י'ס תפילין און דאַוונט בצבור 3 מאָל אַ טאָג, און אַ טיף טראַדיציאָנעלער איד לייגט מסתמא אויך רבינו תם'ס תפילין און גייט אין מקוה פאַר'ן שוהל גיין. איז אונז אָבער, דער פּרעזידענט פון אַלע שרייבער מגלה סוד, וועגען יענעם שרייבער און, אגב, טאַקע וועגען זיך אַליין, אַז זיי האָבען ביידע אַפילו ניט אריינגעשמעקט יום כיפּור אין שוהל.. דער גרויסער שרייבער האָט פאַרברענגט יום כיפּור ביי זיך אין שטוב און געפילט זיך „דערהויבען, יום-טוב'דיג", פון וואָס כדומה למשל?... „זיין זון דוד, אַ אידישער און ענגלישער אַקטיאָר, האָט יענעם אָווענט געדאַרפט אויפטרעטען צום ערשטען מאָל אין אַ נייער ענגלישער פּיעסע אויף בראַדוויי. יוסף אַפּאַטאָשו און זיין פרוי האָבען זיך געגרייט צו דער דאָזיגער פייערלעכער פּאַסירונג". איין ריכט שנור פון דעם

ערשטען שרייבען ביז דעם גרויסען שרייבער און ביז צו דעם פרעזידענט פון די שרייבער: ניט קיין תורה, ניט קיין תענית און ניט קיין תפילה. טעאטער בצבור — דאָס איז שרייבערישע אידישקייט. און טאַקע „ענגלישע פיעסע" און טאַקע „אויף בראָדוויי". אידישע פיעסע און אידיש טעאטער איז נאָר פאַר ראשי ישיבות. פאַר זיך האַלטען אידישע שרייבער פון ענגלישע פיעסען...

און וואָס טוט דער פרעזידענט פון די אידישע שרייבער יום כיפור? דער גרויסער שרייבער האָט כאָטש „געבלעטערט דעם מחזור" דער פרעזידענט בלעטערט שוין דעם מחזור אויך ניט. **„אין אָט דעם טאָג בין איך אומגעגאַנגען צווישן בוימער און בלומען. די נאַטור אין דעם קילען טאָג איז געווען ווי ספּעציעל ערנסט און פּאַרכטיג אָנגעשטימט".**

דער גרויסער שרייבער, האָט כאָטש פאַר זיין טויט מסביר גע־ווען „פאַר די שטוביגע דעם טיפען דערהויבענעם זינען פון די אידישע אויסגאַסען פאַר ג־ט". אַ צווייטער 81 יעריגער אידישער שרייבער האָט אָבער פאַר זיין טויט, אין דער אידישער טעגלעכער פרעסע, עפענטלעך אויסגעלאַכט דעם הייליגסטען אידישען טאָג... ווי אַזוי אַנדערע אידישע שרייבער, וועלכע לערנען דעם כלל ישראל טעגלעך ווי אַזוי אויפצוהאַלטען אידישקייט, אידישען „קיום", אידישען „המשך", פירען זיך אין די אידישע יום טובים און ימים נוראים, ווי אַזוי עס פירט זיך אין אידישע רעדאַקציעס אין די הייליגע אידישע טעג, איז אַ באַזונ־דער קאַפּיטעל וואָס וועט נאָך דאַרפען אַמאָל אויסגעלופטערט ווערען. איך וויל זיך איצט נאָר אָפּשטעלען אויף איין כאַראַקטעריסטישען פאַקט. אַ אידישער שרייבער ווען ער שטאַרבט, קומט ניט צו קבורה פאַר 3 טעג! לא יאומן כי יסופר. אָבער דער פאַקט איז אומבאַשטריטען. אַזוי פירען זיך גויים און אַזוי פירען זיך אידישע שרייבער. זיי, וועלכע לערנען אונז און פרעדיגען „אידישען שטאָלץ" פּאַסט ניט אָנצוהאַלטען אַ טויזענט יאָריגען מנהג. זיי פירען זיך ווי גויים.

דער גערער רבי זצ"ל האָט געזאָגט: אין פ' עקב שטייט בל' יחיד: „את ד' אלקיך תירא, אותו תעבוד, ובו תדבק". אין פ' ראה דאַגעגען שטייט: אחרי ד' אלקיכם תלכו, ואותו תיראו וגו' בלשון רבים. ווייל כשהשנים כתקונן, מעג זיך דער מענש אָפּזונדערען

אין זיין ווינקעלע צו דינען השי"ת. אין אַ צייט אָבער ווען עס באַווייזן זיך ביי אידען מסיתים ומדיחים, ווי עס שטייט דאָרט אין ענין „כי יקום בקרבך נביא וגו'". דאַן מוז יעדער ארוים פון זיין פּאַראייגזאַמטע התבודדות, און מיט פאַראייניגטע כוחות אויסשרייען אין דער אידישער גאַס אחרי ד' תלכו. ער אַליין האָט דערפאַר געוויזען אַביישפּיל. זעענדיג דעם צעשטערערישען איינפלוס פון דער אידישער פּרעסע פאַר אמת'ע אידישקייט, האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע גדולי ישראל, באַאיינפלוסט דעם רעליגיעזען צבור, ארויסצוגעבען אַן אייגענע אידישע צייטונג.

דאַרפען מיר זיך ניט נעמען קיין ביישפּיל להלכה ולמעשה אין די היינטיגע טעג?

מעגען מיר זיך גלייכגילטיג און קאַלטבלוטיג צוקוקען צו דעם דעמאָראַליזירענדען איינפלוס פון אַזעלכע שרייבער און שרייבערייען? מעגען מיר זיך איינשלעפערען מיט דער פאַלשער אילוזיע, אַז די דאָזיגע שרייבעכצער קלעפען זיך ניט צו צו די מוחות פון אידישע לייענער?

מאָדנע, די אידישע פּרעסע האַלט זיך אוים און ווערט רייך פון אַנאָנסען וועגען שולען און חזנים, און אידישע שרייבער שרייען אין די גאַסען, אַז זיי גייען ניט אַריין אין אַ אידישע שוהל אפילו אום יום כיפור און דרש'ענען ברבים, אַז מ'קען זיין „רעליגיעז", כאָטש ניט אין אָנגענומענעם זין". האָבען אַזעלכע שרייבערייען נאָך ווייניג שאָדען אָנגעטאָן אין דער אידישער גאַס? איז נאָך אַלץ ניט געקומען די צייט געגענצואווירקען דעם דאָזיגען גייסטיגען אומגייסט, מיט אַ געזונטע אידיש-גייסטיגע השפעה דורך דעם וועג פון אַ טעגלעך אידיש-רעליגיעזע צייטונג? וויפיל דאַרף מען נאָך אונז שפּייען אין פּנים זיך אויפצוכאַפּען פון אונזער לעטאַרגישען שלאָף און זיך נעמען צו מעשים?

דער ברבים'דיגער הרם בשופר קולך, האָט ניט קיין אַנדערען אינסטרומענט ביים היינטיגען טאָג ווי אַ טעגלעכע צייטונג. ארויסגעבען אַ רעליגיעזע טעגלעכע צייטונג איז אַ צו השעה.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", חשון, תשט"ו.

חשמונאים געראנגעל — אמאל און היינט

די פראַגע פון „מאי חנוכה?" איז געפרעגט געוואָרען גלייך ביי דער עטאַבלירונג פון דעם יום טוב חנוכה. און דאַרף נאָך מיט מער שטאַרקייט געפרעגט ווערען ביים היינטיגען טאָג אין דער היינטיגער צייט. אויב, בימים ההם, האָט מען געמוזט אַוועקשטעלען די פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט און אָפענקייט, און געבען אויף איר אַ דעפיניטיווען ענטפער אויף לשנה הזאת און לשנה הבאה, כדי אויסצומיידען אַ בלבול המוחות, און אריינצוברענגען קלאָרקייט אין דער אויפפאַסונג פון ישראל סבא אויף היסטאָרישע געשעעענישען. על אחת כמה וכמה, בזמן הזה, איז עס אַ אימפעראַטיווער חוב באַקאַנט צו מאַכען איבעראַניים אין דער אידישער גאַס „מאי חנוכה?".

וויפיל מוט האָט זיך עס געפאָדערט פון אונזערע הייליגע חכמים, אין אָנבליק פון די גרויסע חשמונאים׳דיגע נצחונות, פאַרבייצוגיין די גיגאַנטישע היסטאָרישע מלחמות, מיט אַ דרך אגב׳דיגע פראַזע: „וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום", און פאָרמולירען מיט קלאָרע און שאַרפע ווערטער דעם נס פון פך השמן!

לשנה אחרת, ווען דער קלאַנג פון די שווערדען איז שוין געווען איינגעשטילט, און דאָס טעגלעכע לעבען האָט אָנגענומען איר נאָרמאַלען גאַנג, איז שוין געווען אַ לייכטערע אויפגאַבע צו פאַרשטיין און אויפפאַסען דעם יום טוב בהלל והודאה. אין רעטראָספעקטיווען בליק איז שוין לייכטער זיך צו אָריענטירען. אין דער נאָך-מלחמה׳דיגער רואיגער שטימונג איז שוין אויך, פאַר דעם מענש פון גאַס, מעגלעך צו אָבסערווירען די פאַקטען פון גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים מיט דעם געהעריגען יישוב הדעת, צו פאַרשטיין די אייזערנע לאָגיק פון דער אידישער געשיכטע אַז — לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוחי אמר ד׳ צבאות.

ניט אַזוי לייכט צו זאָגען און צו פאַרשטיין איז עס אָבער אין ברען פון דער מלחמה! און דאָך האָבען די חכמים געפונען פאַר נויטיג ניט צו וואַרטען ביז לשנה אחרת מיט זייער דערקלערונג. צופיל שטייט אין קאָן אָנצוואווערען. דער ריכטיגער כאַראַקטער פון

נס מוז גלייך אויפגעקלערט ווערען און דערמיט אויסמיידען א בכיה לדורות. דווקא איצט איז גאָר די צייט אָפצושוואַכען די בראַוואַדאָ שטימונג. נאָך איידער די מיליטאַריסטיש־שאָוויניסטישע געפילען נעמען קריגען די אויבערהאַנט, מוז דער כחי־ועוצם־ידי־איינרעדעניש, אויסגעוואָרצעלט ווערען פון דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע. איצט איז נאָך לייכט צו באַנעמען, אַז ניט די פּאַראיינזאַמטע, אין קעלער־ליגענדע חשמונאים האָבען עס מיט נאַטירלעכע גבורה מנצח געווען די מעכטיג־שטאַרק געשולטע יוונ׳ישע אַרמייען. איצט איז נאָך פריש אין זכרון דאָס דערדריקענדיגע בילד פון קליין הייפעלע בית חשמונאי, ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט שונאים מבחוץ און שונאים מבפנים. די אַראָגאַנץ פון אויסערלעכען מעכטיג־באַוואָפּענטען שונא, און די טראַגיגע האַנדלונג פון די אַלערליי אינערליכע שונאים, די מתייוונים פון די פאַרשיידענע שאַטירונגען. צו פריש איז נאָך די פעריזענלעכע טראַגישע וואונד פון בית חשמונאי זעלבסט. די צום שאַנד געפירטע חשמונאי טאָכטער און דער שטאַרבענדער מתתיהו, צו דענקען, אַז דער האַלב פּאַראַליזירטער האמערל איז עס דער מעכטיגער מכבי האַמער, וואָס האָט געהאַט דעם נאַטירלעכען כוח צו צעקלאַפּען די אַלע אלים. ניין, און נאָכאַמאָל ניין! דער שאַלענדער רוף פון „מי כמוך באלים ד׳״, הילכט נאָך איצט אין אַלעמענס אויערן, און די נאַטירלעכע קאָנסעקוועגץ איז להודות ולהלל לשמך הגדול על ניסך ועל נפלאותיך ועל ישועותיך.

גלייכצייטיג מוז אויך באַוואָרענט ווערען דער אַבסאָלוטער כאַראַקטער פון הלל והודי׳. עס טאָר ניט דערלאָזט ווערען דער שעדלעכער געדאַנק פון ערוב פרשיות. יאָ, דער אויבערשטער אוודאי. אָבער... — ניין. קיין אָבער! פאַר דער קריסטאַליזירונג פון דעם געדאַנק, האָבען די חכמים געשילדערט מיט אַלע אויספירלעכע דעטאַלען דעם נס פון פך השמן. ווייל די שמן סימבאָליזירט די אַבסאָלוטע ליכטיגקייט און ריינקייט אָן די מינדעסטע צומישעניש.

אין מביאין לא מבית הזבלים, ולא מבית השלחים, ולא ממה שנזרע ביניהם.

די בוימעל פאַר די מנורה פון בית המקדש קען ניט קולטיווירט ווערען דורך קיינע קינסטלעכע מיטלען. מעג אפילו דאָס ביסעלע מיסט העלפען ארויסצוברענגען די שיינקייט און ליכטיגקייט פון דעם בוימעל.

אָבער מיסט בלייבט מיסט, און דאָס גיט אריין אַ שלעכטען ריח. בעסער שוין אַן אָרעמער, מאָגערער בוימעל איידער אַ פעטערער אָבער געמישט מיט אַ מיסטיגען אַראָמאַט... למטר השמים תשתה מים. אָבער ניט פון קיינע פרעמדע קוואַלען. מעגען די פרעמדע וואַסערען קומען אפילו פון די שפּרודעלדיגסטע קוואַלען, זיינען זיי פּסול צו באַלייכטען דעם אידישען בית המקדש. ווייל — אותי עזבו, מקור מים חיים. דאָס אָריגינעל אייגענאַרטיגע איז דאָס קוועליגסטע, לעבעדיגסטע וואַסער... ולא ממה שנזרע ביניהם. יאָ, דאָס אָריגינעלע. אָבער צוגעבען נאָך אינצווישען שאַדט דאָך ניט. אדרבא, עס גיט דאָך צו פאַרשיידענ-פאַרביגקייט, עס בלענדט דאָס אויג, עס באַרייכערט. ניין, מוחל די טובה. — לבדד ישכון — איז די אייגענאַרטיגע כאַראַקטעריסטיק פון שמן זית און — פון ישראל שנמשל לזית.

הייליג איז ישראל ווען ער איז פאַרפלאַנצט אויף ריינעם באָדען. ישראל לייכט און באַלייכט ווען ער באַנוצט זיך ניט מיט קיינע פרעמדע קוואַלען. דער כוח פון ישראל סבא ליגט באַהאַלטען אין זיך אַליין אָן קיין צומישעניש פון פרעמדע פלאַנצען.

אַטלעטישע איבונגען מאַכען טאַקע שטאַרקער דעם קערפּער, נאָר דער מיסטיגער שוויים פאַר׳סמ׳ט די נשמה. קונסט, צירק, טעאַטער פאַרכאַפּען דאָס מענשלעכע אויג און ברענגען אריין דעם מענש אין עקסטאַז, אָבער עס פאַראומרייניגט די נשמה הטהורה און די ריינע רוחניות. די אַלע פרעמדע גריכישע זיטען און פרעמדער לעבענס-שטייגער, זיינען זייער לאָקענד און פאַרמאָגען אַ מאַגנעטיש-צוציענדע קראַפט פאַר די אידישע אַריסטאָקראַטיע. אָבער אין זיי ליגט אַ טויטלעכער סם פאַר די אייגענאַרטיגקייט פון דער אידישער נשמה. יעדע אָפּנייגונג פון אייגענטלעכען אידישען לעבענס-שטייגער איז עלול צו פאַרפינסטערען די אידישע נשמה, ווען אפילו דער קערפּער זאָל אויגענבליקלעך דאַדורך שענער און קרעפטיגער ווערען.

איין קליין קריגעלע בוימעל, אָבער, בחותמו של כהן גדול, אָפּגעשלאָסען און אָפּגעזונדערט פון מינדעסטען גוי׳אישען באַריר, באַזיצט די קאָלאָסאַלע אייגענשאַפט פון באַלייכטען אין הייליגקייט דאָס אידישע הויז אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך.

דער נס איז ניט קיין ספּאָנטאַנער אויסברוך. אַ מיליטערישער נצחון פאַרבלענדט און היפּנאָטיזירט. דער היפּנאָז פאַרשווינדט,

דער מיליטערישער קלימאַקס ברענגט מיט זיך, נאַטירלעכערווייזע, דעם אַנטי-קלימאַקס. אָבער דבר אלקינו יקום לעולם. דאָס לויטערקייט פון פּך השמן מאַראַל אין אַן אייביג דויערנדער נס. די מלכי בית חשמונאי זיינען, מיט דעם לויף פון דער צייט, אַרונטערגעפאַלען אונטער שטאַרקערע קרעפטען, און דעגענערירט געוואָרען ביז חורבן הארץ וחורבן עצמם. דער חנוכה יום טוב, אָבער, איז נאָך צוויי טויזענט איין הונדערט און צוואַנציג יאָר נאָך אַלץ מיט אונז, אַ דאַנק, די הייליגע וויזיע און ג־טלעכע נס־אויסטייטשונג פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה עדי עד.

פאַרפּליכטעט ניט דאָס אונז, איבעראַנייס, צו פאַרטייטשען דעם נס פון חנוכה פאַר אונזער דור, אין דער פּערספּעקטיווע, פון די אַלע פאַרגאַנגענע דורות? ! אין אונזער דור, מער ווי אין אַלע פריערדיגע דורות, איז עס נויטיג צו פאַרטרייבען די פינסטערניש און דעם בלבול המוחות מיט די צעדרייטע האַלבע אמת׳ן און גאַנצע ליגענס וואָס באַהערשען די צעטומעלטע אידישע גאַס.

מתתיהו ובניו גייען אַרויס אין קאַמף מיט די גוים, צו פאַרהיטען די הייליגקייט פון די אידישע משפחה.

להבדיל, די קאָנסערוואַטיווע ראַביים גייען אַרויס אין קאַמף מיט די גדולי התורה. אויך, צו פאַרהיטען די אידישע פרוי פון ליידען... נאָך וויניגער ווי אַ האַלבער אמת און נאָך מער ווי אַ גאַנצער ליגען. די גדולי התורה פון אַלע דורות פילען ניט מיט דעם צער פון דער אידישער פרוי ! די גדולי התורה פעלט די גרויסע לומדות פון די קאָנסערוואַטיווע ראַביים צו מאַכען תקנות לטובת די אידישע פרוי על פי התורה ! און — אָט די זעלבע ראַביים וואָס לייקענען עפענטלעך אין תורה מן השמים — מאַכען תקנות על פי התורה ! אָט די ראַביים וואָס גייען צוזאַמען מיט די יוונים, וואָס זייער יערלעכע אסיפה איז „אָפּצוגעבען כבוד די 3 גרויסע אמונות״ (יסכר פיהם). טאַקע, אין „סעמינערי פראָגרעס״ פון חודש כסלו, פון היינטיגען יאָר, מיט די חנוכה מנורה אויפ׳ן פראָנט זייט, שטייט די פאָטאָגראַפיע פון ראש הישיבה (רחמנא ליצלן) אַ שמייכלענדער צום „רייט רעווערענד מאנסיניאר וכו׳״, דער הויפּט פון קאַטוילישען דערציאונגס דעפּאַרטמענט. און אויף דער זעלבער פאָטאָגראַפיע „דער ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלען קאָונסיל פון טשוירטשעס פון

די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע". אן אידיליש בילד פון 3 טשווירטשעס, ר"ל! און ביי די הייליגע אסיפה ווערט דער אפענער אידישער אפיקורוס, דער מסית ומדיח ילדי ישראל בישראל, באערט מיט א דאקטאר טיטול פון ניט קיין אנדערען ווי דער למדן פון די חברה, דער מתקן תקנות על פי התורה!!!...

איין שוידערלעכער פאקט ארויסגענומען פון טויזענטער אזעלכע מעשים תעתועים! אבער די „מכה אשר לא כתובה..." איז דאך דער שעדלעכער וועג-ווייזער אין דער אידישער גאס פאר די אלערליי חנוכה-קריסטמעס בשותפות'דיגע פייערונגען!

אויך אין דער אידישער גאס גופא, איז דאך פארלוירען געווארען דער באוואוסטזיין פון הנרות הללו קודש הם! די אלערליי מכבי'ם און מאקעבעיאדעס זיינען דאך געגען דעם עצם גייסט פון חנוכה! חנוכה, דער סימבאל פון קאמף געגען גריכישען גייסט, פון פארהייליגונג פון פיזישען קערפערלעכען געניס און איבונג, ווערט גאר פארוואנדעלט אין אידישען, און אפטמאל, אין אידישען רעליגיעז-נאציאנאלען לאגער, אין א פארהערלעכונג פון פיזישע קראפט און וועלטלעך-מאטעריעלע באגריפען! אידישע צייטונגען, וואס זיינען אליין מחלל שבת בפרהסיא, דרוקען פייערדיגע חנוכה מאמרים, און די פנים'ער פלאמען זיי גארניט פון ברענענדיגער בושה... חשמונאים וואס לאזען זיך אויסקוילען אין די מערות-שבת, כדי ניט מחלל שבת צו זיין, חלילה, און חשמונאים-באזינגער וואס שרייבען און דרוקען די אומפארשעמטע ארטיקלען אום שבת קודש! אוי לאותה חרפה.

אבער ניט מיט פארצווייפעלטע וויי-געשרייען האבען די חשמונאים געקעמפט געגען די אמאליגע העלעניסטען, און ניט מיט פארצווייפלונג און יאוש וועלען מיר באקערען די היינטיגע העלעניסטען צוריק צום ריינעם אידישען גייסט.

יומי דחנוכה תמניא אינון דלא למספד בהון (ודלא להתענות בהון, איז דער גאון ניט גורם). ניט מיט וויינען און קלאגען וועט באנייט ווערען דער הערלעך קריסטאל-קלארער חנוכה- געדאנק. נאר מיט אן ארויספאדערענדען רוף פון „מאי חנוכה?", דארפען מיר זיך ווענדען צום אידישען עולם, אנ'ערנסטע אויפקלערענדע אפשאצונג פון דער היסטארישער באדייטונג פון חנוכה און נס חנוכה דארף

דורכדרינגען די גאַנצע אידישע מחנה. די אַלע פאַלסיפיקאַציעס פון די אידישע־ניט־אידישע היסטאָריקער דאַרפען אויפגעדעקט און פאַר־דאַמט ווערען. די אַלע אידישע־ניט־אידישע מישעכצען, די אַלע חציו לד׳ וחציו לבעל באַגריפען און סטודיעס, דאַרפען קלאָר און שאַרף ארויסגעבערענגט ווערען אַלס פרעמדע פלאַנצען און ווילדע געוויקסען אין אידישען גאָרטען, אין כרם בית ד׳ צבאות.

זאָלען מיר ווערען די אליהו הנביא׳ס בזעיר אנפין, און אויסרופען אין דער אידישער גאַס „אם ד׳ הוא האלקים לכו אחריו ואם הבעל הוא האלהים לכו אחריו״. אָבער ניט זיין קיין פוסח על שתי הסעיפים.

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלת נר תמיד.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט״, כסלו, תשט״ו.

אויף א פאלשען אדרעס...

עס וואָלט זיך געוואָלט פאַרשטיין דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַזאַ איד ווי בן־גוריון, אין אַזאַ קאַרדינאַלע און לעבענס־וויכטיגע פראַגע, פאַר ארץ ישראל און פאַר די אידען אין גלות, ווי די פּאָטענציעלע באַזעצונג אין ארץ ישראל פון די אידען פון די מערב־לענדער. וואָס מען זאָל זאָגען וועגען בן־גוריון אָבער פאַר קיין נאַר האַלט אים קיינער ניט, און אין זיינע ערלעכע כוונות לטובת אידען און אידען־לאַנד צווייפעלט אויך קיינער ניט.

איז וואָס באַצוועקט ער מיט זיינע אַלאַרמירענדע אויפפאָדע־רונגען עולה צו זיין קיין ישראל? אויף וועלכען קלאַס אידען לייגט ער זיינע האָפענונגען צו ווירקען מיט זיינע שניידענדע אַרגומענטען, כדי זיי צו באַאיינפלוסן, צו פאַרלאָזן זייערע באַקוועמע און שטענדיגע וואוין־ערטער, אין די רחבות׳דיגע פרייע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, און איבערלאָזען האָק און פּאָק און גיין, אין די מיטעלע אָדער עלטערע יאָרען, זיך באַזעצען אין ארץ ישראל?

די פראַגע איז ניט קיין אַבסטראַקטע און אין דער פראַגע ליגט דער שליסעל צו די הערצער און מוחות פון די מענשען צו וועלכע מען אַפּעלירט.

איז מען ביי זיך באַוואוסטזיניג צו וועלכען קלאַס, הויפּטזעכליך, מען שרייבט און מען אַרגומענטירט, ווייסט מען וועלכע אַרגומענטען צו באַנוצען, וואָס זאָלען האָבען די געהעריגע ווירקונג. ווען אָבער דאָס איז ניט דער פאַל; מ׳רעדט און מ׳טראַכט גאָר ניט צו וועמען מ׳רעדט, מ׳שרייבט סתם אין דער וועלט אריין, ניט אריינטראַכטענדיג זיך צו וועמען די מאמרים דאַרפען צילען, דאַן קען מען דאָמיט יוצא זיין, העכסטענס, פאַר שיין־שרייבעריי. אָבער זאָל דער שרייבער ניט איינרעדען זיך אָדער אַנדערע, אַז ער פאַרפאָלגט מיט זיין שרייבען די פאַרווירקלעכונג פון הויכע אידעאַלען און צילען.

אַ פאָלק באַשטייט דאָך פון פאַרשיידענע מענשען און קלאַסען; און וואָס עס איז גוט פאַר איינעם קען פאַר׳ן צווייטען גאָרניט טויגען. מ׳קען דאָך ניט רעדען וועגען נאַציאָנאַלען שטאָל׳ץ און

באוואוסטזיין צו מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין פארשטענדעניש דערפאַר. מ׳קען דאָך ניט אָנכאַפּען אַ אידען חנוכה-צייט אין מיטען גאַס ווען ער לויפט אַ פאַרסאַפּעטער, מיט׳ן קריסטמעס-בוים אין האַנט, און זאָגען אים לכו ונעלה, לאָמיר גיין אין אייגענעם לאַנד, אין הייליגען לאַנד, קיין ארץ ישראל! סיידען מ׳זאָל אים דערציילען די ווייַנאַכט-גליקען אין נצרת, ווי עס טוט עס טאַקע באמונה שלמה דאָס אינפאָרמאַציע-ביולעטין בלעטעל פון אידישען קאָנסולאַט, אויף די קאָסטען פון אידישען פאָלק...

מ׳קען דאָך אויך ניט רעדען וועגען דעם מחיה׳דיגען קאָמונאַלען קיבוץ-לעבען צו אַ אידען מיט בורזשואַזע נייגונגען, רחמנא ליצלן...

און מ׳קען אויך ניט דערציילען אַ אידישען קאַפּיטאַליסט, אַז דער בעסטער אָרט אויף צו אינוועסטירען זיין פאַרמעגען אָדער אַ טייל פון זיין פאַרמעגען איז אין די ערבות הנגב. צו פּראַקטיש איז אַ אידישער קאַפּיטאַליסט, אַז ער זאָל זיך לאָזען איינשמועסען די סאָרטען גאָלדענע גליקען. אפשר וואָלט דער מיטעל-קלאַס מענש אינוועסטירט זיינע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע טויזענט דאָלאַר אין אַ פּראָפּיטאַבלע ביזנעס אונטערנעמונג. זאָרגען שוין אָבער די ארץ ישראל׳דיגע ביוראָקראַטען דערפאַר, אַז ער זאָל דאַרפען ארומלויפען פאַר אַ שטיקעלע רשיון פון איין אָפּיס צום אַנדערען ביז זיינע אַמעריקאַנער שיך זאָלען צעריסען ווערען און זיינע דאָלאַרען זאָלען צערונען ווערען. שוין ניט רעדענדיג, אפילו, פון די ווילקירלעכע הסתדרות מעטאָדען...

ניין, הער בן-גוריון! פון מאַטעריעלען שטאַנדפּונקט איז די היינטיגע ארץ ישראל ניט קיין צוציאונגס-קראַפט פאַר קיין שיכט פון מערב-אייראָפּעאישען אָדער אַמעריקאַנער אידענטום. און צו בן-גוריונ׳ס לויב דאַרף עס געזאָגט ווערען, אַז ער באַנוצט זיך טאַקע ניט מיט קיין געשעפטסמעסיגען טאָן אין זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטישע עליי׳ מאמרים.

אָבער וואָס זאָגט ער יאָ? חוץ מאמר׳יסטישע פראַזעאָלאָגיע, איז אין דעם גאַנצען צענדליג מאמרים אויף די טעמע, ניטאָ קיין איין איבערצייגענדער פּונקט פאַרוואָס אַ סתם איד, צי אפילו אַן אַזוי-גערופענער „זיאָניסט", זאָל אַוועקוואַרפען זיין גאַנצע און זעטיגע עולם-הזה און גיין זוכען עולם-הזה אין ארץ ישראל?!

אָבער די שולד איז דאָ ניט בן־גוריונ׳ס. ער קען זיך אפשר זיין אַ גלענצענדער שריפטשטעלער, און אפשר אויך איבערצייגענד אויף אַנדערע געביטען, אָבער אין דעם ענין פון עלי׳ נאָך ארץ ישראל, וואָס דער גרונד־פּרינציפּ איז גאָר קדושת ארץ ישראל, קען קיין וועלטלעכער שרייבער, ארויסגייענדיג פון אַ וועלטלעכען שטאַנד־פּונקט, ניט זיין איבערצייגענד.

דער דאָמינירענדער פאַקטאָר פאַר עלי׳ איז נאָר, ווייל עס איז ארץ אשר ד׳ אלקיך דורשה. און דער מאָטיוו איז גענוגענד פאַר דעם איד וואָס לעבט זיך אוים מיט ואהבת את ד׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך. אויב דער אויבערשטער האָט ליב ארץ ישראל, אפילו בעת חורבנה, איז דאָס גענוג פאַר אַ איד וואָס האָט ליב דעם אויבערשטען אויך ליב צו האָבען דעם אויבערשטענ׳ס אויסוואַל — ארץ ישראל. ביז מסירות נפש איז אַ פרומער איד גרייט צו גיין קיין ארץ ישראל. די ליבע פון אַ ר׳ יהודה הלוי, אָדער פון אַ רמב״ם, צי אַ ווילנער גאון, אָדער אַ חפץ חיים אין אונזער צייט. אַ ליבע, אַ הייליגע ליבע פון משה רבינו און פון די אבות הקדושים צו ארץ ישראל איז איינגעזאַפּט אין הארץ און אין מוח פון יעדען פרומען איד. פון די ערשטע שטיקעלע רש״י אויף בראשית, האָט שוין ר׳ יצחק אין אונז איינגעפלאַנצט די בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל, וועלכע לאָזט ניט אָפּ און ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט און אָפּגעקילט. די שטיינער פון ארץ ישראל זיינען ביי אונז הייליג און ליב. עס איז ניט די פירות גנוסר און ניט די וואַסערען פון כנרת וואָס לאָקען. כי רצו עבדיך אבני׳ ואת עפרה יחוננו. מיר פאַלען צו צו די הייליגע ערד צו קושען אירע שטיינער עד כלות הנפש. ביי אונז איז די גרעסטע זכי׳ אין לעבען צו קענען גיין ד׳ אמות אויף ארץ ישראל׳דיגען באָדען.

אַזעלכע אידען, מר. בן־גוריון, זיינען די אידען, צו וועמען מען קען זיך ווענדען וועגען עולה זיין נאָך ארץ ישראל. ביי די אידען קענט איר געפונען אָפענע אויערען, וואַכזאַמע חושים און אַ וואַרעם הארץ און נשמה פאַר אלץ וואָס אָטעמט מיט ארץ ישראל. די אידען דאַרף מען ניט צוזאָגען קיינע גאָלדענע גליקען. זיין אין ארץ ישראל אַליין מיט בלויז לחם לאכול ובגד ללבוש איז ביי זיי שוין דאָס גרעסטע אויסגעטרוימטע גליק. אָבער גראָדע דעם

שעצבאַרסטען אוצר פון דעם בעסטען מענשען-מאַטעריאַל פאַר ארץ ישראל-חלוציות פאַרזעט מען.

אַן אומפאַרגעבלעכע לייכטזיניגקייט ווערט באַגאַנגען מצד די אַלע ארץ ישראל'דיגע מלוכה-אינסטאַנצען און פירער פאַר אויסלאָזען פון אויג דעם אומערשעפּלעכען קוואַל פאַר אַ שטענדיגען עלי' שטראָם. אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות נשברים. מ'גיט אוים אידיש בלוט און פּראַצע אין די שווערע צענדליגער טויזענטער דאָלאַרן אָראָפּצוברענגען אַ ביסעל רומענישע „סאָציאַליסטען"... אָדער אינדישע אַנטיקוואַרען. און נאָכאַמאָל צוריקפירען זיי אויפ'ן קהל'שען חשבון צו זייערע אינדישע בעלי טובה אָדער רומענישע קאָמוניסטישע בעלי רחמים. און אין דער זעלבער צייט זוכט מען מיט אַלע מיטלען, ניט צו פאַרלייכטערען, נאָר ווי צו מאַכען שווערער דעם לעבען פון די פרומע אידען אין ארץ ישראל!

די פרומע אידען וואָלטען זיי שוין מוחל געווען די חטאים. „לא מעוקצך ולא מדובשך" איז גאָר דער בקשה'דיגער פאַרלאַנג פון די פרומע אידען. אָבער די היסטאָריע וועט עם זיי קיינמאָל ניט מוחל זיין. אין דעם קריטישען מאָמענט פאַר'ן סאַמע קיום פון לאַנד, ווען די עלי' האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעשטעלט, און גאַנץ אָפט שטייגט די עמיגראַציע איבער די אימיגראַציע, זיינען די פירער געווען בלינד און ניט געזען דעם בעסטען עלעמענט פאַר עלי' צוועקען! אָבער ניט נאָר ניט געזען, נאָר וואָס איז נאָך פילפאַכיג ערגער וואָס זיי האָבען יאָ געזען ווי צו פאַרביטערען דעם לעבען פון די פרומע אידען.

אמת, דער פרומער איד אַנטלויפט ניט. ניט קוקענדיג אויף שיקאַנעס, איז דער פרומער איד אַ נישטיגער פּראָצענט פון די טויזענטער „יוצאים", לויט דעם עדות זאָגען פון די פרייע שרייבער. דאַרף דאָך דאָס צו עפּעס מחייב זיין! האָט דאָס עפּעס פאַרבעסערט די באַציאונגען פון די פירענדע, פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזען צו די פרומע? הויבט זיך גאָר ניט אָן. פאַרקערט, מ'זוכט גאָר נייע גזירות ווי צו פאַרביטערען זייער לעבען. און מעגען אַפילו די גזירות אָנרירען אין סאַמע שוואַרצאַפּעל פון דער עלי' פּנימית... וואָס איז דאָך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אין אָנגעזיכט פון מאַנגעל פון אַן אויסערלעכע עלי'. אָבער די בלינדע שנאה צום רעליגיעזען אידענטום

דיקטירט אפילו גיוס נשים, דער זיכערסטער מיטעל פאַר באַגרענעצען עלי׳ פנימית... מ׳רעדט און מ׳שרייבט וועגען די לעבענס-נויטיגקייט פון עלי׳ און מ׳טוט אַלץ כדי צו אַנטמוטיגען דעם פּאָטענציעלען עולה, דעם פרומען אידען פון עולה זיין!

דער פרומער איד איז ניט פאַרבלענדעט פון דער מערב-אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה גאַרט ער פאַר זיין עליית נשמה, עולה צו זיין נאָך די ארץ הקדושה און אויסלעבען זיינע יאָרען בקדושה וטהרה. ער חלומ׳ט פון ירושלים עיר הקודש, פון טברי׳ און פון צפת. פון יונה הנביא׳ס יפו און ר׳ עקיבא׳ס בני ברק. ער וויל אַנטלויפען פון דער חולין׳דיגער סביבה, און אויפהאָדעווען זיינע קינדער אין דער הייליגער ארץ ישראל׳דיגער אַטמאָספערע; ער וויל פילען אַ טעם פון אַ יום שכולו שבת, פון אַ וקראת לשבת עונג, אַ מעין עולם הבא. און וואו קען ער דאָס אַלץ געפינען אויב ניט אין ארץ ישראל? אָבער אין זיין אויסגע׳חלומ׳טען ארץ ישראל לערענט מען גאָר די קינדער, אַז עס איז ניטאָ קיין ג-ט אויף דער וועלט, ר״ל. אין ארץ ישראל׳דיגען חומש ווערט גאָר אויסגעלאָזט דער שם ד׳! און אויב ער וויל, אַז זיינע קינדער און אייניקלעך זאָלען לערנען ג-ט׳ס תורה, מוז ער אַליין אויפשטעלען בנינים פאַר זיינע בתי חינוך און מוז נאָך צוצאָלען 40 פּראָצענט פאַר זייער אויסהאַלטונג, אין צוגאָב צו די שטייערען וואָס ער צאָלט גענוי ווי יעדער בירגער. און אין זיין אויסגע׳חלומ׳טען ארץ ישראל׳דיגען שבת דאַרף ער גיין אין תפיסה פאַר זאָגען „גוט שבת"... און ווערען געשלאָגען פון אידישע כנענים פאַר וועלען אויפהיטען די מאָראַלע סביבה פון זיין אייגענעם ענגען ווינקעלע. אפילו אין זיינע בתי מדרשים און שטיבלעך פילט ער זיך ניט זיכער, בעת השתפכות הנפש, פון קריגען אַ שטיין אין קאָפּ! דענקט אַ בן-גוריון אַז דאָס איז די ריכטיגע מעטאָדע ווי אַזוי צוצוציען אַ פרומען איד עולה צו זיין נאָך ארץ ישראל? ווען אפילו מ׳זאָל צורו-לאָזען דעם איד אין מאה שערים גופא. אָבער דער אַמעריקאַנער פאַרמעגלעכער פרומער איד וויל דאָך וואוינען אין אַ באַקוועמערען געגענט אין ירושלים, און דאָרט וועט עס זיין די זאָגע פון חלול שבת בפרהסיא! איז דאָס די צוציאונגס-קראַפט זיך צו באַזעצען אין ארץ ישראל? אָדער וואוינען אין אַ געטאָ, אין מאה שערים, אָדער חלול שבת ויום טוב דורך אידען

אין אידישען לאַנד מיט דער סאַנקציע פון אידישען שטאָט-ראַט פון ירושלים עיר הקודש!

און די אַבסורדע צוויי ברירות ווערען דאָך געגעבען דעם פרומען איד אויף אַלע געביטען. טאַקע גלייך ביים ערשטען ארויספאָר פון ניו יאָרק. אָדער פאָר אין באַקוועמלעכקייטען און רעספעקטאַבלע באַציאונג אויף אַ גוי'אישער שיף, אָדער פאָר אויף אַ אידישער שיף מיט דעם הייליגען נאָמען ירושלים וואו מ'איז מחלל שבת בפרהסיא, פון קאַפּיטאַן ביז דעם לעצטען מאַטראָז וואָס געפינט אויס, אַז דווקא שבת איז דער באַקוועמסטער טאָג פון אַלע טעג צו וואַשען און סקראַ-בען אַלע פּאָדלאָגעס אויף דער גאַנצער שיף!... דאָס ווייזט מען אייך גלייך אַ מוסטער פון פאַרשטענדעניש פאַר אייערע הייליגסטע געפילען. אַז מען שמועסט „אַ מוסטער פאָלק” איז דאָך ניט שייך!

און וואונדער איבער וואונדער. אויף די אינהאַלטסלאָזע און גאָרניט זאָגענדע פראַזע „מוסטער-פאָלק”, בויט דאָך בן-גוריון זיין גאַנצע פילאָזאָפיע! גיט ער זיך גאָרניט אַמאָל אָפּ אַ שטיקעל חשבון הנפש, צו וועלכע טראַגישע רעזולטאַטען עס פירט די פאַרפירענדע פילאָזאָפיע? אַן עם סגולה אָן אַ „בך בחר ד' להיות לו לעם סגולה?!” אָן אַ תורה מן השמים ווערט עס אַ קליין אָרעם פעלקעלע אַן עם סגולה? אויף וועלכען פרעצעדענט באַזירט ער עס זיין פילאָזאָפיע? אויף זיין אייגענעם לעבענס-וועג? אויף זיין גוי'אישע שנור? אויף זיין באַליבטען פּראַטאָטיפּ און נביא'ישען מוסטער-פירער דר. הערצל און זיינע קינדער?!...

יאָ, מיר זיינען אַן עם סגולה. מיר האָבען צאצאינו וצאצאי צאצאינו. אָבער דאָס האָבען מיר דערוואָרבען, ניט דורך קיינע פרעמדע אידעאָלאָגיעס, נאָר דורכ'ן ג-ט'לעכען כוח פון „כולנו יודעי שמך ולומדי תורתיך לשמה”.

איגנאָרירט ניט די מאה שערים אידען. זיי זיינען דער רוקען-ביין און די צוקונפט פון עם ישראל און ארץ ישראל. דער פרומער איד אין ארץ ישראל אָדער אפילו דער צייטווייליגער חוץ לארץ'דיגער פרומער איד, טראָגט אין זיך די זוימען פון אייביגקייט. אַלע גריכישע מיטאָלאָגיעס און מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיעס גלאַנצען און פאַרשווינדען. ודבר אלקינו יקום לעולם.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט”, טבת, תשט"ו.

רבנים דארפען שאפען א ועד-הישיבות

מיר הערען פון צייט-צו-צייט וועגען גרויסע נדבות געגעבען פון אָרטאָדאָקסישע אידען פאַר פאַרשידענע צוועקען פון אַלגעמיין אידישען און וועלטליכען כאַראַקטער, אָבער זעהר זעלטען פאַר ספּעציפיש אָרטאָדאָקסישע צוועקען ווי פאַר אויפהאַלטען און בויען ישיבות און אַנדערע רעליגיעזע אונטערנעמונגען.

עס ווילט זיך אויסשרייען פונ'ם וועהטאָג פון אַ טיף פאַר־וואונדעטע נשמה: אידישע גבירים! וואו איז אייער פאַרשטאַנד?! אויף די אַנדערע צוועקען זענען דאָך דאָ אַנדערע, אין די טויזענטער, וואָס זאָרגען פאַר זיי, אָבער פאַר דעם צניעות'דיגען אייגענעם ווינקעל איז דאָך: אם אין אני לי מי לי! די אַנדערע, אויב אפילו זיי זענען נישט פיינטליך געשטימט צו רעליגיעזע אינסטיטוציעס, זענען זיי דאָך אַלענפאַלס גלייכגילטיג צו דעם, וואָס ביי אייך דאַרף זיין דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג. איז איר פאַר זייערע זאַכען נעמט אָן אַנטייל גלייך מיט זיי, און זיי פאַר אייערע הייליגסטע זאַכען גיבען נישט, און איר וואַרפט נאָר צו פּענים. איז ווי אַזוי וועלען די ישיבות און רעליגיעזע אינסטיטוציעס עקזיסטירען? איז דעריבער דער טרויעריג־לאָגישער אויסגאַנג — דער שרעקליך־שוואַכער פינאַנציעלער מצב, אין וועלכען פיל רעליגיעזע אַנשטאַלטען און ישיבות געפינען זיך ביים היינטיגען טאָג!

די ישיבות, די גרויסע האָפענונג, פאַר'ן נאָכוואַקסענדען דור אויסצואוואַקסען שומרי-תורה ודת, שטעהען אַלע טאָג אין געפאַר פון שליסען זיך און אונזערע חרד'ישע אידען פאַרמאַכען זייערע אויגען צו דער דאָזיגער געפאַר.

פאָלגליך, מוזען די זעלטענע נדיבים פאַרשטעהן דעם ווייטערדיגן טייל פון הלל'ס מאמר: וכשאני לעצמי מה אני?

די ישיבה-באַוועגונג קען זיך נאָר שטיצען אויף די פאָלקס־מאַסען. מיר האָבען נישט דעם טיפּ ישיבה-מעצענאַט ווי ביי כל העמים: אוניווערזיטעט-מעצענאַטען. אונזערע גבירים פאַרשטעהן נאָך נישט די לעבענס-וויכטיגקייט פון ישיבות פאַר'ן אידישען פאָלק.

די פשוט׳ע אידען, אָבער, פאַרשטעהען עס פאַר זיך, צו געבען זייערע קינדער אַ ישיבה-חינוך, און פאַרשטעהן עס אַלס דאָס וויכטיגסטע און דאָס נויטיגסטע פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק, און זיי זענען גרייט, מיט זייערע פאַרהאָרעוועטע דאָלארס אויפצוהאַלטען דעם ישיבה-וועזען בכבוד.

אַט די פאָלקס-ענערגיע און הייליגער ווילען דאַרף אָרגאַניזירט ווערען אין אַ דיסציפּלינירטער פאָרם, אין אַ פאָרם פון אַ ועד-הישיבות אין יעדער געגענט, מיט אַ צענטראַליזירטען ועד-הישיבות, צו געבען אָנווייזונגען און מוטיגען די לאָקאַלע ועדים. די אידעע איז נישט ניי. איר שורש איז אין דער תורה הקדושה. אַט דאָס איז דאָך טאַקע דער מחצית השקל מיט זיין ג-טליכע פילאָזאָפיע פון „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל״, וואָס אויף דער היינטיגער וואַלוטע קען עס איבערגעזעצט ווערען אויף צען דאָלאַר אַ יאָר. אויך דער נאָמען „ועד הישיבות״ איז נישט ניי. דער הייליגער חפץ-חיים זצוק״ל האָט דאָך אין אונזער צייט געשאַפען דעם „ועד הישיבות״ אין פוילען און ליטע, מיט דער מיטהילף פון אַלע גדולי התורה, אַלס דער באַזיס פאַר דער אויפהאַלטונג פון אַלע תורה-אַנשטאַלטען אויף אַ בכבוד׳יגען און געזיכערטען אופן. אין דעם ועד-הישיבות דאַרפען זיין פאַראייניגט אַלע רבנים און ראשי-הישיבות און אַלע תורה-טרייע אידען החרדים לדבר ד׳, מיט דעם איין און איינציגען צוועק, אויפצוהאַלטען בכבוד אַלע עקזיסטירענדע תורה-אַנשטאַלטען און ערמעגליכען די גרינדונג פון נייע צענדליגער תורה-אַנשטאַלטען פאַר אַלע אידישע עלטערן, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער אַ תורה׳דיגע ערציאונג אָבער זיי קענען עס נישט באַווייזען צוליב מאַנגעל אין פינאַנציעלע מיטלען. זאָלען אָבער אויך די רבנים, בעלי-בתים, און הויפּטזעכליך, דער פאַראינטערעסירטער צד, די ראשי-הישיבות, געדענקען הלל׳ס וואָרנונג: „ואם לא עכשיו אימתי?״ פיעלע פּרואוון זענען שוין געמאַכט געוואָרען אין דער דאָזיגער ריכטונג. רבנים האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו ראַטעווען דעם קיום הישיבות. בעלי-בתים זענען געווען צופרידן צו האָבען אַ פאַראייניגטע אַקציע אויף אַן אַל-שטאַטישען מאַסשטאַב אין גרויסען פאַרנעם, וואָס זאָל נישט אָפּשטעהן פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע הילפס-פאָנדען. אָבער גראָד די וואָס שטעהן ביים רודער פון די ישיבות

האָבען נישט געקענט באַנעמען דעם גראַנדיעזען פּאַרמעסט פון אוועקשטעלען די ישיבות אויף אַ ברייטען נאַציאָנאַלען פּעדעסטאַל.

אין אדם נתפס על צערו. די טעגליכע זאָרגען פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם באַטרעפענדען מוסד, די מורא פאַר צייטוויילינע קליינע הכנסות האָט אַוועקגענומען די חכמת חכמיו ובינת נבוניו. און יעצט זעהען מיר ווי ישיבה־דירעקטאָרען רופען פאַר הילף פאַר זייערע מוסדות.

לאָמיר זיי נישט לאָזען אַריינפאַלען אין יאוש. זאָלען מיר אַלע, די רבנים, די ראשי הישיבות, דירעקטאָרען, די אידישע פּרעסע און דער גאַנצער צבור זיך נעמען צו דער הייליגסטער חובת השעה אַרבייט צו פאַרפלאַנצען דעם חפץ חיים׳ס ועד־הישיבות אויפ׳ן אַמעריקאַנער באָדען און מיר וועלען נאָך זוכה זיין צו זען די פרוכט פון אונזער אַרבייט: „וכל בניך למודי ד׳ ורב שלום בניך״.

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען״, מערץ, 1955.

זאלען זיך די ישיבות פאראייניגען

שלום שלום ואין שלום. אַט דאָס איז דער וויי־געשריי פון דער וועלט אין אַלע צייטען, אין אַלע דורות און ביי אַלע פעלקער. נאָכמער שטייגען די אַנגסט־געשרייען פאַר שלום אין אונזער דור, אין אונזער צייט, ביי אַלע פעלקער.

מ׳דאַרף גאָרניט האָבען קיין פאַרשאַרפטען אויער צו דערהערען דעם בענקשאַפטס־באַגער פון דער גאַנצער ליידענדער מענשהייט וועלכע קלאַמערט זיך אין די מינדעסטע האָפענונגען פאַר שלום. אדרבא, אַט דער וואונש פאַר שלום ווערט געטרומייטערט פון אַלע דאַכען־שפּיצען. יעדער דעמאַגאָג נוצט אויס דעם אַלגעמיינעם פאַרלאַנג פאַר זיינע פּערזענלעכע עגאָאיסטישע צוועקען. ווער עס וויל נאָר געווינען דעם דעת הקהל, דער דאַרף נאָר ארויסציען די שלום־טויב מיט דעם לאָרבער־קראַנץ אין איר מויל, און דאָס פּובליקום איז שוין אומצווייפעלהאַפט אויף זיין זייט.

אָבער גאַנץ שנעל לעשט זיך אויס דער ענטוזיאַסטישער גלאַנץ. ס׳איז שלום, שלום ואין שלום. יעדער וויל שלום, אָבער אַזאַ שלום וואָס פּאַסט צו זיינע אויפפאַסונגען און צו זיינע באַדערפעענישן כאָטש זיי זיינען אין בפירוש׳ע קאָנטראַדיקציע צום צווייטענס אויפ־פאַסונגען און צום צווייטענס באַדערפענישען. און דער באַגריף שלום איז דאָך אין זיין סאַמע אורשפּרינגלעכען מקור אַ פאַרשטענדעניש צווישען צוויי צדדים. לאַגישערווייזע מוז דאָך דער שלום־פּרעדיגער זיך אַריינטראַכטען, איבערהויפּט, אין דעם לאַגער פון צווייטען צד, ווען מען מיינט שלום אויף אַן אמת! און ווי עס קריסטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך. בן־גוריון רופט אַלע פאַרטייען זיך אויפצולייזען און זיך צוזאַמענשמעלצען אונטער דער פאָן פון... מפא״י! מזרחי געטריי צום כלל „וואָס די גרויסע שפּייען, טוען די קליינע קייען״; ער רופט אויך אַלע רעליגיעזע פאַרטייען צו פאַראייניגען זיך אונטער דער פאָן פון... מזרחי און הפועל המזרחי! זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון די אַלע שלום־רופען לאָזט זיך אויס אַ בוידעם... ווייל די אַלע שלום־רופער האָבען עס גלייך ניט געמיינט ערנסט. אַנשטאָט צו שלום, רופען זיי גאָר צום צווייטען צד זיך אונטערצוגעבען אָן שום באַדינגונגען!

אָבער אויב מ׳קען נאָך פארשטיין מדינות און פּאַרטייען, וועמענס פּאָקטישע און אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען זיינען ווירקלעך שווער צו פאַראייניגען, איז אָבער די צעריסענקייט אין אונזערע אייגענע תורה־פעסטונגען, טאַקע ממש, למעלה מן השכל. וויפיל ערנסטע פרואוון עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרען צו פאַראייניגען אונזער שארית הפליטה, די ישיבות, און עס לאָזט זיך אַלץ אוים מיט גאָרניט. פאַרוואָס? ! וועלכע אידעאָלאָגישע אונטערשיידען שטייען עס אין וועג פון אַ פאַראייניגטען ועד הישיבות? איז עס מעגלעך, אַז די ישיבות פאַרשטייער פאַרשטייען ניט וויפיל ברכה עס ליגט אין אַ פרידלעך האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע ישיבות אין פינאַנציעלען ווי אין גייסטיגען זין. און פאַרקערט, וויפיל געגענוואָר־טיגער אומגליק און פּאָטענציאָנעלער חורבן, ר״ל, עס ליגט אין דעם וואָס יעדע ישיבה מאַכט שבת פאַר זיך!

אדרבא, לאָמיר עס איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכען פאַר זיך און פאַר׳ן דעת הקהל. אפשר וועט פאָרט דער זאַכלעכער אַנאַליז דורכדרינגען די מוחות פון די מנהלי הישיבות און זייערע דירעקטאָרן לטוב לנו ולהם כל הימים. לאָמיר נעמען אחת לאחת למצוא חשבון.

דאָס ערשטע, וואָס איז שוין מער־וויינוגער פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען אין דער אידישער גאַס, איז צו שאַפען אַ „פאַראייניגטען ישיבות פאָנד״. די אידישע גאַס איז גרייט אויפצונעמען דעם געדאַנק מיט אָפענע אָרעמס און אַ וואַרעם אידיש האַרץ. מיט די געהעריגע אויפקלערונגס־מיטלען און מיט אַ גוט אָרגאַניזירטע אַרבעטס־מאַשין, וועט דער פאַראייניגטער ישיבות אַפּיל ווערען, אין אַ גאַנץ קורצער צייט, אַן עטאַבלירטע אינסטיטוציע, וואָס וועט מיט דער צייט פאַר־זיכערען דעם פינאַנציעלען קיום פון די עקזיסטירענדע ישיבות און דערמעגלעכען דעם אויפבלי פון נייע ישיבות בכל אתר ואתר. מיט דעם איצטיגען סיסטעם פון „יעדער פאַר זיך״, איז די פינאַנציעלע לאַגע אַזוי מיזעראַבל און אַזוי קאַטאַסטראָפאַל, אַז עס דראָט טעגלעך די הערקולעס שווערד, און די שליסונג פון די טויערען, פון יעדע ישיבה באַזונדער. היינט דראָט די געפאַר די ישיבה און מאָרגען שטייט די צווייטע ישיבה פנים אל פנים מיט דיזעלבע געפאַר. און דער שטענדיגער אַלאַרם־רוף האָט שוין פארלוירען זיין ווירקונגס־קראַפט, און שאַפט שוין גאָר אַ געגענזעצלעכען איינדרוק. מען קען

ניט שרייען נאָכאַנאַנד „וואָלף, וואָלף״. אַ ווירדיגער אמת־פאַראייניגטער ישיבה אַפּיל וואָלט אָפּגעשאַפט די אַלע איבלען, און דער ישיבה פּרעסטיזש וואָלט געשטיגען פינאַנציעל אַזוי גוט ווי גייסטיג.

די פאַראייניגונג דאַרף זיך אָבער ניט אָפּשטעלען מיט דעם אַפּיל צו דער אויסערלעכער וועלט. נאָכמער ווי פאַר׳ן דרויסען איז נויטיג אַן אינווייניגסטע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט אויף אַלע געביטען פון גייסטיגען ישיבה׳שען וועזען. עס איז אומדערלאַזבאַר דער מצב וואָס הערשט איצט אין די ישיבות בנוגע דעם סדר הלמודים, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דער וואַקלאַנאַלישער אומ׳סדר. פון איין ישיבה קטנה גייט דער בחור אַרויס מיט הונדערט בלאַט גמרא מיט תוספות, און ווערט אויפגענומען בסבר פנים יפות אין אַ העכערען ישיבה אַנשטאַלט אָדער מתיבתא. און פון אַ צווייטע אינסטיטוציע וואָס טראָגט אויך אויף זיך דעם הייליגען, ערלעכען נאָמען „ישיבה״, גייט דער בחור אַרויס מיט פינף (5) בלאַט גמרא, וואָס ער קען זיי איצט ניט. און די פאַרשעמטע, פאַרפירטע עלטערן קלאַפּען אין די טויערען פון איין ישיבה נאָך דער אַנדערע, און קיין מתיבתא נעמט זיי ניט אַריין, און סוף כל סוף, נאָך אַכט שווערע ישיבה־יאָרען געפינט דער פאַרפירטער ישיבה־בחור אַזיל־רעכט אין דער שטאָטישער הויכשולע!

אַ פאַראייניגטער ועד הישיבות קען פאָרמירען אַ לפי ערך׳דיגען סדר הלמודים וואָס זאָל קענען פאַרזיכערען אַ מינימום־סטאַנדאַרד וואָס זאָל לפּחות דערמעגלעכען דעם בחור אַ נאָרמאַלען איבערגאַנג פון דער ישיבה קטנה צו אַ ישיבה גדולה. דאָס קען דערמעגלעכט ווערען: 1) דורך אַ פאַראייניגטען קוריקולום; 2) דורך פעאיגע, פאַרהעלטניסמעסיג גוט־באַצאָלטע לערער, און 3) דורך אַ מנהל אַ גדול בתורה ויראה. ווען אָבער יעדע ישיבה איז אַ שטאָט פאַר זיך אָן קיין אַריינמישונג פון קיינעם, מאַכט זיך יעדע ישיבה שבת פאַר זיך. אין איינע לערנט מען שוין חומש מיט רש״י מיט זעקס יעריגע קינדער און אין די אַנדערע ישיבה קענען נאָך די צען־יעריגע ניט קיין רש״י. פאַרשטענדלעך, אַז ביידע טויגען ניט. די ערשטע איז קינצלעך און די צווייטע איז ניט ווערט צו טראָגען דעם נאָמען ישיבה. די ביידע האָבען ניט קיין קלאַסיפיצירטע ישיבה־מורים און די ביידע האָבען ניט קיין מנהלים וואָס זאָלען זיין באַרעכטיגט צו דעם נאָמען. אַ מנהל אין נאָמען און פאַקטיש אַ געלט־זאַמלער איז דער דורכשניטלעכער

מנהל אין דעם מערסטעננטייל ישיבות קטנות...... דער צושטאַנד וועט ניט טאָרען דערלאָזט ווערען דורך אַ פאַראייניגטען ועד הישיבות.

דער ועד הישיבות וועט אויך האָבען פאַר זיין אויפגאַבע צו שטעלען די ישיבות אויף אַ געהעריגען הויכען מוסר פעדעסטאַל. סוף כל סוף איז אַ ישיבה ניט קיין משכיל'יש קלייזעל, און אוודאי איז אַ ישיבה ניט קיין מכינה פאַר אַ אינגעל-מיידעל קלוב. אויב אַ ועד הישיבות וועט געפינען פאַר אומבאַדינגט נויטיג, אין אַ געוויסען אָרט, צו האָבען אַ קינדער-גאָרטען פאַר אינגלעך און מיידלעך צוזאַמען, און אפשר אויך אַן ערשטען קלאַס אויפ'ן זעלביגען אופן. אָבער עס טאָר דאָך געוויס ניט דערלאָזט ווערען אַ גמרא-קלאַס פון דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך, וואָס צום באַדויערען איז דאָס אַ פאַקט ניט אין איין ישיבה קטנה. געוויינלעך, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי די גמרא קריכט אין קאָפּ דעם ישיבה-בחור מיט די ישיבה-בחור'טע ביי דער זייט... סקאַנדאַליעז, — זאָגט איר! אָבער דאָס זיינען פאַקטען.

אַזאַ פאַראייניגונג מוז זיין אויפ'ן גאַנצען תורה-פראָנט. פון ערשטען אלף און בית ביז ש"ס, פוסקים, ראשונים ואחרונים. ס'איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז אַ אינגעל וואָס ענדיגט אַ ישיבה קטנה און זעצט ניט פאָר זיינע אידישע לימודים איז גאַנץ אָפט אין דער מדרגה פון שנה ופירש קשה מכולם. אילו זכינו, וואָלטען מיר געהאַט אַ ועד הישיבות אין וועלכען עס וואָלטען געווען פאַראייניגט אַלע ישיבות, הקטנות עם הגדולות מיט איין גוט-דורכגעטראַכטען פּלאַן וואָס וואָלט ארומגענומען דעם גאַנצען ישיבה'שען חינוך איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַלע אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך. אָבער עכשיו שלא זכינו. ווען מיר פאַרשטייען ניט, אַז דער חינוך פון א'-ב' קינד איז אַ ניט-טיילבאַר גאָלדען רינגעלע אין דער גאַנצער גאָלדענער קייט פון תורה-לעבען ביז די העכסטע הויכקייטען. און צו אונזער טיפסטען ווייטאָג קען מען ניט פועל'ן ביי אַ ראש ישיבה צו זיצען בצוותא חדא מיט די פירער פון ישיבות קטנות. דאַרף אַמווייניגסטענס געשאַפען ווערען צוויי ועדים מיט אַן אויבערדעכעל. אַ ועד ישיבות קטנות און א ועד ישיבות גדולות ומתיבתות און אַן ענגער בשותפות'דיגער ועד הישיבות.

אויך דער צעשפליטערטער פּלאַן פּאָדערט נאָך פיל אויפקלערונג און ערלעכען חשבון הנפש ביז צו זיין טיילווייזע פאַרווירקלעכונג. דער פּלאַן פון אַ ועד ישיבות קטנות איז שוין אַרויס פון דער רעאַלם פון חלומות. מען רעדט שוין וועגען דעם; מען פּרואווט עס שוין אין פאַרשיידענע פאָרמען אריינצוברענגען אין דער סטאַדיע פון רעאַליזי־רונג. עס פעלט נאָר אַ סטיכישע באַוועגונג וואָס זאָל ארויסברענגען די פּערזענלעכקייטען פון גרויסען תורה ויראת שמים סטאַזש וואָס זאָלן קענען געבען דעם מסירות נפש׳דיגען קלאַפּ אין טיש און זאָגען: רבותינו הגיע זמן... די צעשפליטערונג קען שוין מער ניט אָנגיין. און אַ סוף זאָל עס נעמען צו דער אַנאַרכיע. שווער, אומגעהויער שווער איז עס אָבער וועגען אַ ועד ישיבות גדולות ומתיבתות. אפילו שרייבען וועגען די שוועריגקייטען איז שווער... וועלען מיר בעסער באַטראַכטן פון אַן אָביעקטיווען שטאַנדפּונקט די גרויסע מעלות טובות וואָס וואָלטען ארויסגעקומען פון אַ פאַראייניגטען ועד ישיבות גדולות, און די מורא׳דיגע קלקולים וואָס הערשען ביים איצטיגען מצב פון יעדע ישיבה, אַ מלכות מפני עצמה, אַ מלכות שאינה נוגעת בחברתה אפילו כמלוא נימא. און אפשר וועט עס פּאַרט ברענגען צו מעשים.

פאַר אַ פאַראייניגטען ועד ישיבות גדולות, שטייען אויך דיזעלבע צוויי אויפגאַבען ווי פאַר דעם ועד ישיבות קטנות. איינע פון אַ פינאַנציעלען כאַראַקטער און די צווייטע פון אַ גייסטיגען פאַרנעם. וועגען דער נויטיגקייט פון אַ פאַראייניגטען ישיבות גדולות קאַמפּעין איבער׳ן לאַנד, איז שוין פיל גערעדט און געשריבען געוואָרען, און קיין זאַך איז ניט געטאָן געוואָרען. עס קען אָבער מער ניט דערלאָזט ווערען צו דעם הפקר׳דיגען צושטאַנד וואָס פירט נאָר צו חילול השם, פון וועלכען דער פאָלגענדער אינצידענט איז נאָר איינער פון פילע.

אין אַ לוקסוריעזען האָטעל, אין מיאַמי ביטש, זיינען זיך איינציגווייז אָנגעקומען אין דער שוהל פון האָטעל, צו מנחה־מעריב צייט, ניין פאָרשטייער פון די גרעסטע ישיבות איבער׳ן לאַנד, מיט דער האָפענונג צו זען זיך דאָ מיט די אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע גבירים וועגען שטיצען זייערע ישיבות וועלכע מאַכען דורך אַ שרעק־לעכען קריזיס. ווי אַנטוישט זיינען זיי אָבער אַלע געוואָרען, ווען דער צענטער, אַ פאַרמעגלעכער גאַסט פון האָטעל, דערזעענדיג די ניין שיינע, בערדיגע אידען, און פאַרשטייענדיג, אַז דאָס מיינט אַן

אפענסיווע פון ניין גרויסע ישיבות אויף אים, האט זיך א כאפ-געטאן פאר'ן קאפ מיט אן אמעריקאנער אויסגעשריי... און געמאכט גלייך אן השיבינו נאזאד. אבער פיל שמערצלעכער איז געווען דער קלאפ פון האטעל-אייגענטימער, אז מ'פארטרייבט אים די געסט און... און, ס'איז געווען די בזיון וקצף...

אינטערעסאנט איז אבער אויך די איינשטימיגע מיינונג סיי פון די געסט און סיי פון די האטעל-אייגענטימער, אז אן איינמאליגער פאראייניגטער ישיבות קאמפעין וואלט זיכער אריינגעבראכט אויף אן ערענהאפטען אופן א פערטעל מיליאן דאלאר...

אויך אויפ'ן גייסטיגען געביט וואלט א פאראייניגונג געברענגט בלויז ברכה. מעגלעך, אז דורך אן אל-ישיבה'שע פאראייניגונג, וואלט אויך די קללה פון מחיצה'לאזע שוהלען פיל גרינגער געווארען און אז ארטאדאקסיע בכלל און כבוד התורה בפרט וואלט געשטיגען הויך דורך די פאראייניגונג אויף אלע וועגען און שטעגען פון אמת'ע אידישקייט איז קיין פראגע ניט. איז עס דאך א פראפאזיציע פון קרוב לשכר ורחוק מהפסד. פארדינט דאך עס גענוים אן ערנסטען פרואוו. איז דאך די פראגע — מי מעכב? וועלכע שטערונגען ליגען אויפ'ן וועג פון צוזאמענרעדען זיך הארמאניש בדברים העומדים ברומו של עולם, איינמאל פאר אלע מאל? אפשר ליגט דער חוב אויף די אגודת הרבנים צו רופען שלום, שלום לרחוק ולקרוב. די וואס זיינען איצט אזוי צעשפליטערט האפענונגסלאז, אבער אזוי שלום'דיג פאראייניגטע בכוח.

זאל יעדע ישיבה באזונדער זיך גוט פארטראכטען, אז די ברכה פון „עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכי' מאושר", גייט דורך די קאנאלען פון „דרכי' דרכי נועם, וכל נתיבותי' שלום"...

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט", אדר, תשט"ו.

פסח — מצה — ומרור...

דער קולמינאַציאָנס-פּונקט פון דער הגדה איז דער מאמר פון רבן גמליאל: „כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח, לא יצא ידי חובתו. ואלו הן: פסח, מצה ומרור״.

ווער עס זאָגט נישט די דריי זאַכען אום פּסח, מעג ער אפילו האָבען געזאָגט און געלערענט די גאַנצע הגדה, מיט אַלע מקורים פון ש״ס בבלי וירושלמי, איז ער זיין חוב נישט יוצא. דאָס הייסט, אַז אין די דריי זאַכען זענען פאַרוויקעלט די הויפּט-עיקרים און פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון דעם יום טוב פּסח. און אויב מען פאַרפעלט די עיקרים, אָדער איינס פון די עיקרים, האָט מען פאַרפעלט דעם עיקר. דא קנית מה חסרת, דא חסרת מה קנית.

איידער מיר דערגרונטעווען זיך אין די טיפענישען פון די דריי פּרינציפּען, ווען מיר פריער פּרואווען פאַרשטיין דעם כראָנאָ-לאָגישען סדר פון די דריי זאַכען.

מרור, וועלכעס סימבאַליזירט דעם גאַנצען גלות-מצרים מיט אַלע זיינע ביטערקייטען פון אָנהויב ביז׳ן סוף, דאַרף דאָך קומען פריער ווי פּסח און מצה, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע פינף טעג, ווען אידען זענען שוין געוועזען פאַרהעלטניסמעסיג פריי; איז ווי קומט עס, וואָס רבן גמליאל פאַנגט אָן מיט פּסח און מצה, אָבער מרור צום לעצט?

נאָר אין רבן גמליאל׳ס סדר ליגט דער פונדאַמענטאַלער אונטערשיד בין ישראל לעמים. „לא ככל העמים בית ישראל״. פילע פעלקער, אין אַלע צייטען פון דער וועלט-געשיכטע, האָבען געהאַט זייער׳ע דערהויבענע מאָמענטען פון פאָלקס-באַפרייאונג. אויך זיי פייערן געוויסע טעג אין יאָר אַלס אָנדענקונגס-טעג פון זייער פרייהייט. אויך זיי האָבען געליטען פון אונטערדריקונגען און באַליידיגונגען דורך

די הענט פון די באַצווינגערס. אָבער, מערקווירדיג, אין אַ גאַנץ קורצען פּעריאָד נאָך זייער באַפרייאונג, איז שוין נישט צו דערקענען קיין אונטערשייד אין קיין זאַך צווישען דעם באַצווינגער און באַצוואונגע-נעם. אין אונזער צייט איז דאָס פּוילישע פאָלק באַפרייט געוואָרען פון

דעם רוסישען אונטערדריקער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די פוילישע געפּענגעניסען זענען גלייך געוועזן נישט ווייניגער איבערפולט ווי פריער...

דער „עבד כי ימלוך" האָט געפינקעלט מיט אלע זיינע זיבען חנ'ען... ווייל פרייהייט אליין פארפליכטעט נישט דעם באפרייטען צו קיינע העכערע באגריפען. נעכטען האָט יענער געהערשט איבער מיר, און היינט בין איך פריי, הערש איך איבער יענעם. און ווי זאָגען די חכמי־המוסר: אויב מען האָט נישט איבער וועמען צו הערשען הערשט מען איבער דער אייגענער דינסט. און אויב מען האָט קיין דינסט אויך נישט, הערשט מען איבער דעם אייגענעם ווייב...

ניין, זאָגט רבן גמליאל, איידער מען קומט צו מרור, דעם סימבאָלישען אויסדרוק פון דער פרייהייטס־פרייד, מוז מען פריער זיין דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט די סימבאָלישע באצייכענונגען פון פּסח און מצה, וועלכע פאַרקערפּערען אין זיך די אידעאלען פון אמונה און בטחון, און דאַן קען מען דערפילען די גייסטיגע און קערפּערליכע פאַרפליכטונגען, און גלייכצייטיג די פאַרגעניגענס, וועלכע דערהויבענע פרייהייט ברענגט מיט זיך.

„פּסח — על שום מה? על שום שפּסח הקדוש ברוך הוא על בתי אבותינו במצרים... ויקוד העם וישתחוו".

גלויבען אין אַ פּערזענליכען ג־ט. נישט קיינע אַבסטראַקטע אידעען וועגען ג־ט'הייט. גלויבען אין דער השגחה פון ג־ט. גלויבען, אַז ג־ט באַשטראָפט די, וועלכע פאַרברעכען געגען זיין ווילען, און באַלוינט די, וועלכע היטען די ג־טליכע געבאָטען. דעם פעלזען־פעסטען גלויבען האָבען אידען דערוואָרבען ביי דער גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע פון „פּסח". אַ מצרי'שע הויז — נגף, אַ אידישע הויז — איבערגעהיפּט... אַ מצרי'שע הויז — בנגפו. אַ אידישע הויז — הציל... ביי יעדען „הציל" — אַ קלאָרע זעאונג פון ג־ט און און ג־טליכע השגחה, פאַרקערפּערט אין גומל טוב לשומרי מצותיו. ביי יעדען „בנגפו" — אַ רעאלע זעאונג פון מעניש לעוברי מצותיו.

אמת'ע דורכגעלעבטע אמונה בהשם ובהשגחתו, דאַרף ברענגען צו רעאלע מעשים פון פולקאָמען בטחון בד'. דער העכסטער אויסדרוק

פון טאַטאַלען בטחון, איז רעאַליזירט געוואָרען אין דער מצה־טאַט! אַרויסגיין מיט ווייב און קינד אין אַ מדבר אָן אָן אויפגעגאַנגענעם שטיקעל ברויט אויף די ערשטע פּאָר טעג, איז פון אַזאַ גרויסען בטחון־פאַרנעם, אַז כביכול אליין קען זיך נישט באַפרייען פון באַוואונדערונג נאָך טויזענטער יאָרען. „זכרתי לך חסד נעוריך״ — זאָגט דער נביא בשם ד׳ — „אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה״.

פילאָזאָפישע גאָט־דערקענונג וועט קיינמאָל נישט אַרויסברענגען די ערליכע בטחון־מאָס. אָבער אויך האַרציגע הכרת השם מוז אָננעמען אַן אינדיווידועלער פאָרם אויף צו פאַרפליכטען דעם אינדיווידואום... נאַציאָנאַלע הכרת השם — אפילו — קען פאַראורזאַכען נאַציאָנאַלען שטאָלץ; אַ פאָלקס־שירה, נאָכגעפאָלגט מאָמענטאַן פון אַ פאָלקס־געמורמעל אויף משה רבינו און אויף כביכול אליין...

דער פאַרווירקליכונגס־פאַקטאָר פון רבן גמליאל׳ס „פסח, מצה ומרור״־פרינציפּען, איז דעריבער דער אייביגער „חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים״!...

*) געדרוקט אין „שוהל־לעבען״, אַפּריל, 1955.

עשה לך רב...

אז א איד פאנגט אָן זומער־צייט צו לערנען פּרק, טרעפט ער זיך אָן אין דער מצוה פון „עשה לך רב", גלייך אין ערשטען פּרק, איינמאָל און א צווייטען מאָל. איינמאָל, אז מ׳דארף האָבען א רב אין שטאָט, און א צווייטען מאָל, אז מ׳דארף האָבען א רב אויך פאר זיך אליין (תפארת ישראל).

ווייזט אויס, אז ס׳איז דאָ אזא קלאַס מענשען, וואָס האַלטען, אז א ודאי דארף מען האָבען א רב אין שטאָט, אָבער ער פערזענלעך נויטיגט זיך ניט אין קיין רב. ער קען נאָך אזויפיל לערנען ווי דער רב, און אפשר נאָך מער, און ער איז דאָך געווים אזוי פרום ווי דער רב. זאָגט אים דער תנא: „עשה לך רב". מאַך אים פאר א רב אויף זיך, אפילו ווען ער איז גאָר קלענער פאר דיר. ווייל א מענש דארף האָבען אָן אויטאָריטאַטיווע פערזאָן איבער זיך, צו וועמען ער זאָל זיך צוהערען.

צום באַדויערען אָבער פאָלגען ניט א סך שיינע, פרומע אידען רבן גמליאל׳ס פאַרזאָג. דאָס הייסט, די „אַמעריקאַנער שיינע, פרומע אידען"! אייראָפּעאישע אידען, פרומע צי ניט־פרומע, לומדים ווי ניט־לומדים, האָבען געוואוסט, אז זיי דארפען האָבען א רב פאר זיך אליין, פונקט אזוי גוט ווי פאר דער גאַנצער שטאָט. די פאָלקס־געשיכטעס דערציילען פון לומדישע גבירים, וואָס האָבען ניט גע׳חתמ׳עט דעם רב׳ס כתב רבנות ביז זיי זיינען געוואָרען פולשטענדיג איבערצייגט, אז דער נייער רב וועט ניט נתפעל פון שטאָטס־גביר, אויפצופאָדערען אים צו א דין־תורה מיט׳ן בעדער. און ווען דער לומדישער גביר מאַכט דעם אָנשטעל, אז ער וועט ניט גיין לדין פאר דעם נייעם יונגען רב אויף א פוסטער טענה פון א חוצפּה׳דיגען בעדער, און דער רב שיקט אים די דריטע התראה מיט א סטראַשונאַק פון אריינלייגען אים אין די דריי אותיות, קומט דער גביר צו לויפען מיט א שמחה צו חתמ׳ענען דעם כתב רבנות, זאָגענדיג, אז ער דארף א רב פאר זיך אליין. א רב וואָס איז נישט נושא פנים אפילו דעם שטאָטס־גביר...

דאָס איז געווען אַמאָל אין די אייראָפּעאישע שטעט און שטעטלעך. דאָ אָבער אין אַמעריקע איז אַ לומדישער יונגערמאַן דאַרף קיין רב ניט. און אַ חסידישער איד דאַרף קיין רב ניט. און אַ פרומער קצב דאַרף אויך קיין רב ניט. זעט איר, טענות צו רבנים — אָוושעם... און טענות שיטען זיך פון אַלע זייטען. מילא, אַז דער מחלל שבת איז אין כעס אויף רבנים וואָס רעדען וועגען שמירת שבת, איז זיין כעס אַ „באַרעכטיגטער", אָדער בעסער געזאָגט, אַ פאַרשטענדלעכער. אָבער אַז שומרי שבת רעדען מיט שוים אויף די ליפּען געגען רבנים. ניט חלילה געגען קאָנסערוואַטיווע ראַביים. אדרבא, צו זיי באַציען זיי זיך מיט'ן גרעסטען רעספּעקט און בטול היש. נאָר טאַקע געגען די אמת'ע רבנים. און פאַרקערט, וואָס גרעסער דער רב איז, אַלץ מער מצוה צו רעדען אויף אים... און דאָס טוען ניט קיין יחידים!

אילו — ווען דאָס וואָלטען געווען יחידים — החרשתי. ווען אָבער, צו אונזער ווייטאָג און שאַנד, זיינען אָט די מעליבים ובוזים, שומרי שבת אָרגאַניזאַציעס, און מיר שווייגען? ברעכען מיר אַליין בידים דעם כבוד התורה!!!

אָט הערט אַ שיינע מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפען לעצטען פסח אין די בראָנקס:

דער פאָרשטייער פון אַ שומרי שבת אָרגאַניזאַציע איז געקומען רעדען אין אַ שוהל וועגען שבת, אינסינואירענדיג בשעת מעשה, אַז די רבנים טוען דאָס ניט, מוזען די בעלי בתים זיך אָננעמען די קריוודע פון שבת. גלייכצייטיג זיינען אויך פאַרטיילט געוואָרען ליפלעטס וועגען קדושת שבת אין פעטיט שריפט, אָבער סאַמע אין דער הויך, קידוש לבנה אותיות, וועגען אַ שוהל אויף וועמענס איניציאַטיוו די „שומרי שבת" זיינען געוואָרען באַוואוסטזיניג וועגען זייער הייליגע אויפגאַבע צו וועקען אידען וועגען שמירת שבת. ווער איז עס אָט די הייליגע שוהל? יאָ. עס שטייט דער נאָמען און אפילו דער אַדרעס אויך אין גרויסע קידוש לבנה אותיות. ניין, די שוהל איז ניט אין די בראָנקס. אין די בראָנקס, זאָגט זיך אין דעם ליפלעט, איז גאָרניט בנמצא קיין הייליגקייט. צו געפינען אַ הייליגע שוהל, וואָס וועקט די בראָנקסער שומרי שבת אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען מוחל זיין און אריינפאָרען אין מאַנהעטען און דאָרט וועט מען אויסגעפינען, אַז די הייליגע שוהל איז, רחמנא ליצלן, אַ קאָנסערוואַ-

טיוּוער טעמפּעל, אָבער פון די אמת׳ע... מיט אַ ראַביי וואָס האָט אַליין געוואָלט רעזיגנירען פון די ראַביישטוואָ, ווען זיין זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי׳ע, נאָר די טעמפּעל־בעלי בתים האָבען אים באַרואיגט מיט אַ הוספה אויף די שכירות...

דער אָרטאָדאָקסישער רב פון דער אָרטאָדאָקסישער שוהל האָט פונדעסטוועגען ניט רעאַגירט עפענטלעך, ציטערענדיג ניט צו שאַדען די התעוררות פאַר שבת. נאָר אויג אויף אויג מיט׳ן רעדנער האָט דער רב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם באַוואוסטען זאָג, „דעת בעלי בתים אינה דעת־תורה”. אַז זיי וואָלטען זיך באַדאַרפט מיישב זיין מיט רבנים איידער זיי טוען עפּעס אָדער דרוקען עפּעס. איז דער ענטפער געווען, אַז רבנים טוען גאָרניט וועגען שבת. „ס׳טייטש, פרעגט דער רב, אָט זיינען דאָך איצט די רבנים געפאָרען אין אַלבאַני זיך משתדל זיין, אַז די שומרי שבת זאָלען קענען האַלטען אָפען זייערע געשעפטען זונטאָג?” הערט זשע און שטוינט פון דעם ענטפער פון דעם שומרי שבת פאַרשטייער. נאָר — אפשר איז גלייכער איך זאָל ניט מגלה זיין בפרהסיא זיין מיינונג וועגען האַלטען אָפען זונטאָג... והמבין יבין... וכדי בזיון וקצף...

אָבער שומרי שבת אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט די איינציגע באַרעדער פון רבנים. ווער עס האָט נאָר אַ מויל און ווער עס האָט נאָר אַ פען רעדט און שרייבט און גיסט פעך און שוועבעל אויף רבנים. גיבען רבנים הכשרים — איז, ס׳טייטש! און היתכן? די פּראָדוקטען זיינען טאַקע כשר בתכלית הכשרות אונטער די אמת׳ע שטרענגע השגחה פון די רבנים, אָבער די פּראָדוצירער פאַרקויפען דאָך צו אַלעמען, אויך צו מחללי שבת. גיבען רבנים ניט קיין הכשרים — איז, ס׳טייטש! און היתכן? ווי לאָזט מען טויזענטער קצבים אָן השגחה? ווי לאָזט מען אַ שטאָט אויף הפקר, און מ׳איז זיך אַליין מתבודד באהלה של תורה?

עס איז קריטיק לשם קריטיק, אָן קיין שום קאָנסטרוקטיווען ציל. עס איז קריטיק לשם — צו באַרעכטיגען זיך, און איינשטילען דעם מאָנענדען אידישען געוויסען „עשה לך רב”!

אָבער די אימפּעראַטיווע היסטאָרישע אויפפאָדערונג קען מען ניט פאַרטושען מיט קיינע טענות ומענות. ווען מיר זאָלען אפילו

אָננעמען, לשם אַרגומענט וועגען, אַז די אַלע טענות געגען רבנים זיינען ריכטיגע. אַמאָליגע רבנים זיינען געווען גרויס און הייליג און ערלעך, האָט מען זיי באַדאַרפט רעספּעקטירען און פאָלגען, אָבער ווי קומען די היינטיגע רבנים צו די אַמאָליגע? איז, ערשטענס, פאַראַן אויף דעם דער זאָג פון רידב״ז זצ״ל: זייענדיג אין אַמעריקע, האָבען אַ פּאָר סלוצקער לאַנדסלייט זיך אויסגעדריקט אין זיין אַנוועזענהייט „איי, וואו נעמט מען אַמאָליגע סלוצקער רבנים״!... דער רידב״ז, פילענדיג דעם שטאָך אויף זיין חשבון, האָט זיך ניט פארלוירען און זיך אָנגערופען: „איי, וואו נעמט מען אַמאָליגע סלוצקער בעלי-בתים?״!... יאָ, רבותי, ס׳איז אוודאי „מנהיג לפי הדור״. אונזערע שענסטע בעלי בתים און אפילו חסידים זיינען אויך גאַנץ ווייט פון די אַמאָליגע בעלי בתים און חסידים, אפשר טאַקע אַזוי ווייט ווי הימעל פון ערד...

אָבער לאָמיר דאָ אויך אָננעמען לשם אַרגומענט וועגען, אַז די היינטיגע בעלי בתים און די היינטיגע חסידים שטייען טאַקע ממש אויף דער זעלבער הויך ווי די אַמאָליגע, נאָר די היינטיגע רבנים האָבען אַראָפּגענידערט פון זייער אַמאָליגער הויכקייט. זאָגט אויך דער זעלביגער רמב״ם זצ״ל, ווען די כפול-שמונה׳דיגע יראים וחרדים (ניט גלאַט רעליגיעזע אידען ווי אַמאָל, נאָר מיט אַ קרוינדעלע אַ צולאָג, נאַציאָנאַל-רעליגיעזע...) פייערען מיט אַזאַ באַמבאַסטישע פּאָמפּע, — בזה הלשון: „עשה לך רב. אף על פי שאינו ראוי להיות לך רב, עשה אותו רב עליך...״ אַט אַזוי האָט אויפגעפּאַסט רבינו משה בן מיימון די אידישע מסורה עד משה בן עמרם. און אַזוי איז דער הייליגער געדאַנק געשפּינען געוואָרען דורך די אַלע אידישע דורות פון רמב״ם ביז׳ן ווילנער גאון, וועלכער זאָגט אויפ׳ן עשה לך רב: „כמו שכתוב, וידבר משה ואהרן, ואמרו במכילתא פ׳ בא, שהי׳ משה אומר לאהרן למדני, ואהרן למשה...״ און פון ווילנער גאון ביז׳ן חפץ חיים זצ״ל אין אונזער דור, וועלכער איז געווען אַ בעל-הבית אין ראַדין, און זיין רב איז געווען דער ראַדינער רב ר׳ מרדכי זצ״ל...

דער עשה לך רב איז געזאָגט געוואָרען פאַר יעדען איד. פאַר׳ן רב ווי פאַר׳ן בעל-הבית. אויך משה דאַרף אַ רב, און ער זאָגט צו אהרן: „למדני״. הלואי וואָלטען מיר פאַרשטאַנען דעם

אַל-אומפאַסענדען מכילתא-געדאַנק, און געלעבט נאָך דעם מאָדוס, וואָלטען מיר פאַרשפּאָרט די צאַנקערייען צווישען רבנים און רבנים, צווישען רביים און רביים און צווישען רביים און רבנים... מיר וואָלטען זיך דאָן פאַרשפּאָרט דעם „רבבה כצמח השדה...” לויט׳ן באוואוסטען טייטש... און עס וואָלט אויך ניט געקומען צו דעם שעדלעכען, באַנאַלען און חרפה׳דיגען שפּיל פון רבבה, רבנ׳ישע אָרגאַניזאַציעס, כצמח השדה...

דער עשה לך רב פאַנגט זיך אפשר גאָר אָן ביים כלל, און פון כלל דרינגט עס אַדורך דעם באוואוסטזיין פון יעדען יחיד און יחיד.

דער אגודת ישראל רעיון פון אַ מועצת גדולי התורה איז באַש־טימט דער ריכטיגער געדאַנק אין דער ריכטיגער צייט. מעגלעך, אַז עס פאָדערען זיך געוויסע טעכנישע אויסבעסערונגען. מעגלעך, אַז עס וואָלט געווען העכסט ווינשענסווערט און נויטווענדיג אַרויסצונעמען דעם פּאַרטייאישען מאָטיוו. אָבער דער עצם רעיון איז פון אַ קאָלאָסאַלען כאַראַקטער, וואָס קען ברענגען אַ סך ברכה פאַר׳ן כלל ישראל און קיום תורת ישראל וכבוד ישראל, אין זיין פולער פאַרווירקלעכונג אין רעאַלען טאָג-טעגלעכען לעבען.

עס איז אויך אומבאַדינגט ריכטיג און נויטווענדיג, אַז אויסער אַ כלל ישראל מועצת גדולי התורה, זאָלען אויך פאָרמירט און אַקטיוויזירט ווערען לאַנדעס-מועצות גדולי התורה. גלייכצייטיג דאַרפען דערמוטיגט ווערען די אַלע רבנ׳ישע לאַנדעס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען שוין אין עקזיסטענץ. עס מוז געוועקט ווערען דער געהעריגער דרך ארץ פאַר זיי אין אַלע שיכטען פון דער אידישער באַפעלקערונג פון דעם באַטרעפענדען לאַנד און איבערהויפּט אין ארץ ישראל. עס איז אומדערלאָזבאַר אפילו אַ לייכטער שאָטען פון אַ לייכטזיניגע באַציאונג צו דער רבנות הראשית פון ארץ ישראל. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז איך שרייב די ווערטער אויף מיין אייגענער אחריות. און, כשאני לעצמי, בין איך אויך גאַנץ באַוואוסטזיניג-קלאָר וועגען די אַלע פּגימות און צייטווייליגע שוואַכקייטען אין דעם צונויפשטעל און פונקציאָנירונג פון די רבנות הראשית. עס איז אָבער ביי מיר אויך קלאָר, אויסער יעדען צווייפעל, דער פּאָטענציעלער אומגליק ר״ל פון והאמת נעדרת, עדרים עדרים... און עס דאַרף

אויך זיין ביי יעדען קלאָר ווי דער טאָג דער אייביגער אמת, אַז „בימים ההם אין מלך בישראל, איש כל הישר בעיניו יעשה״. צעשפליטערונג פון די רבנ׳ישע כחות און מחנות קען נאָר פירען צו אַנאַרכיע און הפקרות אויף אַלע געביטען פון רעליגיעזען לעבען.

לייכטזיניגע באַציאונג צו דער אַמעריקאַנער רבנים אָרגאַניזאַציע — איז אויך ניט ווייניג שולדיג אין די אַלע הפקרות׳ן, וואָס מיר טרעפען דאָ אין אַמעריקאַנער רעליגיעזען אידישען לעבען. וואָלט די אגודת הרבנים געהאַט די פול-האַרציגע אונטערשטיצונג און שטענדיגע גרייטקייט מצד די חרד׳ישע אידען אויסצופירען די תקנות פון דער אגודת הרבנים... וואָלטען די רבנים חברים זעלבסט געשטאַנען אויף דער וואַך צו היטען דעם שוואַרצאַפּעל פון רעליגיזער דיסציפּלין, דעם רב פון דעם לאַנד, אין דער פאָרם פון דער אגודת הרבנים, און פאַר קיין פאַל ניט אַנטלויפען און ניט סטראַשען מיט אַנטלויפען פון דער רעליגיעזער פעסטונג — וואָלט עס קיינמאָל ניט געקומען צו דעם אַנאַרכישען צושטאַנד פון זה אוסר וזה מתיר, דער ביטערער קוואַל פון המקילים כדעת זה וזה...

אויב ס׳איז אָבער צופיל צו פאַרלאַנגען פון חרד׳ישע אידען אויסצופאָלגען ר׳ יהושע בן פרחי׳ס עשה לך רב אויף נאַציאָנאַלע קאַנוועס, איז עס אָבער די מינימאַלסטע תורה פאָדערונג אויסצופאָלגען רבן גמליאל׳ס עשה לך רב אין דער פאָרם פון אַ פּערזענלעכן רב: צו דאַווענען נאָר אין אַן אָרט וואו עס איז דאָ אַ רב. ארויסצואווייזען דעם פולסטען רעספּעקט צום רב אַלס מורה און מדריך, פאַר זיך אַליין... און פאַרמיידען דעם שעדלעכען איינדרוק, אַז דער רב און דעם רב׳ס דרשות זיינען נאָר פאַר די פּראָסטע אידען, אָבער „איך, שיינער איד״ וועל דעמאָלט לערנען בעסער אַ בלאַט גמרא, און אפשר טאַקע אָפּציען נאָך אַ ביסעל אידען און זיי איינשמועסען, אַז זיי זיינען שיינע אידען, און ווען דער רב זאָגט די דרשה, וועלען זיי זיך פאַרמירען אין אַ חברה ש״ס און לערנען דאַן אַ בלאַט גמרא:... איינוויקלען, הייסט עס, דעם שרעקלעכסטען מלאך המשחית אין אַ טלית שכולו תכלת...

וואָלטען פרומע אידען אויפגעפּאַסט אַט דעם פּשוט׳ען געדאַנק וואָלט דער רב זיך געמוזט האַלטען אויף דער געהעריגער הויך סיי אין זיינע דרשות און סיי אין זיין גאַנצער האַלטונג. און וואָלטען פרומע

אידען זיך אַקטיוו באַטייליגט אין די שולען, און ניט אַנטלאָפֿען פון די אידישקייט פעסטונגען ווי די נידעריגסטע דעזערטירען און איבער־לאָזען אַלע הייליגקייטען אויף הפקר, וואָלט עס צו דעם הפקר׳דיגען צושטאַנד פון שולען און רבנים קיינמאָל ניט צוגעקומען. אָבער אַז דער מקום המקדש ווערט פאַרלאָזען, איז „שועלים הלכו בו”... און שועלים זיינען בטבע שועלים מחבלים כרמים... אומזיסט איז דאָס אויפרעגען זיך אויף די מחבלי כרמים. אומזיסט אונזער שרייען אויף די שוהלען, אַז זיי זיינען געוואָרען אויסגעליידיגט פון יעדען מעמד־הר־סיני׳דיגען שטאַנד, און אויף די רבנים, אַז זיי זיינען ניט ראוי צו דער איצטלא דרבנן. אומזיסט אונזער שרייען! צו דעזערטירען הערט מען זיך ניט צו. און ביי דעזערטירען פרעגט מען קיין עצות ניט. זיצען אין די, אויסגעליידיגטע פון רבנים, שטיבלעך און מנינים, און זאָגען דעות די גרויסע שוהלען און די דורך זיי גוט באַצאָלטע רבנים, איז טאַקע ניט געהערט געוואָרען ביי קיין אומה ולשון. עשה „לך” רב, איז אַ פונדאַמענטאַלער באַשטאַנד פאַר לך ולבניך עד עולם.

נאָך מער ווי „לך” איז עס נאָך מער פּראָבלעמאַטיש אין דעם הינזיכט פון „לבניך”. אויף דעם „לבניך” פעלד שטייען מיר איצט פנים אל פנים פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלען מאָמענט. אונזער פּרעכטיגע ישיבה־יוגענט שטייט איצט ביים שוועל פון אַ שיקזאַל־פולען קריטישען ווענד־פונקט. פאַר די לעצטען 10־15 יאָר, מיט׳ן אָנקומען אַהער פון די גרויסע אייראָפּעאישע ראשי־ישיבות, האָט די יוגענט אַדורכגעלעבט אַ תקופת הזהב, אַ גאָלדענע פּעריאָדע פון תורה ומוסר פון גאָר אַ הויכען פאַרנעם. אַמעריקאַנער בחורים האָבען זיך געוואָרפן אין לערנען. געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה. אדורכגעלעבט טיף־זעעליש די מוסר שמועסען. קלאָר געוואָרען עטלעכע סדרים גמרא מיט ראשונים ואחרונים. און איצט, נאָך די 10־15 יאָר אין ישיבה און כולל, דאַרפען זיי זיך באַגעגענען מיט׳ן רעאַלען לעבען. זיי זיינען גרייט און ראוי צו פאַרנעמען אַ כסא הרבנות, און זיך טיילען מיט זייער טיפען תורה וויסען מיט׳ן עולם, אַלטע און יונגע, אין דער אידישער שפּראַך אַזוי גוט ווי אין דער ענגלישער, אַלץ על טהרת הקודש.

אָבער דאָ קומט די ביטערע אַנטוישונג. נישטאָ קיין טהרת הקודש. די שולען וואָס נעמען רבנים זיינען ווייט פון הייליג...

און אונזער גאָלדענע ישיבה־יוגענט וועט דאָרט ניט גיין, ווען אפילו ס'זאָל זיי אויסקומען צו ליידען הונגער חלילה. און די שוהלען וואָס פירען זיך על טהרת הקודש, נעמען ניט קיין רבנים, און ווען מ'בעט זיך שוין איין ביי זיי, צאָלען זיי 10-25 דאָלאר אַ וואָך! אַ ראביי נעמט 10-25 טויזענט דאָלאר אַ יאָר! און אַן אמת'ער רב ביי פרומע אידען — 10-25 דאָלאר אַ וואָך!... ווילען מיר זיי אויסשטעלען צו נסיונות? אָדער ווילען מיר זיי אויסשטעלען צו חרפת רעב?!

און איבערהויפט איז די פראַגע, צי ווילען מיר דערלאָזען דעם אָפּקלאַנג, דעם בת קול פון חרד'ישע ווירקלעכקייט אָפּקלינגען צווישען די ווענט פון די ישיבות?! מיט וויפיל שווערע אַרבעט און שוויים איז עס אָנגעקומען איינצופלאַנצען אַ תורה־אידישקייט אין אַ מינימאַלען פּראָצענט אַמעריקאַנער אידישע קינדער. זאָל איצט קומען דער נאַקעטער שוידערלעכער אמת פון חרד'ישער באַציאונג צו רבנים און רבנות און צוריקשטויסען חלילה די אַמעריקאַנער יוגענט פון די ד' אמות של הלכה?

פרום־אידישקייט! וועק זיך אויף: צו דער דראָענדער געפאַר! אפשר איז נאָך ניט צו שפּעט צו פאַרריכטען דעם מורא'דיגען רושם, אַז פרומע אידען זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין שוהלען, אין רבנים און אין רבנות, אַז די אַלע גוטע זאַכען געפינען זיך נאָר ביי מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע אָדער נאָך ערגער! אפשר איז נאָך ניט צו שפּעט, אָבער די עלפטע שעה איז עס באַשטימט, און יעדע פאַרשפּעטיגטע מינוט איז עלול חלילה צו ברענגען חורבן ממוסד עד הטפחות. עס איז דער צו השעה ממש אויסצופאָלגען די דאָפּעלטע פרק אויפפאָדערונג: עשה לך רב.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", אייר, תשט"ו.

זכרו תורת משה עבדי...

וועגען דער באַדייטונג פון יום טוב שבועות.

עס שטייט געשריבען, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלען אידן קומען בעטען ביי די אבות, זיי זאָלען ווערען די רביים פון כלל ישראל, צו לערנען מיט זיי תורה. צום ערשטען וועלען זיי קומען צו יעקב אבינו און יעקב׳ם ענטפער וועט זיין: גייט צו מיין טאַטען יצחק, ער האָט געלערענט מער פאַר מיר. קומען די אידען צו יצחק, און יצחק גיט זיי דעמזעלבען ענטפער: גייט צו מיין טאַטען אברהם, ער האָט געלערענט מער פאַר מיר. און ווען די אידען וועלען דאַן קומען צו אברהם אבינו און בעטען אים צו לערנען מיט זיי תורה, וועט ער זיי אַפּשיקען צו משה רבינו, שלמד תורה מפי הגבורה.

דאָס איז אַ וואונדערליכער מאמר, וואָס גיט פיל צו דענקען וועגען יום־טוב שבועות און זיין באַדייטונג — פאַר אַלע דורות, פון מתן תורה ביז משיח׳ס צייטען.

אידען קומען צו יעקב׳ן צו לערנען זיין תורה, וואָס האָט אים געגעבען די קראַפט איבערצוטראָגען די צרות פון עשו ולבן און די אָנפאַנגס־עפּאָכע פון גלות מצרים. און יעקב ענטפערט: דער טאַטע יצחק האָט געלערענט מער פאַר מיר. ער האָט געלערענט פון אייגענער איניציאַטיווע, אָן אויסערליכען דרוק, געגען וועלכען ער האָט זיך באַדאַרפט באַוואָפענען מיט אַ געוויסע אינטעלעקטועלער קראַפט. תורה, וואָס ווערט געלערענט אונטער׳ן דרוק פון אַ ביטערען גלות, גיט נאָך נישט די זיכערהייט פון אייביגקייט. מעגליך, אַז ביי בעסערע אומשטענדען, אין דער אַטמאָספערע פון אַן אייגענער היים, וואו ס׳איז שוין מער נישט נויטיג צו שטיין אויף אַ שטענדיגער וואַך געגען דעם איבערוועגענדען שונא, גראַד דאָרט קען קומען אַ פרייי־וויליגע קולטורעלע אַסימילאַציע; דוקא דאָרט זאָל מען אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון תורה. דער טאַטע יצחק, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען קיין גלות־איד, נאָר אַ ריכטיגער סאַברע... און דאָך געלערענט תורה, ער איז דער פּאַסענדער לערער אָנצואווייזען אויף די אייביגע ווערטען פון דער תורה. אָבער אויך דער טאַטע יצחק זאָגט זיך אָפּ

פון דעם לערער־אַמט, ווייל אויך זיין תורה איז געקומען אונטער'ן דרוק פון צרות. ביז דער עקדה האָט ער זיך אויך ארומגעשפּילט מיט'ן אַראַבישען שטאַם־פאָטער: ישמעאל.

נאָר ווען די שפּיל מיט ישמעאל האָט אים סוף־כל־סוף געברענגט צו דער עקידה, און נאָך דער דיסקוסיע, ווער עס איז גרעסער פאַר ווּעמען, און ווער עס איז גרייט צו ברענגען גרעסערע קרבנות: און ערשט אונטער'ן בליאסק פון חלף האָבען זיך פאַר זיינען אויגען געעפענט די הימלען פון דער אייביגקייט. און ער איז אַוועק צו די געצעלטען פון שם ועבר... דערפאַר זאָגט ער אויך: מיין טאַטע אברהם האָט געלערענט מער פון מיר. מיין טאַטע האָט נישט געלערענט אונטער'ן דרוק פון צרות. פון זיך זעלבסט האָט ער געשטרעבט צו זוכען ג־ט און זיין תורה. פון זיך אַליין האָט ער געלערענט די שווערסטע סוגיות פון שבת און ערובין.

אין מצרים און אין כנען, מיט דעם וואַנדער־שטעקען אין האַנט, און אין רייכקייט ביי זיך אין דער היים אונטער'ן אשל־בוים, זיצט ער, אברהם, מיט ענר־אשכול־וממרא און איז זיך מתווכח אין שווערע סוגיות אין לערנען. ער לערענט אַליין און לערענט מיט אַנדערע. אַ שטוב פון תורה איז אברהם'ס ליכטיגע היים. אברהם לערענט תורה מיט מענער; שרה, די פרוי, לערענט תורה מיט פרויען. יאָ, אברהם איז דער אייביגער לערער פון תורה. פאַר אים פּאַסט צו זיין דער תורה־מלמד פון כלל־ ישראל.

אָבער— ניין, זאָגט אברהם: אויך איך קען זיך נישט פאַר־מעסטען אָנצוטאָן דעם מאַנטעל פון מלמד תורה לעמו ישראל פאַר אַלע אייביגקייטען. ווייל אויך מיר, פּונקט ווי מיין זון און מיין אייניקעל, אייערע אבות הקדושים, פעלט עפּעס, וואָס שטערט דעם אייביגקייט־מאָטיוו אין אונזער תורה. וואָס? אונזער תורה איז נישט קיין ג־ט געגעבענע תורה! ושמי ד' לא נודעתי להם. אָן דער באקענונג פון שם הויה ברוך הוא, פעלט דער גרונד־געזעץ פון אייביגקייט, דער הי', הוה, ויהי'. מענשליך־פאַרשטאַנענע תורה, ווען אפילו אין הייליגען ציטער אויסגעטראָגען און דורכגעלעבט, קען נישט דורכגעטראָגען ווערען דורך דורי דורות. דור דור וחכמיו, דור דור וסופריו. אין אונזערע צייטען און אומשטענדען האָבען מיר

פאַרשטאַנען געטליכקייט נאָך אונזער דאַמאָלסטיגער אויפפאַסונג
אָבער צייטען בייטען זיך און מיט זיי ענדערן זיך די אומשטענדען,
וועלכע האָבען אונז אַרומגענומען און אַרומגערינגעלט און געשאַפען
דעם באָדען פאַר אונזערע תורה-געזעצען און פילאָזאָפישע באַטראַ-
טונגען און דענקען. נייע צייטען — נייע תורות. און נאָך הונדערטער
יאָרען ווידעראַמאָל נייע צייטען — נייע תורות. נצחיות'דיגע תורה-
מאָראַל און געזעץ קען נאָר קומען פון נצח-נצחים. לא יחליף הא-ל
ולא ימיר דתו. ג-ט איז אייביג און זיין תורה איז אייביג. גייט צו
משה'ן, וועלכער האָט געלערענט תורה מפי הגבורה. זכרו תורה
משה עבדי אשר צויתי אותו בחורב, על כל ישראל חקים ומשפטים.
הנה אנכי שולח לכם את אלי' הנביא לפני בוא יום ד' הגדול
והנורא, און די גאָלדענע ווערטער פון פאַרהייליגטען רד"ק-קאָמענ-
טאַטאָר זענען: כמו שצויתי בחורב, לא כדברי האומרים כי לזמן
ניתנה (מלאכי, ג'). עס איז משה מן התורה, נישט תורה מן משה...

דער נצחיות'דיגער מאָטיוו פון תורת-משה איז דער: אשר
צויתי אותו! דערפאַר איז עס על כל ישראל, פון אַלע דורות און
אַלע צייטען. און דער חוקים-טערמין נעמט אויך אַרום דעם:
משפטים. ווייל אויך די משפטים זענען געטליכע, וועלכע ענדערן
זיך נישט. ביידע טיילען פון דער תורה זענען געגעבען געוואָרען
בחורב, דורך דעם הוי' נותן התורה, ברוך הוא. און — מה הוא לא
משתנה, אף תורתו לא תשתנה. קיינע צייטליכע אומבייטען קענען דעם
געטליכען משפטים-וועזען נישט ענדערן.

דער תורה יום-טוב איז נישט ז' אדר, דער טאָג ווען משה
איז געבוירען געוואָרען, ווייל ז' אדר איז אויך דער טאָג ווען משה
איז געשטאָרבען. תורה, געגעבען פון אַ מענש, שטאַרבט ביסלעכווייז
אָפּ צוזאַמען מיט דעם מענש. אָבער ו' סיון איז דער זמן מתן תורתנו.
משה איז נאָר עבדי, און דער: אשר צויתי אותו בחורב איז דער
דאָמינירענדער פאַקטאָר פאַר דער נצחיות התורה עד אליהו הנביא.
יעדער טאָג איז אַ זמן מתן תורתינו. אָבער אַ שוהל פאַר בלויז
שבת און יום-טוב, איז נישט קיין אייביגקייט--שוהל. דער קול התורה
דאַרף געהערט ווערען אין אונזערע הייזער און אין אונזערע בתי-
מדרשים אַלע טעג פון דער וואָך און אין אַלע שעה'ן פון טאָג און נאַכט!

אַ בית-המדרש אַ פאַרמאַכטער אויף זיבען שלעסער דורך די שעה'ן פון טאָג, איז פאַר'משפט צו חורבן ר"ל. זאָלען אונזערע בתי־מדרשים צוריק געעפענט ווערען פאַר דעם אייביגען קול-התורה היוצאת מהר חורב.

זכרו — שטענדיג און כסדר — תורת משה עבדי אשר צויתי אותו בחורב!

*) געדרוקט אין „שוהל-לעבען", סיון, תשט"ו.

„לאמיר ארויס אין פעלד״

(זומער באַטראַכטונגען)

דער ליבער זומער איז איצט אין פולען אויפבלי און שוואונג. אַן אינערליכער דראַנג רופט דעם מענשען אַרויסצוגיין פון שטאָט אין פעלד אַריין. עס ווערט שווער, מורא׳דיג שווער, דער ישיבת כרכים. די לופט פון שטאָט שטיקט קערפּערלעך און גייסטיג. די קאָלאָסאַל-גרויסע שטאָטישע מויערען ווערען פאַרוואַנדעלט, אין דער זומערדיגער פאַנטאַזיע, אין תפיסות מיט גראַטעס וואָס פאַרשטעלען די זון.

די הערלעכקייט און גראַנדיעזע שיינקייט פון דער זון דרינגט ניט דורך די דיקע ווענט, נאָר די דושנע פאַרעדיגקייט איז דאָ, וואָס שווערט אויף אַלע אברים מיט אַ דערדריקענדער מעלאַנכאָליע. און דער גאַנצער מענשלעכער וועזען וויברירט מיט אַ שאַלענד-דער-וואַרטעטען פריידיגען אויסגעשריי — לכה דודי נצא השדה, אַ דערוואַרטונג פון אויסלייזונג פון דעם שטאָטישען תפיסה-לעבען. כאָטש אַ ציטווייליגער איבערבייט פון אַ קינסטלעך לעבען אויף אַ לעבען אויף דער שוים פון דער רחבות׳דיגער נאַטור צווישען גראָזען און בוימער, טייכען און ימ׳ען, ברייטע תכלת׳דיג-בלויע הימלען און פויגעל-געזאַנגען.

די געפילען, וועלכע קומען אויף דער אויבערפלאַך, ווערען אויך באַגלייט מיט אונטערטעניגער פון הכנעה׳דיגע געפילען וועלכע רייסען זיך פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין צום אויבערפלאַך. אונטער-דריקטע, אייביג-רופענדע חשבון הנפש, נשמה׳דיגע רופען, וועלכע פאָדערען אויף דעם מענשען אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך די שטויביגע גשמיות, אין וועלכער ער איז פאַרהילט דעם גאַנצען קיילעכדיגען יאָר, וואָס שווערען אַזוי אויפ׳ן געמיט און דערלאָזען ניט דעם בת קול היוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, דערהערט צו ווערען אין די פנימיות הנפש. די אייביגקייט-תכלית׳דיגע נשמה-מאָטיוון זיינען פאַרטושעט אונטער די אָנהויפּענ-דיגע שטויבען-בערג, פאַרטושעט, אָבער ניט פאַרלאָשען. די גחלת ד׳

צבאות האָט זיך פאַרשוואוירען קיינמאָל ניט פאַרלאָשען צו ווערען. עס בריט, עס זידט, עס קאָכט אין די טיפענישען. אין די מעמקי הנפש רוט עס ניט. ממעמקים קראתיך ד׳. אַ טיף נאָגענדע בענקשאַפט רייסט זיך צו ג־טלעכער ענטפלעקונג. דער זייטיגער אויג מערקט עס ניט. פאַר דער אויסערלעכער וועלט איז ער אַ טרוקענער געשעפטסמאַן וואָס אין לו בעולמו אלא ד׳ אמות של ביזנעס. די וועלט וועט לאַכען אין די הויפענס, הערענדיג אַזעלכע אויסטערלישע רייד וועגען אַזאַ פראַגמאַטישע באַשעפעניש, אָבער ד׳ שמעה בקולי. וואָס מענשען קענען ניט באַנעמען איז אָבער פאָרט רעאַל. תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני.

וואָס מענשלעכע אויערען קענען ניט דערהערען. אָבער דו, רבונו של עולם, פאַרנעמסט דאָך דעם איניגסטען קול פון מיין געבעט! און אָט די, אויסערלעך טרוקענע מענשען, וואַרטען שוין אומגעדולדיג אויף דעם מאָמענט ווען זיי וועלען קענען האָבען די מעגלעכקייט אַראָפּצוואַרפען די שטאָטישע מגושם׳דיגע בגדים פון זיך און ארויפציען די קליידער פון דער בחינה, פון ויצא יצחק לשוח בשדה. דאָרט, אין דער שדה׳דיגער בדידות, וועט די נשמה באַפרייט ווערען פון אירע געפענטעטע קייטען, און ווי אַ פויגעלע אויף אירע לייכטע פליגלען וועט זי זיך דערהויבען צו די העכסטע הויכקייטען פון התרוממות הנפש, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער פרייער נאַטור זיך צעזינגען למלך אל חי וקים... אָבער — ניט ביי אַלעמען ווערען די שטאָטישע חלומות באַשיידען צום גוטען.

נלינה בכפרים, נשכימה לכרמים. נלינה בכופרים, בא ואראך בני עשו שהשפעת להם טובה וכופרים בך. נשכימה לכרמים אלו ישראל, שנאמר כי כרם ד׳ צבאות בית ישראל.

דער אומבייט פון אָרט ענדערט ניט דעם כאַראַקטער און לעבענס־גאַנג פון מענשען. עס ברענגט נאָר שאַרפער ארויס זיין אידענטיפיצירונג.

דער כופר ווערט נאָך אין כפר אַ גרעסערער כופר. פאַרפירעריש פאַלש איז געווען די אילוזיע אַז מיט׳ן בלויזען איבערבייט פון שטאָט אויף דאָרף וועט אויך קומען די באַפרייאונג פון דער נשמה־דיגער פאַרשקלאַפונג. פאַרקערט גאָר. ווי האָט דער בעש״ט זצוק״ל

געזאָגט, ווען מ'איז פאַרנומען אין די געשעפטען האָט מען ניט קיין צייט צו זינדיגען. אָבער זייענדיג אויף וואַקאַציע, ארומגערינגעלט מיט השפעת להם טובה, רייסט זיך איצט דאָן דער — כופרים בך — אַרויס פון די האַלאַבּלעס.

אוממענשלעך ווילד און פאַרברעכעריש אומגעצאַמט איז די אויפפירונג פון דעם קלאַס דאַטשניקעס. אין דער אַטמאָספערע פון השפעת להם טובה, אין די לוקסוסעריעזע רייך־אויסגעשטאַטע האָטעלן, נעמט דער נביא'ישער פאַרוואורף „פרות הבשן" אַן אַזעלכע העסלעכע פאָרמען מיט וועלכע אפילו די בני עשו וואָלטען זיך פאַרשעמט. אויסגעהוילט אפילו פון פּשוט'ער, בני עשו'דיגער, אָנשטענדיגקייט... איז דאָך שוין פון לשוח בשדה, אין שיחה אלא תפילה, שנאמר תפילה לעני כי יעטוף ולפני ד' ישפוך שיחו, אָפּגערעדט! ער איז ניט קיין עני. ער איז אַן אַלרייטניק. עס שרייט פון אים אַרויס די וואולגאַרע אָנגעבלאָזענקייט אויף שריט און טריט. אין אַזאַ זעעלישען צושטאַנד האָט ער געוויס קיין געברויך ניט פאַר אַ ולפני ד' ישפוך שיחו. פאַר השתפכות הנפש דאַרף מען האָבען התבודדות. און ער דאָ, אויף דאַטשע, האָט גאָר קיין צייט ניט פאַר התבודדות. אפילו דער פּשוט'ער טייטש פון לשוח, צו שפּאַצירען, איז אויך ארויסגעפאַלען פון זיין סידור, צוזאַמען מיט דעם גאַנצען זין פון זיין דאַטשע. ער איז ארויסגעקומען צו פאַרברענגען אין די פעלדער און וועלדער, אויף דער פרישער, ג־ט געבענשטער לופט. אָבער זיצען זיצט ער גאָר אָפּ די גאַנצע צייט אין דער קינסטלעך־געמאַכטער לופט פון רייכען אָפּגעשלאָסענעם האָטעל ביים קאָרטען־טישעל, אַן אָנגעצויגענער ביז שפּאַנונג, דענערווירט ביז צום העכסטען פונקט פון נערוועך־צעטרייסלונג!...

אָבער ניט אַזוי איז דער חלק ד' עמו. נשכימה לכרמים. אלו ישראל. שנאמר כי כרם ד' צבאות בית ישראל. אַ גראַנדיעז שיין בילד ענטפלעקט זיך פאַר די אויגען ווען מען גייט פאַרביי אַ ווילע וואו עס געפינט זיך אַ ליכטיגע אידישע פערזענלעכקייט. דער ערלעכער איד געפינט זיך טאַקע ניט אין די רייכע האָטעלען, אָבער זיין שטענדיגער זיץ־אָרט איז אונטער'ן בלויען הימעל. אין שאָטען פון די ברייט־שטאַמיגע ביימער האָט ער זיין טיש אוועקגעשטעלט. פאַרלייגט איז דער טיש ניט בלויז מיט שווערע ש"ס גמרות, נאָר

אויך מיט אַ חק לישראל, אַ תנ"כ׳ל, אַ פּאָר מוסר ספרים. ס׳איז דאָך עפּעס וואַקאַציע-צייט. נעמט מען אַלץ לייכטער. אפילו אפשר מיט עובר זיין מיט אַן ענטציקענדען אויסרוף מה נאה אילן זה! פון צייט-צו-צייט רייסט ער אַפּ זיינע אויגען פון ספר און אין אַ פאר׳כישוף׳טען היפנאָז פאַרקוקט ער זיך אויף אַ וועווערקע וואָס שפּרינגט זיך קונציג פון איין צווייג צום צווייטען ביז זי דערשפּרינגט כמעט צו זיינע פיס און שטעלט זיך אַוועק מיט די פיסלעך אין אַ פּאָזע ווי צו בעטען פון אים אַ ניסעלע. יאָ, אויף זיין טיש שטייען טאַקע ניסלעך. אַוואַ! מה רבו מעשיך ד׳!... מ׳נע.. שוין צייט צו דאַווענען מנחה. איי, רבש"ע! אשרי יושבי ביתיך. ווי געשמאַק עס דאַווענט זיך דאָ יצחק׳ס מנחה! ס׳איז דען עולם הבא? ס׳איז דאָך די אמת׳ע עולם הזה! ווי האַרציג זים עס זאָגט זיך און זינגט זיך די שמונה עשרה, שטייענדיג מיט׳ן פּנים צום עפּעלבוים מיט זיינע שווער-באַלאַדענע צווייגען, מיט אַראָפּהענגענדע פיל-קאָלירענדע עפּעל. — הגדול, הגיבור והנורא — גומל חסדים טובים וקונה הכל. מודים אנחנו לך. אַ דאַנק דיר, רבוש"ע, פאַר די אַלע גוטעס וואָס דו טוסט מיט אונז!...

נראה — לאָמיר זען, בלשון רבים, פון צייט-צו-צייט איז גוט און באַקוועם און אויך נוצלעך זיך אַרויסצואוויקלען פון דעם פאַר־איינזאַמטען גליק. און די שבלים בודדות, די איינצעלנע עולם הזה־עולם הבא׳דיגע גליקלעכע פרומע שיינע אידען, וועלכע געפינען זיך צעוואָרפענע, זאַמלען זיך צוזאַמען אין אַ כרם ביבנה... אין שטילע נאַכטראַכטענדע טענער, אין דער פאַרנאַכטיגער, שקיעת החמה׳דיגער שטימונג, זיך אונטערבאַמקען, אפילו אַ חסידיש־דבקות׳דיגען ניגון, אַרויסקרעכצען אַ פאַרהייליגטען אידישען קרעכצע־לע אויף גלות השכינה, און פון אַ קרעכץ ביז אַ פאַרטייעטען וואָרט, און וואָרט צו וואָרט קומט צוזאַמען, קרעכץ מיט קרעכץ באַהעפטען זיך. און פון היכל הנגינה גלוסטען די בני היכלא צו דערזען דעם זיו פון היכל הנשמות. גרוים און הייליג, מעכטיג גרוים און דערהאַבען הייליג איז די אומשעצבאַרע אידישע נשמה. אויך די פאַרבלאָנדזשעטע אידישע נשמה איז טיף איינגעהילט אין די איצטלא דמלכא. כל ישראל בני מלכים הם. פאַרבלאָנדזשעטע פרינצען נעבעך. זוכען דעם וועג צוריק צום היכלא דמלכא. וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת

בו. שטרעק אים אויס אַ העלפענדע האַנט. פיר אים אַרויף אויפ'ן גלייכען וועג, אויפ'ן דרך המלך וואָס פירט צום מלכו של עולם. (עי' באור החיים הק' מש"כ בזה).

אַט די מכלומר'שט האָפּערדיגע אידען, וועלכע טומלען אַזוי וואולגאַר ביים אַנטקעגענדיגען קאַרטען-טישעל, זיינען גאָר צעבראָכענע אידישע נשמות, וועלכע ווילען פאַרשרייען זייער אינעווייניגסטען נשמה-טרויער. קול דמי אחיך צועקים אליך מן האדמה. פון דער פאַרגרעבטער ערדישקייט רופט זיין בלוטיגער קול צו דיר „העלף מיר, ברודער! איך פאַל, איך זינק! גיב מיר אויך דיין פרום אידישע האַנט. שטאַרק מיך אין מיין פאַרצווייפעלטען ירידה-שטאַנד. איך האָב זיך פאַרלוירען אין די לאַבירינטען פון לעבען. מוטיג מיך. לערן מיך דעם וועג, דעם ריכטיגען לעבענס-וועג".

דער פאַרצווייפעלטער בלוטיגער נשמה-רוף איז ניט קיין פאַראיינצעלטער. ער איז ניט באַגרענעצט צו דעם דאַטשע קאַרטען-טישעל. פון שטאָט און פון דאָרף, פון אָרים און רייך, פון אומעטום רייסט זיך דורך דער עלבונ'דיגער בת קול וואָס בעט זיך צו ווייזען אים דעם וועג צום באַרג פון חורב. אידען! נראה, אפשר קענען מיר זיך דערטראַכטען צו די מיטלען וואָס פירען צו גאולת הנפש. נראה, אם פרחה הגפן. זו קריאת שמע. פתח הסמדר. אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות. הנצו הרמונים תינוקות שיושבים ועוסקים בתורה. שם אתן את דודי, שם אני נותנת הצדיקים והצדיקות והנביאים והנביאות שעמדו ממנו. (שיר השירים רבה, פרשה ז').

מ'דאַרף דעם כרם בית ישראל אַרויפפירען אויפ'ן וועג צו דערקענען זיין באַשעפער! מיט קרעכצען און זיפצען וועט מען דעם פאַרפרעמדטען אידען ניט אַרויפפירען אויפ'ן שביל הזהב. דער איד זוכט זיין באַשעפער, דאַרף מען אים העלפען צו געפינען! לאָמיר עפענען פאַר אים דעם שער האמונה. די אמונה בה' אחד. קבלת עול מלכות שמים קומט פריער ווי קבלת עול המצוות. מ'קען דאָך ניט רעדען וועגען קדושת השם אָן אַן איבערצייגטען גלויבען אין מקדש השבת. מ'קען דאָך ניט רעדען וועגען תורה בכלל ווען עס פעלט דער גלויבען אין נותן התורה. מ'דאַרף געפינען די געמיינזאַמע שפּראַך. אין אַ פאַרווירטען דור דאַרף מען זיך אַוועקשטעלען אין דער ראָלע פון אַ מורה נבוכים. דאַרף מען עפענען אַ וועג צו אמונות ודעות.

קריאת שמע — שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד. מוז זיין דער רוף צו ישראל אין ישראל און אין די גלות לענדער. עס איז, צום באַדויערען, אַ קאַרדינאַלער טעות וואָס ווערט באַגאַנגען דורך אַלע רעליגיעזע רעדנער און שרייבער, וועלכע רעדען, דרש׳נען און שרייבען אין דעם זעלבען ריטם און טעמפּאָ ווי צו אונזערע אבות אבותינו, פאַרגעסענדיג דעם „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם״. אונזערע עלטערען און אור-עלטערען זיינען דאָך געווען טיף פאַרוואָרצעלט אין דעם אמונה-לעבענס-בוים. אין דער בחינה פון „אורייתא קודשא בריך הוא וישראל חד הוא״. מ׳האָט געאָטעמט מיט אמונה בקל אחד, 24 שעה אין מעת-לעת, פון געבורט ביז דעם לעצטען אָטעם-צוג... אָבער אונזער גענעראַציע איז דאָך, אויפ׳ן בעסטען אופן, א ג-טלאָזער דור!

וויסענשאַפט פון איין זייט און מאַטעריאַליזם פון דער צווייטער זייט. מיט קליין-קעפּעלדיגע אַלץ-ווייסער אין דער מיזעראַבעלער פאָלקס-פירערשאַפט ראָלע האָבען דאָך אונטערגעשווענקט די פעלזען-פעסטע אמונה-דאַמבעס. מוז דאָך איצט זיין די הויפּט-אויפגאַבע פון אמת׳ע רבנים און רעליגיעזע שרייבער אומצוקערן צום פאָלק זיין פאַרלוירענע אמונה אין בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. אין יעדער דרשה און אין יעדען מאמר דאַרפען זיך דורכוועבען די זיידענע פעדים פון אַ שער היחוד לבעל חובת הלבבות. די שטאַנד-האַפטיגע אַרגומענטאַציע פון אונזערע ג-טלעך פילאָזאָפישע גייסטיגע ריזען.

און דאָס איז בפירוש אַ דאַנקבאַרע פּראָפּאָזיציע. די צוהערער און לייענער וועלען זיין גליקלעך אויסצופילען דעם פוסטען חלל פון זייער אַזוי אומזיניקען לעבען. זיי וועלען דערפילען אַ נייעם אינהאַלט אין זייער לעבען. פון אמונת השם וועלען זיי צוקומען צו אהבת השם, צו ואהבת את ד׳ אלקיך. זיי וועלען גערן אויסבייטען דעם עול פון דערדריקענדען וויסענשאַפט-מאַטעריאַליסטישען לעבענס-וועג אויף דעם נשמה דערקוויקענדען קבלת עול שמים. און קומט מען ארויף אויפ׳ן דרך המלך פון קבלת עול מלכות שמים, איז מען שוין אויפ׳ן ריכטיגען וועג פון קבלת עול המצוות.

און קומענדיג צוריק פון דאָרף אין שטאָט, לאָמיר אויך ווענדען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף דער קיום צעעפענטער יונגער בליאונג

פון די אמת׳ע און אזוי גערופענע בתי כנסיות ובתי מדרשות. פתח הסמדר. אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות. די שוהלען און בתי מדרשים דארפען זיין אונזערע גייסטיגע פעסטונגען. אבער זיינען זיי?! איז א שווים-באסין א שוהל? איז א שעקספיר-פארשטעלונג א בית המדרש? איז א שוהל אן א מחיצה א מקום קדוש? איז א סאנדעי סקול א תלמוד תורה? די הייליגסטע באגריפען ווערען פארשוועכט פאר אונזערע אויגען, און גראב-הויטיג פארבורלעסקעוועט. אקטיארען דינען אלס חזנים, און ביליגע קאמעדיאנטשיקעס טוען אן דאס היטעל פון רבנים. און וואו איז אונזער מעכטיגער אויסגעשריי „מה לכם רמום חצרי״?!

אויך דא דארף געפירט ווערען א סיסטעמאטישער אויפ־קלערונגס-פאלקס-אוניווערזיטעט, וועגען קדושת בתי כנסיות ובתי מדרשות. דער עולם איז פארווירט אויך אויף דעם געביט. זיי לעגען דעם טראפ אויף דער אויסערלעכקייט, דער שיינקייט און ריינקייט. אינגאנצען אומבאוואוסטזיניג וועגען עיקר. זיי זעען דעם חצר, די קליפה החיצונה, פארזעענדיג אינגאנצען דעם פאלאץ, דעם טרקלין!...

אבער אונזער הויפט-אויפגאבע, דער עיקר העיקרים, איז צו שטיין אויף דער וואך, טאג ווי נאכט, צו זען „הנצו הרמונים? תינוקות שיושבים ועוסקים בתורה״...

„זיידע! גיב מיר א פאר וויינטרויבען״, דערהערט זיך א קוויטשיג, פריילעך קול׳כל פון אן אנלויפענדען, פארשוויצטען חנ׳עוודיגען בא׳פיאה׳טען אינגעלע. דער אינטימער שמועס פון די עלטערע שיינע אידען ווערט אנגענעם מאמענטאל איבערגעריסען. „זאג זשע מיר, פייוועלע, וואס פאר א ברכה וועסטו מאכען אויף די וויינטרויבען? א בורא פרי האדמה?...״ „גיב מיר א באנאנע אויך, וועל איך מאכען א בורא פרי האדמה, אבער אויף וויינטרויבען מוז מען מאכען א בורא פרי העץ...״ „נו, זיידע, גיב מיר געשווינד, איך דארף דאווענען מעריב...״ יא, הנצו הרמונים! מלאים מצוות כרמון. די קינדערלעך וואס זיינען איינגעזעסען אין תורה׳דיגער אטמאספערע זיינען פול מיט מצוות ווי מילגרוימען. ווי זייער צוקונפט זאל זיך אויסשטאלטען, וועלען זיך זייערע ליפען אויטאמאטיש באוועגען מיט א בורא פרי העץ פאר׳ן פארזוכען א מילגרוים צי א וויינטרויב. די

שמן וחמין שסכתה לו אמו בילדותו, זיי וועלען אים באשטיין לזקנותו. דעם אַלטען, איגנאָראַנטען קאָרטען־שפּילער איז שטאַרק צווייפעלהאַפט צו אַלע חשבון הנפש׳דיגע רעזאָלוציעס וועלען זיין בכוח צו ברעכען אַלטע שלעכטע געוואוינהייטען. דער הרגל איז שוין ביי אים אַ צווייטע נאַטור. אמת, מ׳טאָר זיך ניט מייאש זיין פון אַ אידישער נשמה. אָבער דער הויפּט־געוויכט דאַרף ניט געלייגט ווערען אויף אויסגלייכען זעכציג־יאָריגע פאַרקרימטע אַלטע בוימער, נאָר אויף פלעגען די יונגע גרינע צווייגעלעך זיי זאָלען אויפוואַקסען אַלס אַ שיינער כרם בית ישראל.

לכה דודי נצא השדה. לאָמיר צוזאַמען ארויסגיין אין פעלד. לאָמיר זיך ניט דערווייטערען איינער פון אַנדערען. די בעסטע געלעגענהייט פאַר השראת השכינה, אַז די שכינה זאָל רוען אין אונזערע באַטראַכטונגען, איז ניט אין די דושנע, ענג־געפּאַקטע קאָוועגשאַן־זאַלען. דאָ, אויפ׳ן פרייען פעלד, צווישען גראָז און בוימער. ניט געאיילט. מער געטראַכט ווי גערעדט שיין רעדנעריי. איז דער פאַסיגער אָרט און פלאַץ, לחשוב, בצבור, בחשבונו של עולם, בדברים העומדים ברומו של עולם היהדות. און, — שם — אני נותנת הצדיקים והצדיקות והנביאים והנביאות שעמדו ממנו.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט״, תמוז, תשט״ו.

דער אידישער באגריף פון תשובה

ימים נוראים באַטראַכטונגען

תשובה איז גרויס. תשובה איז אייביג. תשובה דערגרייכט צום כסא הכבוד. תשובה,, דער באַגריף פון תשובה, עקזיסטירט נאָך פון פאַר דעם וועלט-באַשאַף. דער פאַרבאַדינג צו דער קאָמבינאַציע פון עפר מן האדמה און נשמת חיים, וואָס הייסט „מענש", איז תשובה. ועל התשובה מראש הבטחתנו. אַזאַ ערדיש-גייסטיגע קאָמבינאַציע ווי דער מענש איז אונטערגעוואָרפען אונטער אומ-אויפהערלעכע זינד-געפאַרען און מוז שטענדיג אָנקומען צו תשובה פלאַסטערען בכדי אויסצומיידען די סכנת נשמה — פאַרשלונגען צו ווערען אינגאַנצען פון ערדישע גוף-עלעמענטען.

די נאַטירלעך-אומבאַדינגטע פאָרם פון תשובה, איז ניט באַגרענעצט נאָר צום אידישען פאָלק. יעדער יחיד פון יעדען פאָלק פילט אוים אַ גרויסען טייל פון לעבען מיט תשובה-געפילען. רשעים מלאים חרטות. און חרטה איז דאָך דער ערשטער טייל פון די דרכי התשובה. חרטה לשעבר וקבלה להבא.

אָבער דער רשע בלייבט שטיין אין מיטען וועג. חרטה, יאָ, קבלה להבא, ניט. און די אידישע וועלט האָט אַנגסטיג געוואָרט אויף דעם וואָרט פון הושע, שובה ישראל עד ד' אלקיך.

ראובן, דער ראש פון די שבטי קה, דער כחי וראשית אוני פון יעקב אבינו, דער שטאַם-פאָטער פון עם ישראל, איז געשטרויכעלט געוואָרען. עפּעס יאָ געזינדיגט, עפּעס ניט געזינדיגט. אָבער דער געוויסען פייניגט, מאַטערט. עס באַהערשען אים חרטה-געפילען. ער דריקט עס אוים אין קערפּערלעכע פייניגונגען. דער קערפּער האָט, אפשר, געזינדיגט. דער קערפּער דאַרף אָפּקומען מיט אַ זאַק אויף די לענדען און מיט תעניתים. ער איז אַזוי פאַרטאָן אין דעם על חטא-קלאַפּען... אַז ער לאָזט איבער זיין ברודער אין גרוב ראַנגלען זיך מיט עקדישען, אויסגעשטעלט צו אַ טויט-געפאַר פון די הענט פון שמעון ולוי. ראובנ'ס פאַרשטעלונגס-קראַפט זעט ניט פאַר דעם הייליגען

טאַטען יעקב׳ס מורא׳דיגען געשריי: „כי ארד אל בני אבל שאולה״. אַלץ אַרום אים איז פינסטער. ער זעט גאָרניט, ער פילט גאָרניט. זיין קערפער וואַרפט זיך קאָנוואולסיוו פון חרטה-געפילען ביז זיין לעצטען אָטעם-צוג. און אויך נאָכהער, אין טויטען קאַסטען, וואַרפען זיך נאָך אַלץ זיינע ביינער און קענען קיין רו ניט געפינען.

צענדליגער און הונדערטער יאָרען פאַרלויפען אין ביינער-וואַרפעניש ביז זכרו תורת משה עבדי רופט אוים עמפּאַטיש: יחי ראובן ואל ימות! און דער נותן התורה פּראָקלאַמירט „יקום מבניך..״. דיינס אַן אייניקעל, הושע, וועט אויסטייטשען תורה׳דיגע תשובה, וואָס קען זיך אויפהויבען ביז׳ן כסא הכבוד. די תשובה איז אַ נשמה׳דיגע. דער בעל-תשובה, כאָטש פאַרטאָן אין זיך, האָט פונדעסטוועגען אַ וואַכזאַם אויג און אויך אַ ווארעם הארץ פאַר׳ן צווייטען. ווי ס׳ווערט דערציילט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, זצ״ל: גייענדיג צו כל נדרי באַגריסט ער פריינטלעך אַ פאַרבייגייענדיגען איד. אָבער יענער ענטפערט אים קוים, קוים, מיט אַ שוואַכע שטימע און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, און ר׳ ישראל פרעגט אים: „אז דו טוסט תשובה, וואָס בין איך שולדיג?״...

פון דעם אינקוויזיטאָר פון שפּאַניע ביז די היינטיגע רוסלאַנד, וויל יעדער נאָר רייניגען יענעמס זינד. דער קאַצאַפּישער גלח קלאַפּט מיט די פויסטען אין זיין זינדיגען בויך און פאַרטרינקט דעם מאַנענדען געוויסען מיט אַ גרוים גלאָז 96-ער בראָנפען, און וואַלגערט זיך נאָכהער אין רינשטאָק. דער אידישער בעל-תשובה לערנט הלכות תשובה להרמב״ם, מסלת ישרים, שערי תשובה לרבינו יונה א. ד. גל. עס ווערט אים ליכטיג אין מוח; עס ווערט פאַר אים אויסגעטראָטען אַ נייער וועג אין לעבען. עס ווערט פאַר אים קלאָר חובת האדם בעולמו. ביז איצט איז ער געווען אַ נבוך, אַ תועה בדרך החיים. ער האָט ניט באַנומען מה חובתו בעולמו. איצט איז פאַר אים קריסטאַל-קלאָר זיין לעבענס-ציל. ער דערהערט מה ד׳ אלקיך דורש ממך. ניט בויך-קלאַפּעניש, נאָר עשות משפט ואהבת חסד. און איבער אַלץ והצנע לכת עם ד׳ אלקיך. באַשיידען, שטיל, רואיג און איידעל.

דער אידישער בעל-תשובה ווייס וואָס ג-ט וויל פון אים. ער האָט אַ ג-ט וואָס רופט אים שובו אלי ואשובה אליכם. ניט אַ שיכור׳ן

געוויסען וואָס מאַטערט און לאָזט ניט רוען. אשרי העם שד' אלקיו! עס איז ניט גענוג שובה ישראל עד ד'. מציאות השם, הכרת השם איז אַ ודאי אַ הויכע מדרגה. אָבער שובה ישראל קען נאָר רעאַליזירט ווערען עד ד'-אלקיך. אַ פערזענלעכען ג-ט, ניט קיין פילאָזאָפישען ג-ט... אַ פילאָזאָפיש ערפונדענער ג-ט מאָנט ניט קיין זאַך און פאָדערט ניט קיין זאַך. עס איז נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע נויטיגקייט צו פאַרענטפערען די רעגולער-געזעצטע קאָסמישע געזעצען, אויף וועלכע די וויסענשאַפט האָט ניט קיין דערקלערונג. אָבער עס איז ניט מחייב צו קיין זאַך. דערפון נעמט זיך וואָס דער פילאָזאָף און די פילאָזאָפיע זיינען צוויי באַזונדערע סובסטאַנצען. ווייל די פילאָזאָפיע איז דעם פילאָזאָפ'ס אייגענע שאַפונג, און צו מעשי ידיו איז ער זיך דאָך ניט מחויב צו בוקען. איז ניט נאָר בוקט ער זיך ניט, נאָר ער בריקעט מיט די פיס זיין גאַנצע לערע. זיין לערע גופא קען שטיין אויף דעם העכסט מאָראַליש-עטישען ניוואָ. אָבער צו אים פערזענלעך, צו זיין פערזענלעכען לעבען, האָט זי ניט די מינדעסטע אָנגעהעריגקייט.

דעם אידישען בעל תשובה'ס פערזענלעכער לעבען ווערט אָבער דירעקטירט פון ד' אלקיך. ניט ער האָט, חלילה, באַשאַפען ג-ט, נאָר ג-ט האָט אים באַשאַפען. דער עושה מעשה בראשית פאָלגט אויך ניט די גלענצענדע עצות פון אַ צעדרייטען פילאָזאָף — באַשאַפען די וועלט, יאָ. אָבער פירען די וועלט ניט... אויב עס איז דאָ אַ בירה, אַ וועלט, אַ פאַלאַץ. און אַ פאַלאַץ ווערט פון זיך אַליין ניט באַשאַפען. כי אראה שמיך, מעשי ידיך, ירח וכוכבים אשר כוננת. איך האָב די הימלען, די לבנה, די שטערען ניט באַשאַפען. פון זיך אַליין קען אפילו אַ שטיקעל פאַפיר ניט באַשאַפען ווערען. איז דאָך די גראַנדיעזע וועלט און וועלטען מעשי ידיך. פאָלגלעך, מוז דאָך די געשאַפענע בירה האָבען אַ מנהיג הבירה, וואָס לאָזט ניט צו איר נאַטירלעכע דעסטרוקציע...

אַזוי איז דער באַגריף אלקיך, אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון באַגריף ד'... אחת זה דברת, שתים זו שמעתי. דערהערט מען מיט אַ פאַרכאַפטען אָטעם דעם אנכי ד', מוז די ליכטיגקייט פון מוח אויך באַלייכטען דעם וועג צו „אלקיך". און פונקט ווי דער באַגריף „ד'" איז אַלאומפאַסענד און אונטערליגט ניט קיין שום שאָטען פון צווייפעל, אַפילו פון פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט, אַזוי אויך מוז דער

באגריף „אלקיך", זיין פון אן אלאומפאסענדען כאראקטער אָן קיינע אָפּנויגונגען. טאקע פון מודה אני ביז קריאת שמע לייענען. יעדע טאט און יעדער טראָט אין פּערזענלעכען לעבען ווי אין קאָסמישען מוז זיין אין איינשטימיגקייט מיט די דירעקטיווען פון אלקיך, דעם מנהיג הבירה. דאָס זאָגט דאָך אויך, אַז דער מנהיג האָט דאָך געמוזט געבען זיינע דירעקטיווען צו די, וואָס ווערען געפירט פון אים. דער נברא קען דאָך פון זיך אַליין ניט וויסען מה ד' אלקיך דורש ממך. האָט דאָך געמוזט זיין התגלות אלקים. מיט אַ מעמד הר סיני, מיט תורה מן השמים, פאַרטגעזעצט מיט אַ דבר ד' לנביא. און עס מוז דאָך אויך זיין שכר לעושי רצונו און עונש לעוברי רצונו. דער מנהיג וועט דאָך ניט באהאַנדלען די עוברי רצונו אין דער מאָס ווי די עושי רצונו. אויב לית דין, איז דאָך, חלילה, לית דיין! און אויב צוליב בחירה-מאָטיווען קען זיך טרעפען צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, מוז דאָך זיין אַ יום שכולו ארוך און אַ יום שכולו טוב...

אזוי גייט דער בעל תשובה פאַרטיפט אין זיינע מעטאפיזישע באטראַכטונגען. פאַסט צו זיינע טאַטען צו זיינע מחשבות. הייליגע געדאַנקען געפּאָרט מיט הייליגע מעשים. ער שטייגט העכער און נאָך העכער אויף די שטאַפּלען פון סולם אלקים. פון די טיפסטע ארציות ביז ראשו מגיע השמימה. פון אַ זינדיגען מענש ביז די העכסטע מדרגות, צו וועלכע דער צדיק גמור קען ניט דערגרייכען. במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד. אזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה און בעלי תשובה! ער האָט אנטפלעקט נייע וועלטען, ליכטיגע וועלטען. ער איז איבערוועלטיגט פון זיין ענטוזיאַזם. זיין דאַווענען איז ניט קיין מצות אנשים מלומדה, נאָר אַן אויסגוס פון באוואונדערונג און דאַנקבאַרקייט צו זיין באַשעפער, און אַ דורשט, אַ צמאה נפשי אל ד', נעמט אַדורך זיין גאַנצען וועזען. דער כוח פון די ברענענדיג-התלהבות'דיגע השתפכות הנפש איז מקרב דעם נברא צום בורא. והנה ד' נצב עליו! התגלות אלוקית! אָט דאָס הייסט ליכטיגקייט פון תשובה, און דער כוח פון תפלה וישועה מד'. לדוד ד' אורי, זה ראש השנה, וישעי, זה יום הכיפורים. יום שנדמו בו ישראל למלאכי השרת. תפלה און כפרת עוונות קען נאָר קומען אין די פוסטריט פון הכרת וקבלת מלכות שמים.

אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם. אמרו לפני זכרונות כדי שיעלה זכרוניכם לפני, ובמה? בשופר. (מס׳ ראש השנה, ד׳ ט״ז.)

קליינלעך, נאַריש און אומדערוואַקסען צו הויכקייט, זיינען די מענשען, וועלכע לייגען דעם גאַנצען טראָפּ פון ימים נוראים אויף דאַווענען. אַ דאַווענען אָן אַ תשובה׳דיגע הכנה, איז בבחינת תועבה... דער היגער אידישער לעבען וויזט גאַנץ בולט דעם אמת פון אָט דער הנחה. פון דאַווענען לשם דאַווענען ותו לא, איז געוואָרען חזנ׳ישער דאַווענען, און פון חזנ׳ישען דאַווענען איז געוואָרען חזנ׳ישע קאָנצערטען. קאָנצערטען אין אַ צייט פון ימים נוראים, פון פּאָרכטיגע טעג!!! איז עס טאַקע געוואָרען ביי די אידען אוים פּאָרכטיגע טעג... מ׳גייט אַריין אין די ימים נוראים ווי אַ נאַר, קומט מען ארוים פון די ימים נוראים נאָך נאַרישער און גראָבהויטיגער. קיין הרהור תשובה, קיין ניצוץ פון התלהבות, חוץ פאַר דעם „וואַנדערפול ספּיטש״ פון דעם ראַביי, דעם לעקער און גלעטער און ניט קיין מוכיח, און דעם „העווענלי״ זינגען פון די שיקסע פון כאָר, און אפשר אויך דער זינגען פון די חזנ׳טע... אוי לנו שכך עלתה בימינו!

אמת׳ע תפלה, וואָס זאָל קענען דורכברעכען הימלען, עד כסא הכבוד, מוז דאָך פאַרמאָגען די קוואַליטאַטיווע אייגענשאַפט „כדי שיעלה זכרוניכם לפני״. און דאָס קען דאָך נאַטירלעכערווייזע ניט געמאָלט זיין אָן די אַבסאָלוטע אָנערקענונג פון „לפני״... מוז דאָך אומבאַדינגט קומען מלכיות פאַר זכרונות! דער פּרימאַט מוז דאָך זיין „אמרו לפני מלכיות, כדי שתמליכוני עליכם״. דער שתים שהן אחת׳דיגער „תמליכוני״.

אָן דעם דונערענד־שאַלענדען „המלך״, קען מען גאָר ניט צוטרעטען אַפילו צום עמוד. און ווען דער כל עצמותי תאמרנה׳דיגער „המלך״ איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרען, באַפאַלט דאָך איצט אָן אימה׳דיגער ציטער „אי מלכא אנא, עד השתא אמאי לא אתית לגבאי?!״ און ווען דער בעל תשובה זאָל זיך שוין קענען „אַליין״ רעכטפאַרטיגען מיט׳ן אויסרייד, אַז די נחשים ועקרבים, דער חטא פון נחש הקדמוני, האָט פעסט אַרומגענומען די וויין־רייפען, און שווער, זייער שווער איז אים אָנגעקומען זיך אַדורכצורייסען דורך זייערע גיפטיגע צונגען, צו קענען שווערען מיט זיין צונג אַ הייליגע שבועה פון טרייהייט צום מלך מלכי המלכים, און דאָס מויל זאָל

לויבען „שלמא עלך מלכא". מאַנט אָבער דער „תמליכוני", דער לשון רבים'דיגער תמליכוני, אַ דריטען חוב. אי מלכא אנא — דאַרפסטו דאָך שטרעבען צום הוד מלכות. און דער ברוב עם הדרת מלך קען דאָך ניט פאַרווירקלעכט ווערען בלויז מיט דעם וואָס דו ביסט אַ צדיק אין פעלץ! וכשאני לעצמי מה אני?!

די מדרגה'דיגע עד ד' אלקיך-תשובה, פאַנגט זיך טאַקע אָן מיט דעם יחידי'שען „שובה". אָבער נאָך דעם קחו עמכם דברים. נאָך דעם דעטאַלירטען אַנאַליטישען תשובה-איבערזיכט, ווערט דער „ושובו" אַ לאָגיש-קאָנסעקווענט אומבאַדינגטע נויטווענדיגקייט. פון שובה ר' ישראל קומט מען צו שובה כלל-ישראל, עד ד' אלקיך. ובמה בשופר. מיט'ן קול השופר של התעוררות זוכה זיין צו תקע בשופר גדול לחרותנו.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", ערב ראש השנה תשט"ז.

מענש — וואו ביזטו?

ימים נוראים'דיגע געדאַנקען

בן־אדם איכה? וואו ביזטו מענש?

אַט די הרת־עולם'דיגע פראַגע קלינגט אָפּ אין חלל פון דער וועלט פון ששת ימי בראשית. פון דעם ערשטען אָדם ביז דעם היינטיגן בן אדם, דורך די אַלע טויזענטער יאָרען, הילכט אָפּ נאָכאַנאַנד דער ערשטער ג־טליכער רוף צום מענש, צום אינדיווידואום: איכה? וואו ביזטו אַליין?

פון דעם עץ־הדעת האָסטו שוין געגעסען; די וויסענשאַפט האָט דיך שוין אַליץ אויסגעלערענט, פון דער קונסט ווי צו מאַכען פייער ביז צום פליען אין די הימלישע ספערען, אָבער דו אַליין וואו ביזטו? דער הויפּט־יסוד פון תורה־אידישקייט, אין געגענזאַץ צו דער וועלטליכער לערע, איז דער מענש אַליין. נישט די שטרעבונג פון „והייתם כאלוקים"; נישט די שטרעבונג פון דור־הפלגה צו דערגרייכען די הימלען, — אַ שטרעבונג וואָס באַהערשט אַלע געדאַנקען פון די איצטיגע וויסענשאַפטלער, און וועלכע קען פּאַראַפראַזירט ווערען אין: „בני־דור הפלגה לא מתו". אַט די וויסענשאַפט פליט צו די הימלען, אָבער דער וויסענשאַפטס־מאַן אַליין און דער מענש אין אַלגעמיין זינקט אַליץ נידעריגער און נידעריגער, און וואָס מער עץ־הדעת, אַליץ מער פאַרלירט זיך דער מענש אַליין, און וואָס מער דער פאַרלאַנג פון: „והייתם כאלוקים", אַליץ מער פאַרלירט דער בן־אָדם דעם צלם־אלוקים.

אָבער דער קול־אלוקים רופט צו חשבון־הנפש, זיך אָפּצוגעבען אַ ראש־השנה'דיגען חשבון און צו קומען צוריק צו זיך אליין, דאָס הייסט: וואָס געווען איז געווען, אָבער וואו האַלסטו איצט מיט זיך אַליין?...

דער קאָצקער רבי זצ"ל דערקלערט, אַז דאָס וואָס אָדם־הראשון האָט — לויט דעם מדרש — געענטפערט דעם רבונו של עולם: „אכלתי, ואוכל עוד", איז געווען זיין ערשטער שריט צו טאָן תשובה. דער רבונו של עולם זאָגט צו אָדם הראשון בניחותא: איכה,

אין וועלכער מדרגה פון תשובה געפינסטו זיך איצט? און אדם ענטפערט אָפּענהאַרציג: „אכלתי, ואוכל עוד", דאָס מיינט, אַז איך פיל דאָס אומגליק וואָס מיין „אכלתי" האָט פאַראורזאַכט פאַר דורי־דורות, און נאָך ערגער פיל איך זיך מיט׳ן באוואוסטזיין פון: „ואוכל עוד". דער אָפּגרונט פון דעם עץ־הדעת איז אַזוי טיף, און מיינע גייסטיגע כוחות זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך אליין בין גאָר־נישט אימשטאַנד אַרויסצוקריכען פון דעם זומפּ. דער „אכלתי" שלעפּט מיך צום „ואוכל עוד". שטרעק אויס, רבונו של עולם, דיין געטליכע האַנט צו העלפען מיר ארויסקריכען פון דער בלאָטע, אין וועלכער איך בין פאַרקראָכען. ממעמקים קראתיך, ד׳...

(געהערט פון זיין אייניקעל, מיין מחותן, ר׳ צבי מאָרגענשטערן).

און ווי אין אינדיווידועלען חשבון־הנפש, אַזוי איז אויך אינ׳ם געזעלשאַפטליכען חשבון־הנפש. אין די טעג פון חשבון־הנפש דאַרף ביי אידען דערהערט ווערען דער קול פון „ד׳ אלוקים מתהלך בגן", וואָס רופט און וועקט: איכה? וואו ביזטו, אידיש פאָלק? אין וועלכער מדרגה פון „שובה ישראל עד ד׳ אלוקיך" געפינסטו זיך איצט? „קחו עמכם דברים" — וואָלט שוין פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַ הויכע מדרגה, ווען די „דברים" זאָלען זאָגאַר זיין הארבע רייד, „אכלתי ואוכל עוד"־דיגע רייד. זעהר שלעכט איז אָבער ווען מען זאָגט גאָרנישט און מען טראַכט גאָרנישט, און דער גאַנצער ראש־השנה מיט׳ן יום־כפור איז בלויז אַ שפּיל, אַזאַ צערעמאָניאַל. זאָגאַר דער „על חטא" איז נישט אַזוי שרעקליך. וואָרים ווער האָט דען געזינדיגט? מיר זענען דאָך עפּעס אַזעלכע שיינע אידען, אידען וואָס דאַווענען און לערנען און טוען מצות... אידען תלמידי־חכמים און חסידישע אידען. איי, מיר זענען די לעצטע מאָהיקאַנער? ווייל „בני עזבוני ואינם"! אָבער וואָס זענען מיר שולדיג? און — איצט איז דאָך שוין גוט: — ישיבות פאַרמערען זיך. אַשרנו, מה טוב חלקנו!...

די דאָזיגע זעלבסט־צופרידענע שיינע אידען מאַכען זיך גאָר־נישט זען, אַז צוויי־און־ניינציג פון יעדע הונדערט אידישע קינדער אין אַמעריקע וואַקסען־אויף ללא תורה וללא מצוות! די דאָזיגע אידען הערען אויך נישט די הילפס־רופען פון די עקזיסטירענדע ישיבות, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי ראַנגלען זיך פאַר זייער עקזיסטענץ.

העכער פון זיי שטיין שוין די אידען פון „אכלתי ואוכל עוד". זיי האָבען פּרובירט צו צוהערען זיך צום קול שועת בני עמי, און זיי האָבען לעצטענס פאַררופען אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג צו פאַרווירקליכן דעם פּראָיעקט פון שאַפען אַ פאַראייניגטען ועד־הישיבות אין ניו־יאָרק. ביי יענער פאַרזאַמלונג האָט מען אָבער גערעדט וועגען... „שמאַטעס" (אַלטע קליידער) און ביי דער איינציגער „שמאַטע'דיגע" פאַרזאַמלונג איז עס געבליבען. דאָס איז דערווייל געוואָרען פונ'ם גאַנצען פּראָיעקט.

„אכלתי ואוכל עוד", מיר קענען נישט אַרויס פון דעם דעם־טרוקטיווען און דעמאָראַליזירענדען זומפּ. אונזער קורצזיכטיגקייט און ענגהאַרציגקייט איז שולדיג אין דעם וואָס יעדע ישיבה זינקט באַזונדער. דאָס איז אַ קללה און דער וועג פון חורבן, ר"ל. און מיר בעטען צום נייעם יאָר: העלף אונז, רבונו של עולם, אַז מיר זאָלען פאַרלאָזען דעם וועג פון אָפּגעזונדערטקייט, און אַרויף אויפ'ן וועג פון אייניגקייט און געשלאָסענע רייען. לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", תשרי, תשט"ז.

מיר מוזען געווינען די שוהלען

כבוש־הקהלות איז דאָס שלאָגוואָרט אין אידישען לעבען פאַר די לעצטע פופציג יאָר. יעדע ריכטונג אין אידענטום שטרעבט צו באַהערשען גייסטיג און פיזיש די אידישע געמיינדעס און שוהלען, מיט דעם פולען באַוואוסטזיין, אַז ווער עס דאָמינירט אין דעם אָרגאַניזירטען קהילה־לעבן, די ריכטונג וועט ווערען דער דאָמינירענדער פאַקטאָר אין אידישען לעבען און די לאָרבער־קרענץ פון נצחון וועלען שוין גאַנץ גרינג אריינפאַלען אין אירע הענט.

פאַר אַזאַ וויכט־גרייכענדען ציל איז קיין אַנשטרענגונג נישט צו גרויס און נישט צו שווער, ווייל „דאָ קנית, מה חסרת?!" טוט זיך טאַקע אויף טיש און אויף בענק. אַ רעש, אַ גערודער. אוצרות ווערען פאַרשווענדעט. אומגלויבליכע, לעגענדארישע סומעס געלט און גאָלד, ריזיגע כוחות פון מענשען־מאַטעריאַל, צייט און ענערגיע ווערען אַוועקגעגעבען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם געגאַרטען צוועק, וואָס הייסט כבוש־הקהלות.

נאָר איין ריכטונג אין אידישען לעבען בלייבט גלייכגילטיג צום גאַנצען טומעל. און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס די גאַנצע כבוש־אַטאַקע איז קאָנצענטרירט גראָד אויף דער ריכטונג. דאָס וויל מען עס טאַקע ביי איר אַרויסרייסען איר טויזענט־יעריגע פירערשאַפט. און ביים וועלען אַליין בלייבט עס נישט. מען רייסט פון איר אַ גליד נאָך אַ גליד, מיט׳ן פלייש צוזאַמען. און זי שווייגט!!! די אַלע כבוש־הקהלות אַטאַקעס זענען געצילט געגען דעם דורות׳דיגען טראַדיציאָנעלען שטייגער־לעבען, אָבער דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום טונקט נישט איין אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער אָפּצושלאָגען די אַטאַקעס. צייטענווייז קוקט עס אפילו אויס ווי מיר דעזערטירען פרייוויליג פון אונזערע פאָזיציעס צום שונא!

איז דאָס אַ פועל־יוצא פון אַלטער־שוואַכקייט? ניין! די לעבענס־פאַקטען דערציילען גאָר אַן אַנדערע געשיכטע. לאָמיר קוקען די פאַקטען אין די אויגען אַריין. ריכטיג, אַז די עלטערע אידען פון פרומען דור לעבען נישט אייביג. אָבער איז עס נישט דאָס זעלבע

אויך מיט די עלטערע נישט-פרומע? איז דאָך דער דור-דורות'דיגער-באַלאַנס אויף אונזער זייט! און די נאָכפאָלגענדיגע דורות באַלאַנסירען דאָך געווים די וואָגשאָל צו אונזער גונסטען! די יונגע גענעראַציעס פון די אַנדערע ריכטונגען זענען דאָך שוין, נישט נאָר אין גדר פון „נישט פרומע אידען", נאָר זיי זענען שוין ווייט פון אידישקייט כמטחוי קשת. זייער לעבען ווערט דאָך אויסגעפילט פון קענדי-סטאָר, באַר, טעלעוויזשאָן און ספּאָרט. אונזער יוגענט, דאַגעגען, איז אַ באַוואוסטזיניגע אידישע יוגענט. אונזערע בני-הנעורים זענען פּאָטענציאָנעל כחצים ביד גבור. די ישיבות האָבען אין זיי אַריינגעבלאָזען אַ נשמת חיים פון תורה און יראת שמים, און זייער צאָל איז דאָך נישט קליין. די אַלע בני הישיבות, דורך די אַלע יאָרען פון דער עקזיסטענץ פון ישיבות, גרייכען אין די צענדליגער טויזענטער. אַ גראַנדיעזע תורה-באַוואוסטזיניגע אידישע מחנה, כן ירבו!

יאָ, גרוים אין צאָל, אָבער נישטיג אין איינפלוס אויפ'ן אידישען לעבען! פון די „אלף נכנסים לחדר" זעט מען נאָר דעם איינעם פון די טויזענט וואָס פאַרמאָגט די פעאיגקייטען, און וויל ווערען אַ מנהיג ביי אידען. אָבער די 999 ישיבה-תלמידים ווערען עפּעס אויף אַ מיסטעריעזען אופן פאַרשוואונדען פון עפענטליכען רעליגיעז-אידישען לעבען.

וואו געפינען זיי זיך? אין די שוהלען, און אין די רעליזיעזע אידישע אָרגאַניזאַציעס זעט מען זיי נישט! איז וואו זענען די אַלע גראַדואירטע ישיבה-תלמידים פון די אַלע יאָרען, פון די אַלע ישיבות? זיי מוזען דאָך ערגעץ זיין! אדרבא: הייליגע ישיבות — מתיבתא תורה ודעת, מתיבתא תפארת ירושלים, מתיבתא ר' חיים בערלין, טעלזער ישיבה, ישיבת ר' חיים יוסף, ישיבת ר' יעקב יוסף — נעמט אַ סטאַטיסטיק פון אַלע אייערע תלמידים, און זאָגט אונז: אין וועלכע שוהלען זיי דאַווענען. וואו זענען אייערע טויזענטער גראַדואירטע תלמידים? צו צוויי פון זיי אין אַ שוהל, וואָלטען זיי זיכער באַהערשט די קהילה. דער עולם וואָלט צו זיי אַרויפגעקוקט מיט דרך-ארץ, און זיי אָפּגעגעבען אַלע פּרעזידענט-אַמטען און זיך צוגעהערט צו זייער וואָרט.

הרב קאָטלער, הרב פיינשטיין, הרב הוטנער, הרב רודערמאַן — אפשר זענט איר די שולדיגע, וואָס אייערע געוועזענע תלמידים

זענען פארשטעקט אין די ווינקלען, אין די קלייזלעך שטיבלעך און מנינים? איז עס נישט אמאל די אלטע קרענק אונזערע: „אמר ר׳ יוחנן: ענוותנותו של ר׳ זכרי׳ בן אבקילס החריבה את ביתנו ושרפה את היכלנו והגליתנו מארצנו!...” פלאנצט איר נישט אמאל איין אין אייערע תלמידים אט די איבערטריבענע ענוותנות, זאגענדיג צו זיי, אז אין די שוהלען איז נישטא דער ישיבה׳שער דאווענען... מען באלמוטשעט צופיל מיט׳ן דאווענען און עס בלייבט ווייניג צייט צו לערנען... איך פרעג אייך: זענען די אמאליגע ישיבה׳שע יונגעלייט אוועק פון די שטאטישע בתי־מדרשים, אדער זיי האבען געהאט זייערע קביעות עתים לתורה אין אלגעמיינעם בית־מדרש? און אויף זיי קוקענדיג האבען אויך די פשוט׳ע בעלי־בתים זיך מתקנא געווען און קובע געווען עתים לתורה, און א רב פון אזעלכע יונגעלייט און בעלי־בתים האט דאך שוין ממילא געמוזט זיין דער אמת׳ער גדול־בתורה.

דער כבוש־הקהלות איז אין אונזערע הענט. מיר האבען דעם אידעאלסטען מענשען־מאטעריאל, וואס קיין אנדער ריכטונג אין אידישען לעבען פארמאגט עס נישט. אלעס וואס מיר דארפען איז — אויסצונוצען עס פאר אונז. עס איז הימעל־שרייענד דער סקאנדאל פון איבערלאזען אויף הפקר די שוהלען און די ארגאניזאציעס אין פרעמדע הענט, פרעמד צו תורה און יראת שמים, און פונדערוויטענס — פארלאנגען פון זיי: מחיצות, כשר׳ע־קיכען, תורה׳דיג־געשטימטע טשאפלעינס, שטיצען ישיבות אויף א בכבוד׳יגען אופן, און אליין דאווענען א ישיבה׳שען דאווענען אין א קלייזעל...

דער גאנצער מצב היהדות דא, אין אמעריקע, ליגט אין אונזערע אייגענע הענט, אדער בעסער געזאגט, אין די הענט פון אונזערע ראשי־ישיבות, וועלכע מוזען זיך דעצידירען אוועקצוגיין פון דעם „ענוותנותו של ר׳ זכרי׳ בן אבקילס”, און ארויפגיין אויפ׳ן ברייטען שליאך פון כלל־אידישקייט. מען מוז ווידמען געציילטע עטליכע מוסר־שמועסען צו פראפאגאנדירען דעם הייליגען געדאנק פון „בתוך עמי אנוכי יושבת”... אז די יונגעלייט, וואס ווילען זיך נישט פארנעמען מיט רבנות, זאלען דאווענען אין די גרויסע שוהלען און מחזק זיין זייערע חברים רבנים אין אלע געביטען פון אידישקייט.

מיר האָבען די בעסטע שאַנסען פון אַ איידעלען, תורה'דיגען כבוש-הקהלות אויפ'ן גאַנצען אידישען פראָנט, אין אַ גאַנץ קורצער צייט, אין אַ שטימונג פון האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען, ווייל: „אמר רשב"ל, אומה זו כגפן נמשלה. זמורות שבה אלו בעלי-בתים; אשכולות שבה, אלו תלמידי-חכמים: עלין שבה, אלו עמי הארץ; קנוקנות שבה, אלו ריקנים שבישראל. והיינו דשלחו מתם, ליבעי רחמים איתכליא על עליא, דאילמלא עליא לא מתקיימין איתכליא". (חולין, ד' צ"ב.)

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", תשון, תשט"ז.

לערנען און לייענען

לערנען תורה און לייענען צייטונגען אָדער ביכער, זיינען אָנגענומענע אידיאָמען אין דער אידישער פאָלקס־שפּראַך.

וויפיל עס זאָלען זיך ניט קליגלען די וועלטליכע אידישע שרייבער און ראַדיאָ־אַנאָנסערס, צו זאָגען אַז: „איצט וועלען מיר לערנען דעם ספר שלום־עליכם", וועט עס זיי ניט העלפען. ביים פאָלק האָבען זיי אַ פּנים פון חוזק. לערנען, לערענט מען תורה: אַ פּרשה חומש, אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא. אָבער „שלום עליכם" לערענט מען ניט, נאָר מ'לייענט. די אידיאָמאַטישע באַגריפען זיינען טיף איינגעוואָרצעלטע אין דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין. מ'לייענט אַ מאָל אַ צייטונג, מ'לייענט אַמאָל אַ ביכעל, אָבער דאָס איז ניט געלערענט. צווישען לערנען און לייענען איז אַ גרעסערער מרחק ווי פון מזרח צו מערב, און אַ טיפערער אָפּגרונט ווי פון הימעל צו ערד. עס איז אין דער בחינה פון ולא קרב זה אל זה. עס איז דער גרויסער להבדיל פון קודש לחול, אויפ'ן בעסטען אופן.

אַן אומגליקלעכער, נאַאיווער איגנאָראַנט, אָדער אַ בייזוויליגער מומר להכעיס איז דער וואָס וויל אַראָפּפירען זיין פאָלק פון זיינע דורות'דיגע פאַרהייליגטע באַגריפען, און ער ברענגט אַריין אַ ווירוואַר און אַ צעמישעניש אין די מוחות פון נאַאיווע אומבאַהאָלפענע תמימות'דיגע פאָלקס־מענשען.

עס איז ניט אין אַ קליינער מאָס צו פאַרדאַנקען אָט די תועים ומתעים, די טראַגיש־קאָמישע שבת יום טוב'דיגע סצענקעלעך, פון פשוט'ע אידען גייענדיג אין שוהל און פון שוהל מיט אַ שבת יום טוב'דיגע קנאַקעדיגע צייטונג וואָס ער האָט איצט געקויפט טאַקע אום שבת יום טוב! עס וואָלט געוועזן קאָמיש דער מישמאַש פון ושמרו בני ישראל את השבת מיט דער שבת'דיגער צייטונג, ווען עס וואָלט ניט געוועזן אַזוי טראַגיש. און די טראַגעדיע איז אַ פילפאַכיגע. עס איז דמו ודם זרעותיו תלויים בו. דעם שוהל איד'ס קינדער וועלען זיך שוין אין קיין אידישע שוהל ניט באַווייזען. און פאַראיינוועגס זאָלען די אידישע שרייבער אויך פאַרשטיין, אַז דעם

איד׳ם קינדער וועלען שוין קיין אידישע צייטונג קיינמאָל ניט לייענען. מיט דעם איד, וואָס זיי האָבען געהאָלפען אים אַראָפּפירען פון אמת׳דיגען אידישען וועג, ענדיגט זיך דער לעצטער אידישער צייטונגס-מאַהיקאַנער. עס איז בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל. זאָלען זיי אַ קוק טאָן אויף זייער יערלעכען צייטונגס-טיראַזש אָפּפאַל און פאַרשטיין וואָס פאַר אַן אומגליק זיי האָבען געברענגט פאַר ישראל בכלל און פאַר זיך אַליין בפרט...

אָבער ניט מיט זינד-רעכענונגען ווערט אַ סיטואַציע אויס-געבעסערט. דער שולדיג, יענער שולדיג. מיר זיינען אַלע שולדיג. לאָמיר בעסער פאַרשווענדען אונזער ענערגיע אויף אריינברענגען קלאָרקייט. איין טראָפּעלע ליכט וועט שוין ממילא פאַרטרייבען אַ סך פון דער פינצטערניש. לאָמיר בעסער קלאָר מאַכען פאַר זיך און פאַר אַנדערע דעם גאַנצען באַגריף פון לערנען און לייענען. לאָמיר אָנפאַנגען פון אָנפאַנג, טאַקע פון בראשית.

חז״ל זאָגען אויף סוכות — **ראשון לחשבון עוונות.** אלול און סליחות, ראש השנה און יום כיפור טוט מען תשובה, מ׳קלאַפּט זיך על חטא. ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך. פיין, גוט. פאַרגעבען, פאַרגעסען. נו, און וואָס ווייטער? ! זאָגט דער ווילנער גאון זצ״ל אויף ולפני מי את עתיד ליתן דין וחשבון. דין איז אויף דעם וואָס מ׳האָט געטאָן אַן עבירה. אָבער נאָך אַנגסטלעכער איז דער חשבון פאַר זיך און פאַר קינדער און קינדס-קינדער, פאַר די זאַכען וואָס מ׳האָט געקענט טאָן אין דער צייט פון דער עבירה...

אין דער צייט פון לייענען, האָט מען דאָך געקענט לערנען!

טאַקע פון בראשית, און בראשית אַליין. בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. ווי ליכטיג עס ווערט אין מוח! ווי וואַרעם עס ווערט אויף דער נשמה אָפּלערנענדיג דעם איינעם פּסוק. אויס טומלעניש, אויס תהו ובהו. אַלץ איז קלאָר. ס׳איז דאָ אַ ג־ט אויף דער וועלט. ג־ט האָט באַשאַפען הימעל און ערד. ג־ט האָט מיך באַשאַפען. מיין לעבן האָט אַ זין! ג־ט איז מיין באַשעפער, ג־ט איז מיט מיר! ד׳ רעי לא אחסר. ווי גוט עס איז מיר! איין פּסוק חומש געלערענט, און עס איז מיר אַזוי וואַרעם אין אַלע מיינע אברים! הימעל און ערד האָבען זיך אַנטפּלעקט.

און פון בריאת שמים וארץ צו בריאת האדם, צום מענש באשאף. שטעל זיך אָפּ מענש פאַר די הערלעכע פּאַנאַראַמע וואָס שפּרייט זיך אוים פאַר דיר. ויברא אלקים את האדם בצלמו, בצלם אלקים ברא אתו! ווי גרוים, ווי הייליג גרוים איז די ג־ט׳לעכע געשטאַלט! ווי קען מען גאַר וואַגען אויפהויבען אַ האַנט געגען די ג־ט׳לעכע געשטאַלט וואָס הייסט מענש? מלאכים זיינען דאָך באַצוי־בערט פון אים. מלאכי מעלה ווילען דאָך פאַר אים זינגען שירה. די מלאכי השרת ווילען דאָך פאַר אים שפּרינגען קדוש. אייגענאַרטיג און איינציג איז דאָך דער מענש בשמים ממעל תחת כסא הכבוד ובארץ מתחת. ותחסרהו מאלקים! וויפיל אהבת הבריות און אהבת ישראל ווערען איינגעפלאַנצט אין די הייליגע מאָמענטען פון לערנען דעם איינעם פסוק וועגען בריאת האדם.

און פון די ערשטע פרשה חומש צו די ערשטע משנה פון תלמוד.

זעצט זיך אַ איד לערנען אַ פרק משניות. מאמתי קורין שמע בערבית, משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן. יאָ, נאָכאַמאָל. לאָמיר בעסער פאַרשטיין. דער טאָג הויבט זיך טאָקע אָן אינדערפרי. דער שלחן ערוך אורח חיים פאַנגט זיך טאָקע אָן מיט דער אויפפירונג פון מענש אין פרימאָרגען. אָבער קבלת עול מלכות שמים נעמט מען אויף זיך אַ פריווילעגיע — בערבית. ווען די פינצטערניש נעמט איינהילען די ערד.

מאימתי. פון אימה. ווען די גאַנצע נאַטור ווערט פאַרוויקעלט אין אַן אימה׳דיגע אַטמאָספערע מיט׳ן צופאַלען פון אָוונט, איז גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי. אויך אין טאָל פון פינצטערניש און נאַכטיגע טויטקייט באַהערשט מיך ניט די שרעק פון שלעכטס. ווייל דו, גרויסער ג־ט, ביסט דאָך מיט מיר. יאָ, איך נעם זיך אָן פריידיג דעם עול מלכות שמים!... איך פאַנטאַזיר זיך אויך, ביי די פאַר ווערטער פון די ערשטע משנה פון משניות, מלכות שמים אויף די וועלט. ונתתי משכני בתוככם, שטייט פאַר מיינע אויגען אין זיין גאַנצע פּראַכט און גלאַנץ.

איך זע דעם בית המקדש אין זיין גלאָררייכע הייליגקייט און די כהנים ביי זייער עבודה. טהורים וקדושים זיינען זיי אָן דעם מינדעסטען, גייסטיגען אָדער קערפּערלעכען פגם. ביי די מינדעסטע

פגימה׳לע אין זייער ריינקייט און הייליגקייט איז — וטמא עד הערב. און דאַן איז נכנסים לאכול בתרומתן. בתרומתן? זייער תרומה? יאָ, מיר גיבען זיי תרומה. מיר האַלטען אויף דעם ג-ט׳לעכען שטאַם. מיר באַפרייען זיי פון אַלע ערדישע דאגות אזוי, אַז זיי זאָלען זיך קענען אויפהויבען צו די העכסטע מדרגה פון מלאך ד׳ צבאות. מיר גיבען — אָבער מיר שטעלען ניט אָן די שטאָלצע פאָזע פון געבערס. מיר נעמען פון ג-ט׳ס שבט מער, א סך מער, פון וויפיל מיר געבען. מיר שעפּען דעם רוח ד׳ צבאות דורך די מענשלעכע מלאכי ד׳ צבאות, אין פולע הויפּענס. תרומתן, ס׳איז זייער תרומה. איך דאַנק ג-ט פאַר די פּריווילעגיע צו קענען געבען די הייליגע פירער זייער כשר פאַרדינטע תרומה. אוי, בענקט זיך נאָך די צייט. און, אוי, ווי עס גלוסט זיך צו זען מיט די אייגענע אויגען שיבנה בית המקדש במהרה בימינו. עס איז דאָך ממש כלות הנפש. צמאה נפשי אל ד׳! די אַלע אויפּרודערענדע, ברויזענדע געפילען גייען געפּאַרט מיט׳ן ותן חלקנו בתורתך. איין פּסוק חומש, איין זאַץ פון איין משנה פון אונזער אייביגע תורה שבעל פה פילען אוים אונזערע אַלע חושים, פאַרכישופ׳ען, גיבען געגוגענדען שטאָף צום דענקען. באַרואיגען די נערווען מיט דער טיף דורכגעלעבטער איבערוועקסלונג פון די בייטאָגענדיגע זאָרגן.

אָבער — זה לעומת זה. קומט אַ צווייטער איד. אַ איד? נאָך מער ווי אַ איד. אַ איד-ישיסט! אַ איד מיט אַ צולייגעכטס. בשעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן, קומט ער אויך אַהיים עסען. אַ פאַרמאַטערטער פון אַ גאַנצען טאָג אָנגעשטרענגטע אַרבעט, פאַרטיפט ער זיך, נאָכ׳ן עסען, מיט גרוים אייפער, אין דער אידישער פּרעסע. ער לייענט די נייעס. ער ווייסט שוין גאַנץ באַשטימט, אַז מ׳ווייסט ניט צי די ענגלישע פּרינצעסין וועט חתונה האָבען מיט׳ן פּערציג יעריגען גרוש מיט די צוויי קינדער. ער האָט שוין איבער־געלייענט אַלע ראָמאַנען. אַ צערייצטער פון דעגענערירטער תאוה פּיקציע, אַ צעטומעלטער פון די מכלומר׳שטע באַלערנדע אַרטיקלען פון יאָ רעליגיע, אָבער ניט די אָנגענומענע טראַדיציאָנעלע אמונה, נאָר עפּעס אַ האַרץ-רעליגיע; אַ מכלומר׳שטע אהבת ישראל רעליגיע; אפילו אָן אַרבעטער-רינג טראַדיציאָנעלע דערציאונג און רעליגיע.

מיט גרוים רוגזא וואַרפט ער אַרוים די צייטונגען אין מיסט קאַסטען, זעצט זיך שוין ברייטלעך אַוועק אין וויגשטול, און מעשה

אידישיסטער אינטעליגענט נעמט ער זיך אַ קלאַסיש בוך פון דער אידישער ליטעראַטור. פריער דעם „זיידען”... ניין, דער זיידע געפעלט אים ניט. אַ זיידע דאַרף עפּעס זיין ערנסט, קלוג. אַ זיידע דאַרף ניט אַפּלאַכען און נאָך מיט אַ גאַליגען געלעכטער. אַ זיידע דאַרף שרייבען און רעדען פון לייטישע מענשען, ניט פון עפּעס אַ פּישקע דער קרומער און נאָך אַזעלכע שלים־מזל׳דיגע אומגעלומפּערטע העלדען. אין וועלכע רינשטאָקען איז עס דער „זיידע” געלעגען? קוקט עפּעס אויס, אַז דאָס איז פון די ריכטיגע „זיידעס” וואָס וואַלגערען זיך אויס אין אַלע הקדשים, און חבר׳ט זיך מיט אַלע געזונקענע ברואים. און דער זיידע זאָל עס זיין מיין גייסטיגער רבי און וועגווייזער?...

ער וועט שוין נעמען פּרצ׳ן, דעם עקזאַלטירטען באַזינגער פון חסידות, „אויב ניט נאָך העכער”... מיט אים וועט ער זיך אויך אויפהויבען אין די העכערע נשמה׳דיגע וועלטען. עס ווילט זיך אַזוי זיך אויפהויבען און ריינוואַשען זיך פון די טעגלעכע בלאָטע וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַזוי דיק אויף זיין גייסטיגען וועזען. אָבער, וואָס טוט זיך דאָ? פּרץ, דער חסיד, איז דאָך גאָר אַן אָפּלאַכער פון חסידות! ווער האָט דאָס איינגעשמועסט פּרצ׳ן, דעם הונדערט פּראָצענטיגען חלב׳דיגען אפיקורס, אַלס באַוואונדערער פון חסידים און חסידות?

נו, מ׳וועט שוין בעסער נעמען די שירים פון נאַציאָנאַלען דיכטער, דעם גרעסטען, דעם סאַמע גרעסטען מימות ר׳... דער זאַמלער, ליבהאָבער פון אגדות חז״ל. דער בית מדרש דענקער. די טיף פילענדע הארץ וואָס ברעכט זיך און קאָרטשעט זיך פון צרות ישראל. אָבער ווייטער געפינט זיך דער אידישער אינטעלעקט אַן אָפּגענאַרטער. דער גרויסער, גאָר גרויסער, איז גאָר אַ גרויסער פיינשמעקער. ער שטייט נאָר „על ספף” בית המדרש. אין בית מדרש גייט ער גאָר ניט אַריין. ס׳איז שימעל, שפּינוועבס, אָפּגעלעבט. דעם מתמיד באַדויערט ער מער ווי ער באַוואונדערט אים. און אויף וועמען וואַרפט זיך עס דער גרויסער דיכטער אין עיר ההרגה? ממה נפשך, גלויבט ער ניט אין בורא עולם. איז צו וועמען טענה׳ט ער? גלויבט ער יאָ — איז אויף וועמען וואַרפט ער זיך מיט אַזאַ ווילדען כעס? ווי ווערט ער ניט דערציטערט, ווי פאַלט ניט אַרויס די פען פון זיין האַנט איידער

ער דערוועגט זיך צו שרייבען אזעלכע חרופים וגדופים. ווי דערוואגט זיך א נברא צו זיין אזוי פרעך געגען זיין בורא?

א צעבראכענער הויבט זיך אויף פון זיין וויגשטול דער אידישיסטער לייענער! אין דער זעלבער צייט הויבט זיך אויף פון זיין שטול דער לערנער פון דף יומי א גליקלעכער און צופרידענער. ברוך השם, דער טאג ווי דער טאג. אבער די פאר בייגאכטיגע שעה'ן פארברענגענדיג אין לערנען גיט אים באפרידיגונג. כי הם חיינו ואורך ימינו. נאר הלוואי קען מען זוכה זיין צו א ביסעלע מערער לערנען. ובהם נהגה יומם ולילה.

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט", חשון, תשט"ז.

דאס ספר זוהר-תורה

די איצטיגע ערשיינונג, אין דער צווייטער אויפלאַגע, פון זוהר-הקדוש, באַגלייט מיט אַן איבערזעצונג, ביי דער זייט, אין לשון-קודש — פון הגאון המקובל ר' יודל ראָזענבערג זצ"ל, דורך זיין איייניקעל ר' צבי יצחק גלאס — ברענגט ארויף אויפ'ן זכרון דעם הייליגען וכוח פון אַ דור צוריק, אויב מען דאַרף און אויב מען מעג איבערזעצען דעם זוהר אויף לשון-קודש.

ר' יודל ראָזענבערג זצ"ל איז צוגעטראָטען צו זיין הייליגער לעבענס-אויפגאַבע בדחילו ורחימו. ער האָט זיינע ספקות אויס-געלייגט פאַר דעם גרויסען ספרד'ישען גאון ר' חיים חזקיאו מדיני זצ"ל. פון איין זייט איז עס ביי אים געווען אַ לעבענס-טרוים אריינ-צוברענגען דעם לימוד פון זוהר-הקדוש אין טעגליכען גייסטיגען לעבען, אויך, פון דעם פשוט'ען איד, און פאַרווירקליכען דערמיט נאָך אין געגענווערטיגען דור, די הייליגע נבואה'שע ווערטער פון אליהו הנביא צום תנא אלקי ר' שמעון בן יוחאי: ..."דאתגליא לתתאי בסוף יומיא", אַז דער לימוד פון זוהר-הקדוש וועט ווערען פאַרשפרייט אין דער פאַר-משיח-תקופה. ר' יודעל'ן האָט זיך זעהר געוואָלט האָבען אַ חלק אין מקרב זיין ביאת המשיח, דורך העלפען פאַרשפרייטען דעם לימוד-הזוהר. מיט דעם איבערטראָגען פון דעם זוהר פון זיין שווערע ארמ'עאישע שפראַך, וועלכע איז ביז היינטיגען טאָג נישט צוגענגליך צום דורכשניטליכען איד, אויף אַ לייכטען לשון-קודש'דיגען סטיל, האָט ער געוואָלט צוטראָגען זיין ציגעל צו דעם אימפּאַזאַנטען באחרית-הימים'דיגען בנין.

פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָט אים ארומגענומען אַ חרדת-קודש: ווער ווייסט, אויב מען מעג מגלה זיין סודות-התורה ברבים? מיט דער לייכטער לשון-קודש'דיגער איבערזעצונג ווערט דאָך דער זוהר-הקדוש, דער גרונד-שטיין פון דער גאַנצער חכמת-הקבלה האלוקית, ארויסגעטראָגען אין רשות-הרבים!...

ר' יודל ראַנגעלט זיך ביי דער פראַגע צווישען יאָ און ניין. ער פרעגט זיך אין זיין „במסתרים", ווי עס שטימען די ביידע אויפפאַסונגען, מען טאָר נישט מגלה זיין, און — עס וועט נתגלה ווערען?!

ער באַשליסט פאַרצולייגען זיינע ספקות פאַר דעם גרויסען מקובל און גאון, דעם חח"ם און ער באַרואיגט אים. ער ערמוטיגט אים און הייסט אים אָנגיין מיט זיין הייליגע אויפגאַבע. און אַזוי איז צושטאַנד-געקומען דאָס אויפגייענדע ליכט פון לימוד-הזוהר אין דעם פאַרשטענדליכען, לייכטען לשון-הקודש.

לכבוד דער נייער אויפלאַגע, דורך זיין אייניקל ר' צבי יצחק גלאַס נ"י, ווילט זיך אַרויסזאָגען אַ נייעם געדאַנק, וואָס קלערט אויף אין פשוט'ע ווערטער די אויבענדערמאָנטע קאָנטראַדיקציע:

דער „שלא לגלות סודות-התורה" איז דאָך אין איינשטימיגקייט מיט דער אַלט-אַלטער שבועה וואָס מיינט גאַר הויפּטזעכליך אַ גאַנץ אַנדערען קלאַס מענשען: — „שש שבועות הללו למה? תלתא הני דאמרן". די אור-אַלטע האַרבע זעקס שבועות, וועלכע זענען איינגעוויקעלט אין די דריי: „השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה"... באַשטייען פון די פריערדיגע דריי שבועות, וועלכע זענען גאַנץ צייטליכע... נישט צו פאַרנעמען ארץ ישראל „בחומה, ביד חזקה..." נישט צו רעוואָלטירען געגען די פעלקער, און אַ שבועה אויך צו די פעלקער פון דער וועלט, זיי זאָלען נישט פייניגען צו שטאַרק די אידען... „אינך — שלא יגלו את הקץ, ושלא ירחקו, (אָדער, ידחקו) את הקץ, ושלא יגלו הסוד לעובדי כוכבים". קאָמענטירט אויף דעם רש"י זצ"ל (מס' כתובות, דף קי"א) — „סוד טעמי התורה".

אָט דאָס איז די לעצטע שבועה: נישט אַרויסצוגעבען די סודות פון די טעמי-התורה צו די גויים. משפטים בל ידעום! איידעלע מאַטעריע מוז זאָרגפעלטיג איבערגעגעבען ווערען נאָר אין איידעלע הענט. געווען האָבען זיי פאַרקרימט און פאַרקריפּעלט די תורה הקדושה מיט זייער ביבעל-קריטיק!... דערלאָזט-זשע נישט בשום אופן די חכמת-הקבלה העליונה אַריינצופאַלען אין גוי'אישע הענט! זייערע דיכטער דראַפּען זיך אין זייערע מיסטישע זוכונגען אויף די גלייכע ווענט. אָבער צום זוהר-הקדוש, צוליב זיין אַרמ'עאישע שפּראַך, האָבען זיי זיך נישט געקענט צורירען. און, עבר זמנו — בטל... יעצט וועלען זיי זיך שוין נישט כאַפּען צום פאַרגעסענעם זוהר. און אַזוי איז דער זוהר געבליבען: קדוש! אין זיין גאַנצער אומבאַפלעקטער

הייליגקייט איז ער געבליבען פאַר אונז אידען צו לערנען אין הייליגקייט.

איצט, ווען דער קץ־הימין, איז שוין דערנענטערט, איז עס אַ סייעתא דשמיא דער וואונדערבאַרער אויפטו פון הגאון המקובל ר׳ יהודה ראָזענבערג זצ״ל. זיין זוהר איבערזעצונג אין לשון־הקודש, מיט דעם אַרמ׳עאישען אָריגינאַל ביי דער זייט, און דעם זעלטענעם פירוש „זיו־הזוהר״, וועלכער דערקלערט אין קורץ־געפאַסטע זאַצען די שווערע ערטער פון זוהר — ערמעגליכט טאַקע די נבואה: „וספר זה עתיד להתגלות בימי מלכא משיחא, כדי ליתן סעד לשכינה״. בפה מלא און מיט אַ האַרץ פול מיט דאַנקבאַרקייט זאָגען מיר צו אייך, טייערער פריינד, ר׳ צבי יצחק גלאַס:

יישר כוחכם, וחילך לאורייתא!

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען״, דעצעמבער, 1955.

אן אומגעבעטענער אפּוטרופּוס

(צו דער פראַגע פון ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים און אָרטאָדאָקסישע טשאַפּליינס).

זונטאָג, דעם 13טען נאָוועמבער, האָט דער „טאָג-מאָרגען־זשורנאַל" זוכה געווען צו קריגען צוויי לענגערע בריוו, פון צוויי באַרימטע פיגורען אין דער קאָנסערוואַטיווער וועלט, געשריבען אין אַ שיינעם ליטעראַרישען אידיש וועגען „אידישע" טשעפּליינס אין די שטאַטישע שפּיטאָלען...

עס איז, לאו בכל יומא איתרחיש ניסא, און אַז עס האָט שוין געטראָפען דער נס, און פירענדע קאָנסערוואַטיווע ראַביים האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט פון זייער הויכען פעדעסטאַל צו לייענען אַ אידישע צייטונג (מסתמא, בחדרי חדרים...) און נאָך באַוויליגט צו רעאַגירען און טאַקע אין אַ שיינעם אידיש (מסתמא, דורך אַ „גאָוסט" שרייבער...) איז כדאי זיך אָפּצושטעלען דערויף גענויער.

לאָמיר אָנהויבען פריער פון דעם לעצטען זאַץ. ענדע גוט, איז דאָך אַלעס גוט. „איך דענק", פאַרענדיגט ראַביי לעווענטאַל זיין לענגערען בריוו, **„אַז דאָ איז געמאַכט געוואָרען אַ פאַרמעסט צו פאַר־כאַפּען די מאַכט אין אַן ענין, אין וועלכען ס'מוז זיין יושר און אָביעקטיוויטעט. איך וויל אייך פאַרזיכערען, אַז אויב איר וועט גענוי באַטראַכטען אַלע פאַקטען, וועט איר דאַן זען ווי אָנשטענדיג און ערענהאַפט די ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים האָט געהאַנדעלט אין דעם גאַנצען ענין".**

טאָ לאָמיר טאַקע גענוי באַטראַכטען אַלע פאַקטען און זען, ווי אָנשטענדיג און ערענהאַפט די באָרד אָוו ראַביים האָט געהאַנדעלט — און האַנדעלט אין דעם ענין.

איך ווייס ניט, ווער עס הייסט אַן אָרטאָדאָקסישער רב, לויט דער אויפפאַסונג פון קאָנסערוואַטיווע ראַביים „אָביעקטיווע" אָפּ־שאַצונג. אָבער, יעדער וועט דאָך מודה זיין, אַז די 700, לייען זיבען

הונדערט, אָרטאָדאָקסישע רבנים וואָס באַלאַנגען צו דער „אגודת הרבנים", זיינען אָרטאָדאָקסישע רבנים, כאָטש די פּאָר אָרטאָדאָקסישע רבנים, מיט וועלכע דער ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים צאַצקעט זיך אַזוי זיינען דאָרט ניט קיין חברים... און די 7 הונדערט אָרטאָדאָקסישע רבנים זיינען ניט קיין חברים פון דער ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים, וועלכע ציילט 250, לייען צוויי הונדערט און פופציג, חברים, באַשטייענד הויפּטזעכלעך פון די העכסטע רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע ראַביים און נאָר אינדיווידועלע „אָרטאָדאָקסען" לשם באַפּוצונג.

יעדער וועט דאָך אויך מודה זיין, אַז די 300 חברים פון „ועד הרבנים דניו יאָרק רבתי" זיינען אָרטאָדאָקסישע רבנים, כאָטש די פּאָר אָרטאָדאָקסישע רבנים וואָס זיצען אין ניו יאָרק באָרד זיינען דאָרט ניט קיין מיטגלידער. און אויך די 300 זיינען ניט קיין חברים פון דער 250-ער כל הנערים באָרד אָוו ראַביים.

און יעדער וועט דאָך אויך מודה זיין, אַז די 500, לייען פינף הונדערט, חברים פון „איגוד הרבנים", אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע אַמעריקאַנער געבוירענע, פרומע, לומדישע רבנים, זיינען אמת'ע אָרטאָדאָקסישע רבנים. און אויך די 500 זיינען ניט קיין חברים פון דער איבערוועגענדער רעפאָרם-קאָנסערוואַטיווער באָרד אָוו ראַביים.

איז, פרעג איך אייך, חשוב'ער ראַביי, וואו איז דער יושר, אַז די איבער טויזענט אָרטאָדאָקסישע רבנים זאָלען זיך אַזוי ערנידעריגען, און אַזוי פאַרשעמען דעם כבוד התורה, צו שיקען זייער ליסטע צו אייער קאָמיטע באַשטייענד פון אַזעלכע אָרטאָדאָקסישע רבנים, וואָס פאַרטרעטען זיי ניט. קאָנסערוואַטיווע ראַביים זיינען אין איר פאַרטראָטען דורך ראַביי ישראל לעווענטאַל, ראַביי ישראל גאָלדשטיין און ראַביי עלייעס סאָלאָמאָן. פון די רעפאָרם ראַביים איז גענוג צו דערמאָנען ראַביי לואי ניומאַן און ראַביי סעליקסאָן (אויסצוגען פון ראַביי העלער'ס בריוו). אַז די „קאָמיטע וועט באַטראַכטן זייערע קוואַליפיקאַציעס, אויב זייערע קוואַליפיקאַציעס וועלען זיין פּאַסיגע, דאַן וועלען מיר אייניגע פון די דאָזיגע קאַנדידאַטען אַפּוינטען אַלס טשאַפּליינס, הגם זיי זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער באָרד?!

מיר וועלען שוין ניט רעדען וועגען קיין יושר, אָבער, וואו איז פשוט'ע אָנשטענדיגקייט?! דיקטירט עס אזוי אייער דעמאָקראַטישער חוש, אַז אַ לעבעדיגער אָרטאָדאָקסישער ראַבינאַט זאָל זיך אונטערוואַרפען אונטער דעם לייטזעליגען חסד פון אַ זעלבסט-באַשטימטע אָפּגעלעבטע, 75-יאָריגע זקנה וואָס רופט זיך „ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים", און עקזיסטירט אַליין אויפ'ן חסד לאומים, וואָס זי איז **„אָנערקענט פון דער שטאָט אַדמיניסטראַציע אויפ'ן זעלבען אופן, ווי להבדיל,** (ווי קומט צו אייך דער להבדיל?...) **„די קאַטוילישע און די פּראָטעסטאַנטישע קירך פאַר זייערע טשעפּליינס"?!**

און נאָך עפּעס וויל איך אייך פרעגען, חשוב'ער ראַביי, ווי ערלויבט איר זיך צו פארקריפּלען פאַקטען און זאָגען, „אַז דאָ איז געמאַכט געוואָרען אַ פאַרמעסט צו פאַרכאַפּען די מאַכט"? די „בייבעל" קענט איר דאָך. געדענקט איר אַ מעשה וועגען כבשת הרש?!... אַלעס וואָס דער „אָרטאָדאָקסישער טשאַפּליין באָרד" פאַרלאַנגט איז דאָך נאָר אויפ'ן פּאַריטי-באַזיס, אַז איר זאָלט ניט זיין די זעלבסט-געקרוינטע דיקטאַטאָרס אין אידישען לעבען, פון וועלכען איר זייט ווייט כרחוק מזרח ממערב! מיר גיבען אייך אָפּ מיט ביידע הענט די גאַנצע „מאַכט" צו וואַלטען און שאַלטען אַלע רעפאָרמער און אַלע קאָנסערוואַטיווען. אָבער טשעפּעט זיך שוין אַמאָל אָפּ פון אייער ממשלה אויף די אָרטאָדאָקסישע אידען! לאָזט זיי לעבען זייער אייגענעם לעבען אָן אייער אריינמישונג, און אויך, ביטע זייער, אָן אייערע מסירות צום מעיאָר...

ווען אייערער אַ טשעפּליין באַזוכט אַ האָספּיטאַל, מאַכט ער אויפ'ן אידישען אַלטען, קראַנקען אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווי איר שטעלט זיך פאָר! ווען עס קומט אריין אַן אָרטאָדאָקסישער רב פון טיפּ פון אַ הרב ר' משה ראָזען, פּרעזידיום מיטגליד פון „אגודת הרבנים", אָדער אַ הרב פּייוועליזאָן, מנהל פון דער ועד הרבנים דניו יאָרק רבתי, אָדער אַזאַ פּאַטריאַרכאַלישער טיפּ ווי הרב אשר ניסן לעוויטאַן, אָדער הרב יעקב הכהן מעסקין א. ד. גל., ווערט אַן אויפלעבונג ביי די אידישע קראַנקע. עס איז גאָר קיין אונטערשייד ניט אין וועלכע שפּראַך ער רעדט צום קראַנקען. זיין גלעטען די האַנט פון קראַנקען, גלעט זיין נשמה. זיין ווינשען אים אַ רפואה שלמה, מאַכט אים שוין פילען געזונטער. דער קראַנקער פילט אין

אַלע זיינע רמ״ח אברים די הייליגע אָנוועזענהייט פון זיין אמת־גייסטיגען פירער, צו וועמען ער קוקט אַרויף מיט גרויס יראת הכבוד. ער פילט זיך גליקלעך וואָס דער רב האָט אים באַזוכט אין זיין קראַנקהייט און עלענד, און איז זיכער, אַז דער רב ברענגט אים אַ רפואה שלמה.

ווען אָבער אַ רעפאָרמער צי קאָנסערוואַטיווער ראַביי קומט אַריין, מאַכט ער ניט דעם מינדעסטען, גינסטיגען איינדרוק אויפ׳ן קראַנקען. ער זעט אַ יונג „גלח׳ל״ מיט׳ן גאָלען קאָפּ, פּרעפּלענדיג אַן אָקספאָרד ענגליש אין אַן איינגע׳חזר׳טען אויסגעשטודירטען מאָנאָלאָג לויט אַלע כללים און רעגולאַציעס פון די **„ספּעציעלע קורסן אין פּסיכישער היגיענע און פּסיכאָלאָגיע אין דעם מאָונט סיני האָספּיטאל, וואָס ווערען געגעבען פון ספּעציאַליסטען״... יאָ, „דאָס איז אַ דעליקאַטער ענין״**... אָבער, „זייט מיר מוחל, ביטע״ צו אַזאַ דעליקאַטען ענין ווי די מצוה בקור חולים גייט מען ניט צו מיט אַ פּאַפּוגאַי־אויסגעשטודירטען נוסח ענגליש, על פּי חוקי הפּסיכיאַטרע. דאָס לאָזט איבער צו די דאָקטוירים.

און ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז „די מצוה פון בקור חולים איז ניט קיין ספּעציעלע פונקציע, וואָס נויטיגט זיך אין פאַרשיידענע דינים״? מיינט איר טאַקע, אַז דער חולה, אין זיין ערנסטען צושטאַנד איז גענויגט צו סתם פּלאַפּלעריי און שיין־רעדנעריי, אָדער ער וויל פרעגען דעם רב דעם דין פון אַ חולה ווען ער דאַרף עסען יום כיפּור, אויף וועלכען אופן ער מעג, און אין וועלכע שעורים? דענקט איר, אַז ער וועט האָבען צוטרוי צום רעפאָרם ראַביי וואָס לאַכט אויס דעם קראַנקען, און פאַרזיכערט אים, אַז ביי אים אין טעמפּעל דערקלערט מען אַ פּויזע פון 2 שעה אויף צו גיין עסען מיטאָג?! און וואָס טוט דער קאָנסערוואַטיווער ראַביי־טשעפּליין, ווען דער קראַנקער פרעגט אים אַ שאלה, צי די כשר׳ע עסענס, וועלכע מ׳ברענגט היינט אַריין אין אַנדערע האָספּיטאלס צו די, וועלכע פאָדערען כשר עסען, זיינען נאָך אַלץ כשר ווען מ׳וואַרעמט זיי אין האָספּיטאל? ווען מ׳לייגט דעם עסען אין זייערע כלים? וועגען בשר שנתעלם מן העין? וועגען מילכיגס און פליישיגס? וועגען זאַלצלאָזע דיעטע בנוגע מליחת הבשר? און טויזענטער אַנדערע פראַגען וועלכע דעם קראַנקען, מער ווי דעם געזונטען, מאַטערען מורא׳דיג. וועט דער קראַנקער איד שענקען

זיין צוטרוי צום ראַביי וואָס איז ניט מקפיד אויף בשר־העם סענדוויטש צו פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז מילך, אַבי ער דערציילט עס אים לאַכעדיג אין אַ שיינעם ענגליש?

איר זאָגט אונז „איבעריגענס דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז זיין אַ טשעפּלעין איז עפּעס מער ווי בלויז 'פרומקייט', אַ טשעפּלעין דאַרף קענען רעדען ענגליש. פרעג איך אייך: איז וואָס דאַרף מען עפּעס דווקא זיין באַטיטעלט מיט'ן נאָמען ראַביי? מיין הויז־וועכטער קען אויך רעדען ענגליש, און ער קען אויך נעמען דעם גרויסען קורס אין דעם מאָונט סיני האָספּיטאַל, און אַ העם־סענדוויטש עסט ער ניט ערגער ווי דער גרעסטער רעפאָרם־ראַביי, און לערנען קענען זיי ביידע אין דערזעלבער מאָס! נאָר חוץ פרעגען, וויל איך אייך זאָגען, אין אייער נוסח: איבעריגענס דאַרפט איר פאַרשטיין — אַז די מלאכה פון ענגליש קענען אונזערע רבנים אַ סך בעסער פון אַ סך פון אייערע דייטשמערישע דאָקטאָר־ראַבינערס, וועלכע רופען ארוים חוזק ביי די האָספּיטאַל־אַנגעשטעלטע מיט זייער דייטשמערישען אַקצענט. אייער 75־יאָריגע זקנה איז אָפּגעשלאָפען אַ ריפּ־וואַן־ווינקעל שלאָף (חוני המעגל איז אפשר צו שווער פאַר אייך). איר ווייסט ניט, אַז אין די „אגודת הרבנים" זיינען דאָ הונדערטער חברים אַמעריקאַנער געבוירענע. איר זייט געשלאָפען, און פאַרשלאָפען צו זען די אויפבליאונג פון „איגוד הרבנים" מיט אירע 500 בלויז אַמעריקאַנער געבוירענע, אַלע אוניווערסיטעט־געענדיגטע, וועלכע לערנען טאַקע גמרא אין אידיש, און לייענען אַ אידישע צייטונג בפרהסיא. אַבער זייער ענגליש — אויף אייערע דייטשמערישע ראַבינערס געזאָגט געוואָרען.

און איצט אַ פּאָר סטייטמענטס וועגען אייערע ביידענס „ראיעלע" סטייטמענטס. „די אָרטאָדאָקסישע גרופּע" — באַשטייט פון דער גאַנצער „אגודת הרבנים", פון „ועד הרבנים דניו יאָרק רבתי" און פון „איגוד הרבנים". אויב אַ „גרופּע", זייט איר דאָס. די צאָל 250, וואָס איך האָב דערמאָנט, איז נאָך ווייט פון אמת! און אויב דער מעיאָר וויים עס נאָך ניט, וועט ער עס מוזען וויסען. אונזער פיר־נומערדיגער קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער כוח וועט מוזען איבערוועגען אייער קלאָגלעכע צאָל אין כמות און אין איכות, זאָגט דעם מעיאָר דעם אמת; צי איז איין איינציגע אָרטאָדאָקסישע רבנ'ישע אָרגאַניזאַציע אַנגעשלאָסען אין אייערע

רייען? און, ביטע, זאָגט אויך ניט קיין ליגען וועגען דעם איידעלען דעפּיוטי־מעיאָר, מר. הענרי עפּשטיין. זיין דאָקומענט פון 9־טען סעפּטעמבער, 1954, גיט אָפיציעלע אָנערקענונג צו דער „אָרטאָדאָקס משעפלענסי באָרד". אמת, ניט צו פארכאַפּען די גאַנצע מאַכט, נאָר אויף א גלייכען באַזיס מיט דער „ניו יאָרקער באָרד אָוו ראַביים". דעם סטייטמענט האָט ער נאָכאַמאָל געמאַכט שוואַרץ אויף ווייס. דער מעיאָר האָט זיך צוריקגעצויגען פון די אָנערקענונג, אין געגנער־שאַפט צו מר. עפּשטיין. און דאָס איצט אין זומער פון 1955. און מסתמא אונטער דעם איינפלוס פון אייערע נאָבעלע אספּיראַציעס אָדער אינסינואַציעס...

דער וואָרט „גרופּע" קומט אייך אויך גוט צונוץ אין דעם סטייטמענט: „די טשעפּליין־אַפּאָינטמענטס זיינען גלייכמעסיג פאַר־טיילט געוואָרען צווישען די אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע גרופּעס". זאָלען מיר אויף אייך לייענען דעם פּסוק „אשר פיהם דבר שוא וימינם ימין שקר"? דער אמת איז, אַז דורך די אַלע יאָרען פון אייער עקזיסטענץ, האָט איר אַפילו קיין איין איינציגען אָרטאָדאָקסישען רב ניט אַפּאָינטעט! און אַזוי איז אויך אמת אייער סטייטמענט, אַז „קיינער האָט עס ניט געטאָן צוליב פּערזענלעכע פּראָפיטען", און אין זעלבען אָטעם „מען רעכענט זיך מיט א קאַנדידאַט וואָס האָט וויניגער פּרנסה". נו, מילא, אַז שוין יאָ פּרנסה! נאָר פאַר אָרעמע ראַביים נעבעך! זאָגט־זשע מיר, כ'בעט אייך, ווער זיינען עס די אָרעמע ראַביים־טשעפּליינס, נעבעך, פון סינג־סינג, בעלוויו, קינגס קאָונטי? טאַקע ראַביים וואָס פאַרדינען, נעבעך, ניט מער ווי 20 טויזענט דאָלאַר א יאָר?!... און פאַר־איינוועגס, זאָגט מיר אויך, פון ווען אָן זיינען „קדיש־זאָגער" ניט אין כלל ישראל, חלילה?!

און וועגען אייער סטייטמענט, אַז „דער אַזוי־גערופענער פּראָטעסט־מיטינג, איז געווען זייער שוואַך באַזוכט" — איז, אָנשטאָט זיצען אין אייער טעמפּעל, ווייט פון די פאָלקס־מאַסען, און הערען „פון באַגלויבטע מענשען", קומט בעסער אַראָפּ צום נעקסטען פּראָטעסט־מיטינג און זעט מיט אייערע אייגענע אויגען די „קדיש־זאָגער" וואָס ווילען שוין מער ניט דולדען אייער אויטאָקראַטישען רעזשים אויף דער אידישער גאַס, וועט איר דאַן זיין מער און

בעסער אינפאָרמירט צי די „אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע וויל האָבען דעם פולען קאָנטראָל און דעה, און דערביי זיך ניט רעכענען מיט די אנדערע גרופּעס" אָדער, אפשר פארקערט, אַז מיר ווילען ניט, אַז איר זאָלט אָנהאַלטען אייער דיסקרימינאַטאָרישע פּאָליסי זיך ניט צו רעכענען מיט קיין אַנדערען. און נאָך אַ פאַראיינוועגס. ביי אייער נעקסטען עסען „קורצא בי מלכא". (פרעגט ביי אייערע „אָרטאָדאָק-סען", וועלען זיי אייך זאָגען דעם פּשט דערפון). זאָגט, זייט-זשע מוחל, דעם מעיאָר, אַז מיר ווילען ניט „אָנשטעלען 3 באַזונדערע אידישע טשעפליינס אין אַ שטאַטישער אינסטיטוציע".

אַלעם וואָס מיר פאַרלאַנגען איז, אַ יושר'דיגע פארטיילונג פון די טשעפלעינסים אויפ'ן יסוד פון גלייכהייט, לפּחות, פאַר די טויזענט ווי פאַר די 200. ושלום על ישראל.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", טבת-שבט, תשט"ז.

די היינטיגע מאדערנע אנוסים

די שטראָף פון אונזער היינטיגער צייט איז דער „קול קורא במדבר". פאַרשווייגען די איבלען פון דעם אידיש-געזעלשאַפטליכען לעבען — איז די אָנגענומענע טאַקטיק פון אונזערע היינטיגע וואָרט-זאָגער, און די דאָזיגע טאַקטיק איז, צו אונזער טיפסטען ווייטאָג, אָנגענומען אויך ביי אונזערע רעליגיעז-גייסטיגע וואָרט-זאָגער.

מען פאַרשווייגט אַלע טענות און פּראָטעסטען, וועלכע ווערען געהערט אויפ׳ן גאַנצען וועלטליכען און רעליגיעזען פראָנט. די נישט-רעליגיעזע צייטונגען מאַכען עס גאָר באַקוועם: זיי לאָזען נישט, אַז וועלכעס עס איז קריטיש-וואָרט זאָל דערזען די ליכטיגע שיין. מען שטעלט אַוועק אַ גרויסען „וועיסט-בעסקעט" (פּאַפּיר-קאָרב), וואו עס איז פאַראַן אַ „באַקוועמער" פּלאַץ פאַר די אויפריכטיג-קריטישע מיינונגען...

זייט די וועלט איז אַ וועלט איז נאָך נישט געווען אַזאַ אַבסאָלוטע דיקטאַטור ווי עס איז די אידישע פּרעסע אין אַמעריקע!

און ווי עס וועלטעלט זיך אויף דער אידישער גאַס, אַזוי רעליגיעזט זיך! אויך אונזערע רעליגיעזע טוער האָבען זיך פאַרשטאָפּט זייערע אויערען מיט וואַטע. מיר קענען ברענגען צענדליגע ביישפּילען. נאָר לאָמיר דאָ באַרירען בלויז איינעם פון זיי:

עס איז געוואָרען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די ראשי-הישיבות אויף דעם שטוינענדען-פאַקט, אַז אין די גרויסע אָרטאָדאָקסי-שע שוהלען זעט מען נישט די קאַדרעס פון די יונגעלייט וואָס זענען דערצויגען געוואָרען אין די ישיבות. די ראשי-הישיבות זענען געוואָרען אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיגונגס-באַנק, פאַרוואָס זיי ערמוטיגען נישט זייערע תלמידים צו פאַרנעמען זייער כשר-פאַרדינטען פּלאַץ אין די אָרטאָדאָקסישע שוהלען, און דורכדעם פאַרמיידען די פאַרקריפּעלטע באַגריפען, וואָס הערשען אין דער אַזוי-גערופענער אָרטאָדאָק-סישער וועלט אין באַצוג צום כאַראַקטער פון אַ מקום-קדוש.

דאָס איז אַ שווערע באַשולדיגונג, איבערהויפּט ווען עס זענען אָנגערופען געוואָרען פּערזאָנען ביי די נעמען. דאַרף מען דאָך לויט

אַלע תורה׳דיגע באַגריפען און דעמאָקראַטישע פּרינציפּען רעאַגירען אויף אַזאַ אָנקלאַגע; ענטוועדער אָפּוואַרפען די פּאָרוואורפען, אָדער נעמען זיך צו פאַרריכטען די לאַגע, — אָבער אויך דאָ הערשט דער פּרינציפּ פון „קול קורא במדבר״! דו רעד וויפיל דו ווילסט, איך אָבער — וועל שווייגען!...

מען שווייגט און מען פאַרשווייגט, און די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג־צו־טאָג. עס איז שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז די רבנים זענען די היינטיגע מאָדערנע אנוסים. זיי זענען מאַראַנען אין פולען זין פון וואָרט. זייערע געפילען וועגען דער ריכטיגער אידישקייט מוזען אונטערדריקט ווערען. דער רב האָט מורא ארויסצוזאָגען זיין מיינונג אין דער עפענטליכקייט, ווייל ער קען דערמיט פאַראורזאַכען אַ שטורם צווישען די אַזוי־גערופענע אָרטאָדאָקסישע אידען, און ער איז דאָך איינער געגען אַ גרויסע צאָל, וועלכע ווערען פאַרפירט דורך דעם שעדליכען איינפלוס פון דער ג־ט׳לאָזער אידישער פּרעסע! וואָלטען זיך געפונען אין דער שוהל וועניגסטענס צוויי ישיבה־דערצויגענע בעלי־בתים, וואָלט דאַן זייער איינפלוס הינטער דער בימה געשטאַרקט דעם רב אויף דער בימה... אָבער אָפּגעהיטען זאָל מען ווערען פון צו זיין אַליין אויפ׳ן שלאַכט־פעלד, און אַזוי טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך און יאָר נאָך יאָר. דער שטאַרקסטער כאַראַקטער קען דאָך צוזאַמען־ברעכען, און דער שענסטער רב מוז ווערען אַ מאַראַן — צוקוקען זיך צו די ערגסטע פאַרשוועכונגען פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, און אָננעמען אַ פול מויל מיט שווייגען...

דער רבנ׳ישער מאַראַן מוז קוקען און שווייגען ווען עס ווערען געמאַכט פאַרשידענע צדקה־אַפּילס, פון וועלכען עס ווערען געשטאַרקט מהרסי ומחריבי הדת. ער מוז שווייגען ווען אַזאַ אַפּיל־שליח קומט יום־כפור פון דער סאָבוועי גלייך אין שוהל אריין — ארויף אויף זיין הייליגע בימה, און פון דער בימה — צוריק צו דער סאָבוועי. עס פּאַסירט, אַז אַ נישט־רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע רופט אָפּ פריער דעם רב, און בעט אים, ער זאָל העלפען דורכפירען דעם אַפּיל. דער רב בעט דאַן איין זאַך: דער אַפּיל־שליח זאָל נישט זיין קיין מחלל שבת בפרהסיא. אָבער ווי אויף להכעיס שיקט מען אים אַ מחלל שבת בפרהסיא, וועלכער קומט אריין אין דער אָרטאָדאָקסישער שוהל מיט צייטונגען אין די הענט און אַלס צולאָג — מיט אַ פּען אין דער

אויבער-קעשענע, און אויך דאן מוז דער רב שווייגען. זאָל ער פּרובירען צו רעדען — וועט מען אים פאַרשרייען אַלס „שונא-ציון"!...

אָבער די זעלבע אָרטאָדאָקסישע שוהל-אידען ענטזאָגען דעם רב'ם פאַרלאַנג צו מאַכען אַן אַפּיל פאַר א תורה'דיגען ערציאונג-אַנשטאַלט, וואָס גייט דאָך פאַר די אייגענע אידישע קינדער אין אַמעריקע! וואָלט דער רב געהאַט אין שוהל אַ צוויי בעלי-בתים געוועזענע ישיבה-לייט, וואָלט ער דאָך מיט זייער הילף געקענט אַלץ אויספירען. נאָר די ישיבה-לייט זענען נישטאָ אין שוהל. זיי דאַווענען ערגיץ אין אַ ישיבה'שען מנין. צו דער זעלבער צייט קומען די ראשי-הישיבות מיט טענות צום רב פאַר אַן אַפּיל. זיי פאַרשטייען נישט, אַז דאָס איז נאָר געמאַטערט דעם אין בלוט-אָפּגייענדען רב! ווען די ראשי-הישיבות זאָלען זיך ווענדען מיט עטליכע וואַרעמע ווערטער צו זייערע דערוואַקסענע תלמידים, אַז זייער פּלאַץ איז אין די גרויסע אָרטאָדאָקסישע שוהלען, וואָלט דאָך דאָס געווען אַ גרויסע הילף סיי פאַר'ן רב און סיי פאַר זיי אַליין, פאַר די ישיבות!

איך וואָלט זעהר שטאַרק געוואָלט, אַז ענדליך זאָלען מיינע איצטיגע ווערטער נישט בלייבען אַ קול קורא במדבר...

*) געדורקט אין „דאָס אידישע לעבען", אדר, תשט"ז.

די נויטיגע פאַרבאַרייטונגען צו פסח

אויך דאָ, אין אַמעריקע, זענען מיר צוגעוואוינט צו די פאַרבערייטונגען צום יום-טוב פסח. וואָכען פריער פאַר פסח פאַנגט זיך שוין אָן דער פסח׳דיגער יריד. הימעל-און ערד און — פסח. אָבער אזוי ווי אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, אויך די פון דעם העכסטען גייסטיגען ווערט, ווערען דאָ פאַרוואַנדעלט אין ריין פיזישע ווערטען, געשעט דאָס זעלבע אויך מיט דעם פסח׳דיגען פּראָבלעם. און נישט אַזוי-פיל מיט דעם פסח-פּראָבלעם גופא, ווי מיט די פאַרברייטונגען צום פסח.

דער פסח אַליין, מיט זיין גאַנצער „קניידעלדיגקייט", קריגט נאָך דאָך אַ הגדה׳אישען צומיש, אָבער די פאַרברייטונגען צום פסח ווערען שוין באַגרעניצט בלויז צו אַ מאַטעריעלער פאַרקערפּערונג, — אין גאַנצען אַנדערש פון אַלטען אידישען באַגריף. אויב אַמאָל איז דער פסח אַליין געווען אַנגעזעהען אויך צוליב זיינע מתנגד׳ישע קניידלעך, זענען אָבער די פאַרבערייטונגען צום פסח געשטאַנען אויף דעם העכסטען גייסטיגען ניוואָ.

שוין וואָכען פאַר פסח און טאָקע נאָך אַ שטיק פאַר פורים, האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען די פאַרבערייטונגען צו פסח — מיט די אַרבע פרשיות. ווייזט אויס, אַז מען קען גאָר-נישט אַריינגיין אין תוך פון פסח איידער מען ווערט דורכגעדרונגען פון די ארבע פרשיות: פרשת-שקלים, פרשת-זכור, פרשת-פרה און פרשת-החודש, וועלכע פירען אַריין אין שבת-הגדול, וואָס פון אים גייט מען שוין אַריין אין פּאַלאַץ פון פסח.

דער ערשטער אַריינפיר איז פרשת-שקלים. דאָ בלייבט משה רבינו שטיין אַ פאַרוואונדערטער. אַליין קען ער באַגרייפען מיט זיין איבערמענשליכען געדאַנק, אָבער די פאַרבינדונג פון קדושה און אחדות-ישראל מיט פּראָזאאישע שקלים איז למעלה מן השכל. „עד שהראהו הקדוש-ברוך-הוא מטבע של אש", און די פייערדיגע מטבע איז געוואָרען ארויסגענומען פון אונטער׳ן כסא-הכבוד! „אין הכסא שלם", דער כסא-הכבוד קען נישט האָבען זיין גאַנצקייט ביז אידען וועלען ברענגען זייערע שקלים. די פסח׳דיגע הגדה, וואָס איר הויפט-

ציל איז: „והגדת לבנך", איז צוועקלאָז אויב אידען וועלען נישט בייטראָגען זייערע שקלים אויפצובויען אַ בית־המקדש וואו די קינדער זאָלען ערצויגען ווערען — „למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ד' אלוקיכם, ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת".

שקלים זענען דער פונדאַמענט אויף וועלכען עס קען געבויט ווערען דער בית־ישראל. אָן די יערליכע ביישטייערונגען פון יעדען איד פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם „בית נכון ונישא" אָן דער פרשת־שקלים קען נישט קומען די פרשת־זכור. אויב עס פעלען די אידישע שקלים, ווערט זייער פלאַץ פאַרנומען, דורך די „עשרת אלפים שקלי כסף" פון המן דעם רשע!...

די מטבע של אש מוז באַלייכטען דעם כסא־הכבוד. מען מוז גע־בען די אידישע קינדער די מעגליכקייט צו דערזען דעם מאור שביהדות. וואָרים די פרה־אדומה'דיגע רעטענישען און פרעגענישען פון דער נישט־אידישער וועלט: „לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר, מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה?" קענען זיך נאָך צוקלעפען צו אידישע קינדער, צו די וועלכע פאַרמאָגען נישט דעם גייסטיגען ווידער־שטאַנדס קראַפט און זיי ווערען, חלילה, אַרונטערפאַלען אונטער דעם עמלק'ישען איינפלוס. די נישט־אידישע שולע באַאיינפלוסט אויך אידישע קינדער אָפּצופרעגען דעם תורה־געדאַנק מיט אומגעלומפּערטע פראַגען, ווי: „מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה?"...

ווען אָבער עס טרעט אַריין דער הייליגער מאָמענט פון „החודש הזה לכם"! ווען דו און דיין זון און בן־בנך קריגען אַ ווידערגעפיל צו דער מצריי'שער קולטור; מען פאַרשטייט די באַ־דייטונג פון „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים", און אַלץ וואָס איז אידיש ווערט ליב און טייער, און נישט נאָר די פּסח'דיגע קרבנות און ספּעציפיש־אידישע שפּייזען, נאָר אויך דער טאָג־טעגליכער אידי־שער קאַלענדאַר... דאַן קומט דער שבת־הגדול, דער פון רבונו־של־עולם געגעבענער שבת־קודש, און נישט קיין זונטאָג־ערזאַץ, אָדער פרייטאָג־דיגער רו־טאָג. און ווי אַ שבת־קודש'דיגער איד קומט מען אַריין אין די „מקראי־קודש, זכר ליציאת מצרים". אַרויס פון מצרים'ס פיזישער און גייסטיגער פאַרשקלאַפונג און אַריין אין געטליכער אידישער פרייהייט — „זמן חרותנו באהבה"...

אַ באַצויבערנדער יום-טוב׳דיגער חג-הפסח קען קומען נאָר אין די פוס-טריט פון גרויסע אינהאַלטסרייכע פאַרבערייטונגען פון פאַר פסח. אָן אַזעלכע פאַרבערייטונגען איז דער פסח אויסגעהוילט פון זיין אינהאַלט. עס בלייבען נאָר ביליגע צערעמאָניעס, געפּראַוועט אין דער אַנוועזענהייט פון לאַכענדיגע איגנאָראַמוסען, וועלכע רופען זיך: „בנך ובן-בנך״....

יאָ רבותי, תלמוד-תורה-און סענטער סדרים, אָדער פאַרשפּע-טיגטע „דריטע סדרים״ זענען איינפאַך גערעדט: פאַרפירערישע קאָמעדיאַנסקע-לצנות און אָפּשפּאָטעריי פון אונזערע הייליגסטע ימים טובים, און זיי האָבען נישט דעם מינדעסטען דערציערישען ווערט. אידישע ערציאונג קען נישט קומען פון אַ לייכטזיניגען-צערעמאָניאַלען שפּיל. אידישע דערציאונג פאָדערט מיהזאַמע און ערנסטע פאַרבערייטונגען.

„התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין״. אָבער אויפצובויען אַ טרקלין קאָסט געלט... שקלים זענען דער פאַרבאַדינג אַרויסצו-רייסען די אידישע יוגענט פון פרעמדע איינפלוסען... און חוקת, און נישט צערעמאָניאַל, איז אַ פאַרבאַדינג פאַר צוריקקערען זיך צו ערנסטער אידישקייט. מען מוז זיך באַנייען אין דעם אייגענעם „החודש הזה לכם״, און מיט די געהעריגע און נויטיגע פאַרבערייטונגען צו פסח וועלען מיר זוכה זיין צו ווערען יום-טוב׳דיגע אידען!...

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען״, ניסן, תשט״ז.

לאמיר שאפען סדר!

דער גרעסטער און שטוינענדסטער פאראדאקס וואס קומט פאר אין אונזער רעליגיעזען אידישען לעבען איז דער **סדר׳לאזער סדר.**

ווי אזוי איז דאס מעגליך? פשוט, מען ווערט אזוי צוגעוואוינט צו אומ׳סדר, צו סדר׳לאזיגקייט, אז דאס אליין ווערט שוין א סדר. מען געוואוינט זיך אזוי צו אט דעם „סדר", אז עס פעלט דער רצון און די פארשטענדעניש ארייננצוברענגען אן אמת׳ן סדר.

מיר רעדען דא וועגען דעם טייערסטען וואס מיר פארמאגען, —די פעסטונגען פון אונזער קיום — די ישיבות.

קיינער קען ניט פארלייקענען דעם פאקט פון געוואלדיגער היסטארישער באדייטונג פון דעם אויפשוואונג פון ישיבה׳שער דער־ציאונג. מעולם לא פסקה ישיבה מאבותינו. ווייל דאס איז דער גרונד יסוד פון אן אמת אידישען חינוך, אין א אידישער אטמאספערע. דער פעדלער־מלמד אין אימיגראנטישען אמעריקע איז געווען א מורא׳דיגער דורכפאל. די תלמוד תורה, אפילו די בעסערע האט ניט מצליח געווען. די ישיבה איז די איינציגע תורה־אינסטיטוציע וואס גיט א באפרידיגענדע תורה־דערציאונג און גלייכצייטיג די געפאדערטע וועלטלעכע לערע.

יונג איז נאך די ישיבה־באוועגונג דא אין לאנד. גרויסע פער־ספעקטיווען זיינען פאר איר אויסגעשפרייט אין דער צוקונפט. אבער ווי א יונגע פלאנץ פאדערט זי זארגפעלטיגע פלעגע, דורך איידעלע, גע־זונטע הענט וועלכע זאלען ארומגיין ארום איר מיט א פלאטערענדיגען ציטער אויסצוהיטען איר פון בייזע ווינטען. נאכלעסיגע אויפפאסונג איז דער ערגסטער פאטענציעלער שונא פון א יונגינקען בוימעלע. דאס איז געווים די טעארעטישע פארשטענדיגונג פון יעדען דענקענדיגען, זארגענדען תורה־איד.

ווי איז עס אבער אין דער טעגליכער פראקטיק? — אין דורש ואין מבקש! איז דער באדויערנסווערטער ענטפער... אויסער איינ־צעלנע, וואס פאלען פון די פיס, איז ניטא קיין ארגאניזירטער כלל וואס זאל שטיין אויף דער וואך צו זארגען פאר דעם נארמאלען

עקזיסטענץ פון די פאראנענע ישיבות, און אוודאי ניט פאר דער פארשפרייטונג און אויפבליאונג פון א ישיבה-נעץ איבער'ן גאנצען לאנד. און די איינצעלנע, פון די פים-פאלענדע, ישיבה-טוער, באזיצען דאך ניט דעם רואיגען געמיט אנצופירען א סיסטעמאטישע, פלאנירטע, סדר'דיגע טעטיגקייט.

לעבט מען, אלזא, פון האנט צום מויל. שרעקט מען זיך תמיד פאר'ן מארגענדיגען טאג. מי יודע מה יולד יום? אפשר וועלען שוין מארגען זיך מוזען שליסען די טויערען פון דער ישיבה, חלילה! די בעלי-חובות לאזען דאך ניט צו רו. די מלמדים און די לערער סטראשען דאך מיט א סטרייק! שוין זעקס וואכען אז מ'האט זיי זייער הונגער שכירות ניט אויסגעצאלט. די טשעקס וואס מ'האט געגעבען די מלמדים, זיינען דאך צוריקגעקומען פון באנק כלעומת שבאו, ווייל די בענק האלטען זיך דאך אין עפעס א פארשימעלטען כלל — אז מ'לייגט ניט אריין, נעמט מען ניט ארויס... קומט שוין דער ישיבה-פרעזידענט אליין בכבודו ובעצמו אונטערהאנדלען מיט די לערער. האט ער קודם שטארקע טענות: „ס'טייטש, בטול תורה! וואס הייסט עס אזעלכעס סטרייקען? ווי פאסט עס פאר עוסקים במלאכת הקודש? מבטל זיין תורה פון תינוקות של בית רבן, לאזען אידישע קינדער ארומלויפען אין גאס פוסט און פאס!"

און איצט סטראשעט דער פרעזידענט, אז ער וועט רעזיגנירען. אז ער קען שוין מער ניט אויסהאלטען. צווישען פרעזידענט'ס סטראשונעק צו רעזיגנירען און די מלמדים'ס סטראשונאק צו סטרייקען, קומט מען צו א פשרה צו גיין צוריק אין די קלאסען, און אין די נעקסטע עטלעכע טעג וועט מען שוין פאזיטיוו געבען טשעקס פאר צוויי וואכען. און דערווייל ווערט שוין אויפן בעסטען אופן צוריק א חוב פון זעקס וואכען, און אלע טאג קען מען דאך ניט סטרייקען, ווערט שוין דער חוב א צוויי-מאנאט'דיגער. איז אבער די צרה דאס וואס דירה-געלט מוז מען דווקא צאלען אלע מאנאט! און אז אזא סארט „רואיג-געשטימטער" מלמד שטייט אין קלאס, איז ער דאך אוודאי מקיים „ולא הקפדן מלמד"!... אבער וואס זאל טאקע דער פרעזידענט טאן? אוודאי פאראורזאכט זיין האנדלונג סדר'לאזיגקייט אין אן אנשטאלט וואו ס'דארף הערשען א מוסטערהאפטער סדר. אבער קען ער אליין אויסהאלטען די ישיבה?

איז דען ניט דער סדר העולם אז פריער פון אַלץ דאַרף הערשען סדר? איז דאָס סדר צו געבען שווערע מיליאָנען אויף אַלע אַנדערע צוועקען, און ניט געבען קיין איין-איינציגען מיליאָן דאָלאַר אויף דאָס סאַמע נויטיגסטע אין אונזער לעבען, אויף חינוך הבנים?!

בדלית ברירה ניט האָבענדיג זיך צו ווענדען צו וועמען, גיט דער פּרעזידענט אַרויס אַ דעקרעט צו העכערען דעם שכר למוד. צו פאַרגשטאַלטען אַ געוויסע אונטערנעמונג, מיט אַן אָבליגאַטאָרישען חוב אויף די עלטערען צו דעקען די אונטערנעמונג. שרייען די עלטערן: געוואַלד! — זיינען זיי נעבעך ווייטער גערעכט. מבני עניים תצא תורה! קענען דאָך די עניים ניט אויסהאַלטען אַזא שווערע לאַסט! ווערט דאָך די ישיבה פאַרוואַנדעלט אין אַ רייכען פּריוואַטען לערען-אַנשטאַלט, וואו נאָר גבירישע קינדער קענען צוגעלאָזט ווערען. ווערט דאָך די ישיבה אָן איר גאַנצען דורות'דיגען כאַראַקטער! — די עלטערען זיינען אָבער אומגערעכט פאַר'ן שרייען גוואַלד ניט אין ריכטיגען אָרט. פאַרוואָס ניט שרייען אין שוהל וואו ס'ווערען געמאַכט די „צען טויזענט'דיגע" אַפּילס פאַר אַנדערע צוועקען יום כפור ביינאַכט און פאַר די ישיבה אַ דאָלערדיגער אַפּיל פאַר אַ פּאָר מנינים עלטערע אידען אין אַ געוויינלעכען שבת?

* * *

און אַזוי מיט די אַלע סדרי-עולם „אימפּראָוומענטס" שטופּט זיך אַדורך די ישיבה קטנה, און עס פאַנגט זיך אָן דער צווייטער און דער דריטער קאַפּיטל פון ישיבה-וועזען אונטערען נאָמען מתיבתא און כולל. און דאָ ענדערט זיך די פּאַנאָראַמע מיט אַ גרינדלעכע ענדערונג. אַנדערע פּראָבלעמען שווימען יעצט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך. און אויך די אַלטע פּראָבלעמען ציען אויף זיך אַרויף אַ נייעם לבוש. די פינאַנציעלע פראַגע איז דאָ פיל שווערער צו לייזען. די שכר למוד הכנסה וואָס איז דער הויפּט הכנסה קוואַל פון די ישיבות קטנות, ווערט דאָ רעדוצירט צו אַ מינימום. די מערסטע מתיבתות דאַרפען נאָך אויסהאַלטען דאָרמיטאָרים פאַר די מתיבתא בחורים, איבער-הויפּט פאַר די וואָס קומען פון ווייטע ערטער, אָדער גאָר פון אַנדערע שטעט, אָדער אַפילו פון אַנדערע מדינות.

ווייל דער גרונד כאַראַקטער-שטריך פון אַ מתיבתא, אין געגענזאַץ צו אַ ישיבה קטנה, איז איר ברייט-פאַרצווייגטער שטח, וואָס

שפרייט זיך אויס און גייט אַריבער אירע לאָקאַלע גרעניצען. אין דערזעלבער מאָס דאַרף זיך אויך אויסשפרייטען איר איינקונפט אויף אַ נאַציאָנאַלען באַזיס. די הכנסה דאַרף שוין מער ניט טראָגען דעם חותם פון אַ לאָקאַלען כאַראַקטער. ממילא דאַרפען שוין די אָנשטרענגונגען צו קריגען די פינאַנציעלע מיטלען זיין פאַראייניגטע, דורך אַ פאַראייניגונג פון אַלע מתיבתות פאַר אַ פאַראייניגטע אַקציע צווישען אַלע שיכטען און קלאַסען פון אידענטום. אַזאַ פאַראייניגטע אַקציע וואָלט ארויסגערופען צו זיך רעספעקט און געהעריגען פיעטעט. דער דעת הקהל וואָלט אויפגעוואַכט געוואָרען צו אונזער קאַרדינאַלסטען פּראָבלעם. דורך דער צייט פון די קאַמפּאַניע פאַר אונזער אייגענעם ערשט־ראַנגיגען געברויך, וואָלט אַלעם אַנדערעם געמוזט אָפּטרעטען! עס וואָלטען דאַן ניט געהאָלפען די אַלע געשרייען און טומלערייען פון די „באַרימטע 13 טאָרבעס"... יעדער וואָלט דאַן דערהערט דעם פשוט'ען אמת, אַז קודם דאַרף מען האָבען אידען, באוואוסטזיניגע אידען, וואָס בלויז די מתיבתות קענען זיי ליפערען.

* * *

אָבער — מערער נאָך ווי די פאַראייניגונג איז נויטיג אין מאַטעריעל־פינאַנציעלען זין, איז עס טאָפּעלט און פירפאַך נויטיג פאַר דעם קאָנסטרוקטיווען גייסטיגען צושטאַנד פון די מתיבתות בפרט און אידענטום בכלל.

מיט סדר, פאַראייניגטע פּלאַנירונג און ווייטזעענדע וויזיע — קענען די מתיבתות ברענגען די גרעסטע מאָס ברכה פאַר די בני הישיבות בפרט און פאַר אויפבליאונג פון ריינעם, אומגעפעלשטען תורה־מסיני אידענטום בכלל.

דער אָפּגעקליבענער מענשען מאַטעריאַל אין די מתיבתות איז פענאָמענאַל. אויף דער שוועל פון דער מתיבתא איז פאָרגעקומען דער צענטראַפוגאַלער אָפּקלייב־פונקט. די ניט־שטאַנדהאַפטיגע זיינען אַוועק אין די אַלגעמיינע העכערע לער־אַנשטאַלטען. דער אידעאַלסטער עלעמענט איז געבליבען אין דער מתיבתא. וואונדער־בחורים ממש, זיינען זיי איינס ביי איינס. איבערגעגעבען צו תורה און יראת שמים בלב ונפש. טאָג ווי נאַכט פון עלות השחר ביז נאָך האַלבער נאַכט קענט איר זיי ניט אָפּרייסן פון דער גמרא. אביי ורבא פּילט אויס זייער גאַנצען וועזען. וואָלט עס געווען וואונדערבאַר ווען — ווען די עומדים בראש פון די ישיבות, וואָלטען געשטאַנען פאַראייניגט

אויף דער וואך צו פלאנירען מיט א סדר די צוקונפט פון די בני הישיבה. אט די גאלדענע תקופה איז דאך פון א קורץ-דויערנדען באגרעניצטען טערמין. דער ישיבה-בחור ווער דאך דארפען פארלאזען די ווענט פון דער ישיבה. ווי אזוי וועט ער האבען די פערזענלעכע מעגלעכקייט עוסק צו זיין אין תורה ועבודה אין זיין ווייטערדיגען לעבענס-שפאן? אדער מיינט עס, חלילה, אז מיט זיין ענדיגען די ישיבה ענדיגט זיך אויך זיין תורה?!

פאראן אן א שיעור מעגלעכקייטען צוצוגרייטען אט דעם טייערן עלעמענט פאר די ווייטערע לעבענס-יארען. ניט נאר זיינען מיר צו זיי פארפליכטעט ווייל זיי האבען אוועקגעגעבען זייערע בעסטע יארן פאר תורה, נאר אויך דערפאר ווייל מיר דארפען זיי אויך ווייטער אין דינסט פון כלל ישראל, און דערפאר ווייל זיי זיינען אמבעסטען מסוגל דערצו.

דער דור רוקט זיך דאך!... און ניט נאר דארפען מיר צוקונפטי-גע רבנים, מיר דארפען לערער, מחנכים, שוחטים, סופרים וכדומה. און ווער זאל צושטעלען אויפריכטיגע תורה-טרייע לערער פאר די ישיבות? ווער איז מסוגל צוצושטעלען ערלעכע שוחטים יראי ד׳ וכדומה אויב ניט די מתיבתות? און ווער איז אמבעסטען בארופען צו דינען דעם כלל מיט דעם אלעם — אויב ניט די, וואס זיינען זיך היינט ממית באהלה של תורה?

האבען מיר א פראגראם ווי אזוי דאס צו טאן?

* * *

איין גרויסער ענין איז יא אויפגעטאן געווארען. די שאפונג פון די כוללים. איז טאקע די כולל אינסטיטוציע א וואונדערליכע שאפונג. עס ווערט מיט דעם געגעבען די מעגליכקייט צו אויסגע-צייכענטע יונגעלייט פארצוזעצען זייער לערנען אויף א מאסשטאב פון אמת׳ע גדלות בתורה. די געציילטע כולל יונגעלייט זיינען דאך שוין דער צרוף אחר צרוף. ריין גאלד! די כולל יונגעלייט ווערען אויך באזארגט מצד דעם כולל מיט זייערע מינימאלסטע טעגליכע באדערפענישען, פאר זיך און זייערע יונגע פרויען, און אויך פאר א קינד וואס ווערט געבוירען. אזוי, אז זיי זיינען באפרייט פון דעם לאסט פון „רחיים" און קענען זיך איבערגעבען אינגאנצען לעולה של תורה. זיך צו פארטיפען אויף א גרויס-לומדישען אופן אין ש״ס בבלי וירושלמי, פוסקים, ראשונים ואחרונים. די אמעריקאנער געבוירענע

יונגעלייט קריגען די מעגליכקייט צו ווערען די גדולי התורה פון היינטיגען דור. א פאנטאסטישע ווירקליכקייט אויפ'ן טרוקענעם אמעריקאנער באדען! אבער אויך די שיינע, אדער שענסטע פלאנצונג, איז אונטערגעווארפען די אנגענומענע סיסטעמאטישע סיסטעמלאזיג־קייט.

אילו זכינו, וואלט דער כולל געווען דער הוד שבתפארת, דער העכסטער שטיץ־פונקט פון גאנצען ישיבה־וועזען אלס אזעלכער, וואלט ער געווען — דער פאראייניגטער כולל, אנגעפירט מאטעריעל און גייסטיג פון א פאראייניגטער פירערשאפט פון אלע ראשי ומנהלי המתיבתות. אין זייער פאראייניגטע געלט־קאמפאניע וואלט דער כולל פארנומען זיין אנגעזעענעם ארט, און וואלט אויסגעשטאט געווארען מיט פראכט און גלאנץ. אבער עכשיו שלא זכינו, האט זיך יעדע מתיבתא א כולל בזעיר אנפין, אן אן אייגענעם דאך איבער'ן קאפ. אלע די כוללים ראנגלען זיך פאר זייער בידנער עקזיסטענץ און די וואס לערנען, זיינען ממש גיבורים, וואס ווייזען ארוים א מסירת נפש, וואס האט ניט איר גלייכען.

די ראנגלעניש פאר פיזישען אויפהאלט פון די כוללים, וואס יעדער טאג איז א קריזים בפני עצמו לאזט ניט אפילו די צייט און דעם געדלד צו קענען טראכטען וועגען דער וועיטערער צוקונפט פון א כולל־יונגערמאן ווי אזוי אים פלאנמעסיג ארויפצופירען אום צו קענען פארנעמען דעם הויכען פלאץ אין דעם אידישען לעבען, וועלכען ער פארדינט.

איז עס דען ניט פשוט'ער אלף־בית אריינצוברענגען סדר אין אט דער אומגליקליכער סדר'לאזיגקייט? דארף מען דען ניט אויס־ארבעטען צוזאמען א סדר אין געלט־זאמלונג. א פאראייניגטער סדר אין הנהגת הישיבות, און א סדר'דיג אויסגעארבעטען פלאן פאר'ן בן הישיבה פון אנהויב ביז זיין באשטאטונג אין דער וועלט לכבוד ולתפארת?

די צייט איז געקומען זיך ערנסט צו פארטראכטען. זאל ענדלעך גערופען ווערען א ספעציעלע קאנפערענץ פון אלע ישיבה פירער אין לאנד פאר דעם צוועק. און זאל מען אנהויבען קלערען וועגען א פלאן אריינצוברענגען א געמיינזאמען סדר און דערמיט עטאבלירען א בעסערע צוקונפט פאר אונזער ישיבה־לעבען אין אמעריקע.

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט, אייר, תשט"ז.

„נתיב ים"

הערות והארות, חדושים ובאורים בגמרא וראשונים, ביותר בדברי הרמב"ם על ז' מסכתות. מאת הרב יחיאל מרדכי גורדון, ר"מ דישיבת לומזה, פתח תקוה, שנת תשט"ז.

כשמו כן הוא. דער ספר „נתיב ים" פון גרויסען לאָמזער ראש ישיבה האָט טאַקע אויסגעטראָטען אַ סטעזשקע צווישען די ימים וואָס טיילען אָפּ אַמעריקע פון ארץ ישראל. די שמחה לכבוד דער דערשיינונג פון דעם ספר האָט גלייכצייטיג אַרומגענומען די ביידע לענדער. אין ארץ ישראל האָבען הונדערטער גדולי התורה פאַרבראַכט ביז נאָך האַלבער נאַכט, ביי געדעקטע טישען, בשירות ותשבחות, לכבוד דעם ספר און דעם מחבר פון ספר. דער רב הראשי האָט זיך אויסגעדריקט ביי דער מסיבה, אַז מיט'ן אַריינקומען פון לאָמזער ראש ישיבה'ס ספר אין זיין שטוב, איז אַריינגעקומען אַ ליכטיגקייט אין זיין שטוב. אין דער זעלבער צייט האָבען די תלמידים פון דער לאָמזער ישיבה אין אַמעריקע זיך פאַרזאַמלט אין „ריווערסייד פלאַזאַ" האָטעל, ביי אַ רעגעלען באַנקעט, און מיט געזאַנג, רעדעס און ריקוד ביז די שפּעטע אָווענט-שטונדען אויסגעדריקט זייער טיפע באַגייסטערונג מיט'ן „רבי'נס" ספר.

אַנדערש ווי אַלע ראשי ישיבות — ווערט דער לאָמזער ראש ישיבה אָנגערופען ביי זיינע תלמידים „דער רבי". די תלמידים זיינען שוין ב"ה כמעט אַלע זיידעס, אָבער דער ראש ישיבה איז נאָך אַלץ „דער רבי", זייער רבי און אויב ארץ ישראל האָט „צוגענומען" זייער רבי'ן, פרייען זיי זיך כאָטש מיט'ן רבי'נס תורה. און די תורה איז דאָך אַזוי ליכטיג ווי אין דעם טאָג ווען זי איז געזאָגט געוואָרען אין דער לאָמזער ישיבה מיט צענדליגער, צענדליגער יאָרען צוריק.

און די תורת ארץ ישראל האָט דאָך נאָך באַרייכערט דעם רבי'נס תורה. אַ טאָפּעלטע ליכטיגקייט! צום אור התורה איז דאָך נאָך צוגעקומען דער אור חדש על ציון תאיר. און מיר זיינען עם די וואָס זיינען זוכה נהנה צו זיין פון דער ליכטיגקייט.

מען מישט דעם ספר מיט הייליג-תאווה'דיגע פינגער. בלאַט נאָך בלאַט מסכתא נאָך מסכתא. זיבען „ישיבה'שע" מסכתות. עס הויבט זיך אָן מיט דער שווערער סוגיא פון די „חמש עשרה נשים", מיט דעם באַוואוסטען שווערען רמב"ם: אַז חלוצה לחולץ איז נאָר מדרבנן. און אָט זיינען די שעורים אויף כתובות. ווי לאַנג, דאַכט זיך, איז עס, ווי עס איז געגאַנגען אין לעבען צו פאַרשטיין דעם חילוק פון גר קטן שנתגייר ע"י אביו צו ע"י ב"ד, און צו איז עס מטעם זכי', אָדער ווייל ב"ד ווערען די בעלים. און אָט שפּרינגט מען אריין אין נדרים, אין דעם קצות'ס קשיא אויף „נשבע לקיים המצוה", און דעם רבי'נס נייעם גדר אויף „מושבע מהר סיני", און דעם טור'ס קשיא אויף אַלע פיר הלכות פון רמב"ם פ"ה דשבועות ווערט געלייזט מיט דעם גדר.

און אַזוי מישט מען ליידענשאַפטלעך בלאַט נאָך בלאַט ביז מ'קומט צו אַ מיילשטיין, חצי הספר. פון דער לינקער האַנט נעמען שוין לייכטען די איידעלשטיינער פון קנייני אישות, און פון דער רעכטער האַנט פאַרענדיגט זיך די מסכת גיטין.

און ווען דער ראש ישיבה קומט אריין אין בבא קמא און בבא מציעא צעשפּרייט ער זיך איצט די הענט און נעמט שווימען אין דעם גרויסען און ברייטען ים התלמוד און אַלע זיינע מפרשים, ראשונים און אחרונים.

און נאָך אַ הפסקה, וואָס באַשטייט פון אַ טיף דורכגעטראַכטער און דורכגעלעבטער ביאָגראַפישער סקיצע, פון תלמיד וואָס שטייט באימה ויראה פאַר זיין רבי'ן. און דער תלמיד, אגב, איז אויך ניט קיין אַבי ווער. דאָס איז הרב משה מאיר ישר, דער ביאָגראַפער פון חפץ חיים זצוק"ל — קומט דער ראש ישיבה צוריק מיט „דברי אגדה" — ווייל — אמר ר' הושעיא, כל מי שהוא יודע, ואין בידו יראת חטא, אין בידו כלום!

אָבער דאָן, ביים סאַמע לעצטען בלאַט פון „נתיב ים", שטויסען מיר זיך אָן אויפ'ן „אלון בכות". דער אלה אזכרה ותשפך עלי נפשי! און אַ מורא'דיג טראַגיש בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגען. אָט דער גרויסער האַרציגער ראש ישיבה, פון וועמענס פּנים עס טוט זיך גאָר קיינמאָל ניט אָפּ דער סבר פנים יפות'דיגער שמייכעל, לעבט

גאָר אינערלעך איבער איוב׳ס יסורים! נאַצים און אַראַבער האָבען אומגעבראַכט זיינע קינדער, זין און טעכטער, איידעם און אייניקלעך און געלאָזט אים אַליין מיט זיין בן יחיד הרב שמחה! אַ ים פון איבערמענשלעכע צרות! אָבער דער גרויסער רבי האָט אויסגעטראָטען אַ וועג אין שטורעמדיגען ים. תורה היילט אַלע וואונדען. און די חדושי תורה זיינען זיינע גייסטיגע קינדער וועלכע פאַרגיטיגען אים פאַר אַלע זיינע צרות. און אַזוי האָט טאַקע געשריבען דער גרויסער גאון הרב ר׳ יחיאל מרדכי גאָרדאָן שליט״א פון ארץ ישראל צו זיין זון הרב שמחה אין אַמעריקע: „קינד מיינס, איך שיק דיר מיין ספר נתיב ים, מיין גייסטיג קינד, באַקען זיך גוט מיט דיין ברודער״!... כמה גדולים דברי חכמים!

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען״, תמוז, תשט״ז.

הספד אויף הרב ר׳ יעקב מעסקין ז״ל

דער אונטערדריקטער טרער ביי דער לויה פון הרב מעסקין קייקעלט זיך איצט אראפּ פון אויג, און איין טרער ציט דעם צווייטען ביז עס ווערט אין דער בחינה פון פלגי מים ירדו עיני על שבר בת עמי.

אין פרייליכען פורים איז הרב ר׳ יעקב מעסקין באגלייט געוואָרען צו זיין אייביגער רו. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז נפטר געוואָרען אין שבת און עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט צו פאַרעפענטליכען וועגען דער צייט פון דער לויה, איז די טרויעריגע ידיעה בליץ שנעל פארשפרייט געוואָרען, און פון אַלע עקען בראָנקס און פון אַלע טיילען שטאָט, האָבען זיך גענומען זאמלען מענשען, אָנגעפּאַקט דעם בית מדרש הגדול נוסח ספרד דבראָנקס, וואו דער נפטר איז געווען רב פאַר די לעצטע פיר און צוואַנציג יאָר.

הונדערטער זענען געשטאַנען אין גאַס ארום דער שוהל.

צוליב פורים זענען די הספדים געווען קורצע, איינגעהאַלטענע, אָבער דער יאָמער האָט זיך פאָרט דורכגעריסען.

גרויס איז דער נפטר געווען אין תורה, אַ תלמיד מובהק פון גדול הדור ר׳ איצעלע פּאָנעוועזער, זצ״ל. אַ מתמיד פון אויסערגעוויינ־ליכען מאָסשטאָב פון קינדוויַיז־אָן ביז דעם לעצטען טאָג פון זיינע צוויי און זיבעציג יאָר. אַ פרוכטבארער מחבר פון אַ צענדליג לומד׳ישע ספרים אויף אַלע געביטען פון ש״ס ופוסקים. אַן אָפטער מיטארבעטער אין אַלע רבנ׳ישע פעריאָדישע תורה זשורנאַלען, איז ער גלייכצייטיג געווען אַ גרויסער עסקן בצרכי הכלל. ער איז געווען פון די לייטענדע פערזענליכקייטען אין דער אגודת הרבנים, פון די פירערשאַפט פון ניו יאָרקער ועד הרבנים. אַן איבערגעגעבענער חבר פון בראָנקסער ועד הרבנים, ניט נאָר מיט ראָט, נאָר אויך מיט טאָט. צו דאָס איז געווען פאַר ארץ ישראל׳דיגע אינסטיטוציעס אָדער פאַר אַמעריקאַנער, פאַר אַ ישיבה וואָס געפינט זיך אין נויט, אָדער פאַר אַ מקוה אין די בראָנקס, אָדער אין אַ פאַרוואָרפענעם תימנ׳ער קבוץ. אומעטום איז הרב מעסקין געווען דער ערשטער צו וועקען צו מעשים, און דער ערשטער מיט אַ פּאַקטישען ביישפּיל למעשה, וואָס האָט שטענדיג איבערגעשטיגען זיינע באַגרעניצטע כחות.

ווי גרוים ער איז געווען אין תורה און אין עסקנות בצרכי צבור — אזוי גרוים אָדער נאָך גרעסער איז ער געווען אין זיינע מידות טובות. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך כבוד. ער איז געווען א „בורח מן הכבוד". זיין אַ „פּראָסטער סאָלדאַט" איז געווען זיין אידעאַל. שטיל, באַשיידען, אָבער מיט אַ גרויסער מאָס פון אויפ־ריכטיגער וואַרעמקייט.

מיט זיין טויט איז אַוועק אַ גרויסע ליכטיגע, וואַרעמע פּערזענ־ליכקייט. גרוים איז דער פאַרלוסט, ניט נאָר פאַר זיין אלמנה און פאַר זיינע קינדער.

אין זיינע לעצטע גסיסה טעג האָט ער גע'דאגה'ט פאר דער הייליגקייט פון זיין שוהל און איבערגעגעבען די פירערשאַפט אין די געניטע הענט פון זיין זון, הרב ר' אליעזר, שליט"א.

אויך די בראָנקסער ישיבות, די ניו יאָרקער ישיבות, צו וועלכע דער נפטר איז געווען ווי אַ געטרייער פאָטער און לערער, טרויערען אויף זיין פטירה, און גלייכצייטיג, אַלע אידען וועמען ער האָט געדינט אזוי געטריי.

*) געדרוקט אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", יוני 15, 1956.

קאַרדינאַלע יסודות פון אידישקייט

ימים נוראים באַטראַכטונגען.

קבלת עול מלכות שמים, קבלת עול המצוות און למוד התורה, זיינען די דריי קאַרדינאַלע יסודות, אויף וועלכע אידישקייט איז געבויט.

און ניט נאָר איז ניט מעגלעך קיין פאָלק ישראל אָן די דריי יסודות, נאָר אויך אָן אינדיווידועלער בן־ישראל קען ניט געמאָלט זיין אָן די דריי קוואַליפיקאַציעס. און נאָכמער: אָן דעם ערשטען יסוד, איז עס אַ ספק צי מען קען מיט רעכט טראָגען דעם נאָמען „*מענש*"...

די תורה האָט געוואָרענט געגען בוקען זיך „לכל צבא השמים" און די נביאים האָבען געשטורעמט געגען געצענדינערייַ. דאָס ווייזט, אַז אין פרינציפּ האָבען די עובדי עבודה זרה אָנערקענט מלכות שמים, נאָר אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם. אז אַ מענשלעך באַשעפעניש זאָל אינגאַנצען איגנאָרירען אָט דעם קאַרדינאַלען לעבענס־יסוד איז געווען אומבאַגרייפלעך.

מלכיות — טראָגט ניט קיין ספּעציפיש אידישען כאַראַקטער. **מלך — איז — על כל הארץ.** ערשט מקדש האָט צו טאָן מיט ישראל. אָבער דער פרינציפּ פון מלכות ד' איז אָן אוניווערסאַלער. ווייל אָן מלכות — האָט דער מענשלעכער מין ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. עס איז דאָך צום שטוינען אויף דעם וואונדערלעכען כוח וואָס דער בורא האָט אריינגעגעבען אין מענשען צו ווילען לעבען! לויט'ן פשוט'ן שכל און לויט אַלע געזעצען פון ראַציאָנאַליזם וואָלט דער ניט־גלויביגער באַדאַרפט מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען ביי דער ערשטער שטרויכלונג... צו וואָס לעבען און מאַטערען זיך? וואָס קען מען דען דערגרייכען אין לעבען צוליב וועלכען עס איז כדאי זיך אַזוי פיל צו מאַטערען און צו ליידען?! צוליב „תקות אנוש רמה"? איז נאָר טאַקע ווי הרב טאַרשיינסקי, זצ"ל, פלעגט טייטשען: מאד עמקו מחשבותיך — אַז — איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת... (ודברי פי חכם חן) עס איז טאַקע, אַז נאָר אַ מלאך שטייט אומאויפהערלעך איבער יעדען צעל־קאָמבינירטען געוויקס און באַפעלט מיט דעם האַרבען וואָרט „גדל".... ווען ניט איז דאָך גאָרניט צו פאַרשטיין די פאַרהעלטניסמעסיגע קליינע צאָל זעלבסטמאָרדען אין אַזאַ ליידענדע און ניט־גלויביגע וועלט.

ניין. מען דאַרף ניט זיין קיין גוואַלדיגער וועלט-חכם כדי צו באַגרייפן דעם עלעמענטאַרען פּרינציפּ פון קבלת עול מלכות שמים. דער פשוט'ער זעלבסט-דערהאַלטונגס אינסטינקט זאָגט אונטער דעם **נברא** — די מציאות פון זיין **בורא**.

קבלת עול מלכות שמים איז אַלזאָ אַן עלעמענטאַרער באַגריף, וואָס שליסט ניט אויס קיין שום מענש. דער **שמע ישראל** קומט איצט אין דעם רעאַלום פון עלימינאַציע; פון עלימינירען אַלע טעות'דיגע אַנטוווישונגען, פאַלשע אידעאָלאָגיעס און קרום-מוח'דיגע אינטערפּרע-טאַציע, פון עול מלכות שמים. צו ישראל, צום פאָלק ווי צום יחיד, זאָגט מען **שמע**, פאַרשטיי, טיפער און גרינטלעכער ווי די אומות העולם. פאַר זיי איז אפשר געגוג „שתוף"... אָבער דו, ישראל, דאַרפסט פאַרשטיין, אַז „**ד' אלקינו ד' אחד**".

און ווען קבלת עול מלכות שמים ווערט אַ זעלבסטפאַרשטענד-לעכקייט, מוז דאַן לאָגישערווייזע נאָכפאָלגען דער פּרינציפּ פון **קבלת עול מצוות**. אויב עס איז דאָ אַ מצווה — מוזען דאָך זיין מצוות. דער באַשעפער מוז דאָך זאָגען זיינע שכל'דיגע באַשעפענישען דעם „**מה ד' אלוקיך דורש ממך**". וואָס פאַרלאַנגט ער פון מענשען במשך פון זיין קורצען לעבענס-שפּאַן?! וואָס איז זיין לעבענס-מיסיע און זיינע טעגלעכע אויפגאַבען? עול מלכות שמים און עול המצוות זיינען דאָך אין דער בחינה פון **שתים שהן אחת**.

עס ווערען וואָס אַן אמת געמאַכט פאַרשיידענע פּרוואוון פונאַנדערצוטיילען אָט די צוויי געבונדענע עיקרים. נאַציאָנאַליס-טען, פאָלקיסטען, שלום-עליכם'איסטען פון איין זייט וואָס ווילען עפּעס אַ „ממשות'דיגע אידישקייט" וואָס זאָל זיך אויסדריקען אין טעג-לעכע מצוות. **ביכורים** — אַן אַ **שבועות**; פון אַ **הר ציון** — אַן אַ **כותל מערבי**; פון אַ **מצוות הלל**, ניט אין **יום טוב** און **ראש חודש**, נאָר אין אַן אייגען דערפונדענעם יום טוב פון חג העצמאות... עס זיינען אפילו פאַראַן „אידעאָלאָגען" — פון צווייטען זייט — פון הונדערט-פּראָצענטיגען רעקאָנסטרוקציאָניסטישען חדר, וועלכע היימען אייך אָפּהיטען אַלע מצוות התורה, דערקלערענדיג גלייכצייטיג, אַז זיי גלויבען ניט אין נותן התורה... אָבער אַלע די פּרואוון זיינען פון לכתחילה פאַר'משפט צו אַ פולשטענדיגען דורכפאַל. ווייל — אויב עס איז ניטאָ קיין מצווה, (יסתם פי דוברי שקר) איז דאָך ניטאָ

קיין מצוות. אַ ניט־דערוואַקסען מיידעלע קען מען געבען אַ ליאַלקע צו שפּילען זיך דערמיט ווי מיט אַ לעבעדיג קינד. אָבער געבען אַ רייף־דערוואַקסענע פרוי וואָס בענקט נאָך אַ קינד — אַ ליאַלקע, איז דאָך ריינער וואַנזין. און ס'איז נאָר טראַגיש, אַז אָט די זיינען געוואָרען פירער פון באַוועגונגען ביים עם חכם ונבון! איך נפלה משמים ארץ **תפארת ישראל!**

עס קען נאַטירלעך זיין אַ טעאָרעטישע שאלה צי שמים נברא תחילה צי ארץ; צי קבלת עול מלכות שמים האָט אַ דין קדימה לגבי קבלת עול מצוות. און פון דורות האָבען מיר איבערגענומען דעם קאָמפּראָמיסלעכען כלל צו פּראַקטיצירען מצוות פון דער פריער קינדהייט און דאָס אַלס אַ פּעדאַגאָגישען חינוך־אינסטרומענט: **„חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו"**. אָבער סוף מעשה במחשבה תחילה. דער אורשפּרינגלעכער שטוים־קראַפט, סיי פון מחנך און סיי פון מחונך, איז דער קווינט־עסענץ פון די סאַמע ערשטע ווערטער וואָס ווערען אַריינגעלייגט אין מויל פון די אידישע עוללים ויונקים: **תורה צוה לנו משה... ראשית חכמה יראת ד'...** דער **למען ירבו ימיכם וימי בניכם** — איז נאָר דורכפירבאַר דורך דער פאַראייניגונג פון — **כימי השמים על הארץ**. די צוויי באַגריפען זיינען אומצעטיילבאַר.

פאַראַן אָבער אַ דריטער קאַרדינאַלער יסוד אין אידישקייט. וואָס קומט גאָר פריער פון אַלעם: **בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ — בשביל התורה שנקרא ראשית נבראו שמים וארץ**. קבלת עול מלכות שמים ועול המצוות קענען פאַרוואַנדלט ווערען אין קאַלטע דאָגמאַטען, אויב זיי ווערען ניט רעפלעקטירט דורך די ליכטיגע און וואַרעמענדע תורה־שטראַלען. זיי קענען זיין נאָר קאַלטער סובסטאַנץ, ביז עס רירט זיך צו זיי צו דער תורה־פלאַם. כי נר מצווה ותורה אור.

ווי מורא'דיג־רירענד קלינגט די וואָרענונג: **„השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים והשתחויתם להם"** צו וועמען איז די דאָזיגע וואָרענונג געריכטעט? צו אַפּטרינענע, וואָס שטייען אויפ'ן שוועל פון שמד?! ניין, חס וחלילה. דאָס רעדט מען גאָר צו פיינע אידען; צו שמע ישראל אידען; צו אידען וואָס האָבען

אויף זיך פרייוויליג גענומען דעם עול מלכות שמים און עול מצוות און וואָס זיינען אפשר מדקדק בקלה כבחמורה. נאָר איין קליינינקייט פעלט. לערנען תורה ווערט פאַרקוקט. און אָט אַזוי זאָגט דער נעים זמירות ישראל: **כיון שאני מגורש מלעסוק בתורה, הריני קרוב לעבוד אלהים אחרים!...** דוד מלכא משיחא, דער וועלכער נעמט השי"ת אַלס עדות פאַר זיין חסידות: **וכי לא חסיד אני?** איז מעיד אויף זיך, אַז אין דעם טאָג ווען ער פאַרפעלט צו זיין אריינגעטאָן אין תורה, ראשו ורובו, — לעסוק בתורה — שטייט ער אויפ'ן שוועל פון עבודה זרה ר"ל. ואנן מה נעני אבתריה?!

די תורה איז דאָך געגעבען געוואָרען צו אַלע אידען, אין אַלע צייטען. און דער נותן התורה זאָגט דאָך: **וסרתם — לפרוש מן התורה ומתוך כך, ועבדתם אלהים אחרים, שכיון שאדם פורש מן התורה, הולך ומדבק בע"ז.**

אָט די דראָענדע און וואָרענענדע ווערטער דאַרפען שטיין פאַר אונזערע אויגען אַלע טעג פון יאָר, און אוודאי מיט אַ פאַרדאָפּעל־טער קראַפט אין יעדען מאָמענט און אין יעדער מינוט פון די **עשרת ימי התשובה.** ס'איז כאַראַקטעריסטיש, דער טרערען אויסברוך פון די אידישע אויגען און הערצער, דורך אַלע דורות, אין די ימים נוראים טעג, איז ניט געשען אין ראש השנה ביי מלכיות, נאָר האָט ארויסגעשטראָמט ווי אַ וואולקאַנישע לאַווע אין יום הקדוש, גראַד ביי די **עשרה הרוגי מלכות.** ווייל דאָ רעדט זיך וועגען פאַרלוסט פון די ארזי הלבנון, אדירי התורה און נושאי התורה. דאָס פאָלק האָט תמיד געפילט, אַז דאָס גרעסטע אומגליק, די שרעקלעכסטע טראַגעדיע איז דער פאַרלוסט פון תורה.

און אויב אין אַלע דורות האָט דאָס פאָלק אַזוי געפילט און פאַרשטאַנען, על אחת כמה וכמה אין אונזער איצטיגער גייסטיג־פינסטערער תקופה, ווען דער יצר הרע ברענט ממש אויף טריט און שריט. אין אַזאַ צייט איז דאָך געווים ניט פאַראַן קיין אַנדער רעטונג ווי תורה — **אין לנו שיור רק התורה הזאת.**

בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין. נאָר דער אור תורה קען פאַרטרייבען דאָס גייסטיגע חשכות און ווידער אויפלעבען אונזערע פאַרוויאַנעטע נשמות. טאַקע **אונזערע** ממש. ניט נאָר **ושננתם**

לבניך, ניט נאָר פאַרזאָרגען די קומענדיגע דורות, נאָר אויך **ודברת בם**, די פליכט ליגט אויך אויף אונז אַליין, אויף אונזערע מקומות התפילה, אויף אונזערע גרופען און אָרגאַניזאַציעס. אויך מיר, יונג און אַלט נויטיגען זיך אין דעם פאַנצער פון תורה, צו קענען בייששטיין די קאַלטע און שטורעמדיגע גאַסען-ווינטען.

און ווען תורה וועט ווידער נעמען קעניגען, וועט במילא ביליגע צערמאָניאַל-אידישקייט פאַרשוואונדען פון דער אידישער גאַס. אַנטקעגען חכמת התורה וועט ביליגער עם-הארצישער ג-ט'ס-דינסט ניט קענען בייששטיין. קבלת עול מלכות שמים וועט זיך ניט קענען מאַרקירען אין קאָנווענציאָנעלען פוסטען „שעמא איזראעל" געזאַנג. עם-הארצות וועט לייכט דעמאַסקירט ווערען אין ליכט פון דער תורה. אַזעלכע מצוות ווי הדלקת נר שבת — געקניפּט און געבונדען מיט עפּענטלעכען חילול שבת — וועט זיין ללעג ולקלס.

אַלע איבלען אין אידישען לעבען ווערען קודם כל פאַראור-זאַכט פון חסרון ידיעות התורה. נאָר ביי אומבאַוואוסטזיניגע מענשען שיינט אימיטאַציע ווי גאָלד. ווען אָבער ידיעות און למוד התורה וועלען אילומינירען און באַלייכטען די אידישע גאַס, וועלען אַלע פאַלש-מינצער זיך פאַררוקען אין די נארעס... כבוד התורה וועט ווידער וואַרעמען און לייכטען, **ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים**.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", ערב ראש השנה תשי"ז.

דער גלויבען אינים 13-טען „אני מאמין"

געווידמעט דעם 75־סטען געבורטסטאָג פון הרב הגאון ר' אליעזר סילווער שליט"א.

— עוד ינובון בשיבה, דשנים ורעננים יהיו.

מיר רעדען דאָס מאָל וועגען השארת־הנפש. דאָס איז — ווי מען זאָגט אין דייטשמעריש — אַ „זאָנדערבאַרע" טעמע. וואָרום ווער משוגע'נער וועט זיך היינטיגע צייט אַוועקשטעלען רעדען וועגען השארת־הנפש?...

מען רעדט ביי אונז וועגען די הייליגסטע מצוות, ווי שבת, כשרות, און די גאָר געוואַגטע רעדען אויך וועגען טהרת־המשפחה, און די גאָר־גאָר געוואַגטע — אויך וועגען אמונה בד', און דערמאָנען אויך אַ ביסעל וועגען השגחה־פרטית... אָבער ווער וועט זיך דאָס דערלויבען צו רעדען וועגען ביאת־המשיח, אַז מיר גלויבען און וואַרטען יעדען מאָמענט אויפ'ן קומען פון משיח צדקנו, טאַקע ווי די אַמאָליגע אידען? היינטיגע צייט קען אַזאַ הייליגער גלויבען מיינען — פאַרראַט, שנאת־ציון און אַלץ וואָס אין דער קאָרט! יאָ מען מעג רעדען וועגען נביא'ישער וויזיע, און מאַכען „באחרית־הימים'דיגע" קאָמפּאָזיציעס, און מען מעג זאָגאַר זינגען „אני מאמין בביאת המשיח" ביים — „דריטען־סדר", רחמנא ליצלן — אויב נאָר מען מיינט עס ניט אויף אַן אמת... אָבער תחיית־המתים און השארת־הנפש — זאָל דער אין הימעל אָפּהיטען!

און דאָך איז דער 13טער „אני מאמין" (שיהי' תחית־המתים) דער ווינקעל־שטיין פון אַלץ וואָס איז הייליג ביי אידען. מען איז אַ איד אין אַלע הינזיכטען נאָר ווען מען גלויבט און מען טראַכט אין השארת־הנפש אין איר גאַנצער ריינקייט און ערהאַבענקייט. און אויב אָט דער יסוד־היהדות ווערט פאַרשוויגען, דאַן איז אַלץ אין אַ צושטאַנד פון פאַרשווינדען. ווען אַ איד הערט־אויף צו זיין אַ איד אין טראַדיציאָנעלען זין, ווערט ער אַ שרעקליך־טראַגיש באַשעפעניש. ער פאַרלירט דעם גאַנצען זין פון לעבען און טויט. די מענשען פון „וועלטליכע אידישקייט" זוכען אימיטאַציע, ווי אַ „דריטער סדר", אידישע מאַכלים, פאָלקס־ניגונים און אַ ליטעראַרישע דערציילונג. אָבער די אַלע זאַכען קענען זיי פאַר קיין פאַל נישט צופרידענשטעלען...

אַט האָב איך נישט לאַנג צוריק געלעזען וואָס אידען שרייבען צו מאַנכע אידישע צייטונגס-שרייבער, די פּראָפּאַגאַנדיסטען פון „וועלטליכע אידישקייט".

שרייבט איינער: „איך באַמי זיך צו פאַרשטיין אייך און אַזעלכע אידען ווי איר, אָבער איך מוז זאָגען, אַז מיין באַמיאונג איז אומזיסט. איך דרינג פון אייערע אַרטיקלען, אַז איר זענט צופרידען וואָס איר זענט אַ איד. אָבער מיינט איר טאַקע. אַז מיט שטודירען שלום-עליכם'ען, מענדעלע און ענליכע אידישע שרייבער, קען מען דאָס דערגרייכען?..."

אַ צווייטער לעזער שרייבט, אַז „עס זעט אויס, אַז איר ווילט גאָר-נישט אָפּלאָזען די פּיקציע פון „וועלטליכע אידישקייט". וואָס מיינט איר מיט אידישער קולטור און אידישען שטייגער — אויב נישט דאָס טאָטאַלע אין אידענטום, איך מיין די אייביגע ווערטען, וועלכע האָבען ראַפינירט און קריסטאַליזירט דעם איד אין פאַרלויף פון דורות?... נאָר די אידישע רעליגיע האָט געשפּילט און וועט שפּילען די גרעסטע ראָלע אין דעם לעבען פון'ם איד"...

מען האַלט נאָר אין איין זאָרגען פאַר'ן נאַציאָנאַלען קיום און פאַר המשך (פאַרזעצונג). אָבער וואו ביזט דו, איד, אַליין? אויב דו אליין האָסט נישט קיין המשך, איז וואו איז די לאָגיק, אַז דו זאָלסט זאָרגען פאַר'ן המשך פון דיין פאָלק?... אם אין אני לי, מי לי? אויב עס איז נישטאָ קיין „לי" — איז דאָך קיין זאַך נישטאָ. ואהבת לרעך כמוך! — אויב אין דער זעלבער צייטונג דערציילט אַ צווייטער שרייבער, אַז „מען טראַכט צען מאָל אין טאָג וועגען זעלבסט-מאָרד", איז ווי קען אַזאַ איינער פּעאיג זיין אויף „ואהבת לרעך", אַז ער האָסט זיך אַליין, אַז ביי אים עקזיסטירט גאָרנישט דער „כמוך"?! און מען קען פאַרשטיין די פאַרצווייפלונג פון אַזעלכע נישט-גלויביגע מענשען, ווייל זייער אייגענער פערזענליכער „איך" איז אינגאַנצען אָן אַ צוקונפט, און זיי זענען דערפאַר דורכגעדרונגען מיט דעם גאַנצען באַוואוסטזיין פון אַן אומפאַרמיידליכען ווערים'דיגען סוף...

אַלץ אין דער נאַטור האָט המשך. קיין זאַך ווערט נישט פאַרלוירען אין דער אייביגקייט. אין פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע ווערט עס גאָר דערהויבען צו אַ העכערען שטאַנד. די פלאַנצונגען,

וואָס ווערען ארויסגעריסען פון דער ערד, ווערען איבערגעטראָגען אין „חי", לעבעדיגע ווזענס. און אויך די לעבעדיגע באַשעפענישען, ווען עס שלאָגט זייער לעצטע שטונדע, און נאָכדעם ווי זיי ווערען גע'שחט'ן, ווערען זיי ערשט דאַן דערהויבען צו דער שטופע פון „מענש", אין וועלכען זיי ווערען פאַרקערפּערט... אָבער ווען עס שלאָגט די לעצטע שטונדע פון דעם מענש אליין, דער בחיר-היצירה, ווערט ער דאַן גאָר — לויט דעם באַגריף פון די „וועלטליכע" וועגען תחיית-המתים און השארת-הנפש — אַן עקעלהאַפטע נבלה...

לויט אָט די אויפפאַסונגען זענען טאַקע די „געדאַנקען" וועגען זעלבסט-מאָרד זעהר פאַרשטענדליך, אָבער וואָס עפּעס די זאָרגען וועגען נאַציאָנאַלען-המשך?!

דער איד, וואָס גלויבט אין תחיית-המתים און השארת-הנפש, שטאַרבט קיינמאָל נישט אָפּ. וואָס עלטער ער ווערט און וואָס מער ער ווערט שוואַכער פיזיש, אַלץ מער ווערט זיין גייסט קרעפטיגער, קלאָרער און שטאַרקער. „זקני תלמידי-חכמים, כל זמן שמזקינים דעתם מתיישבת עליהם", דער תלמיד-חכם זעט עס אָפען, אַז ווען עס קומען די לעצטע מאָמענטען פון ערדישען לעבען און די פיס הערען אויף צו גיין, די אויגען — פינסטער און אַלץ אינ'ם קערפּער שטעלט זיך אָפּ — בלייבט נאָך אַלץ זיין גייסט, די נשמה אין אים, פריש און קלאָר. די נשמה ווייסט גאָר-נישט פון קיין שוואַכקייטען. וואו זענען די נשמה'דיגע אַנגסטען ווען דער מענש וואַרפט זיך אין זיינע קערפּערליכע טויט-קאָנוואולסיעס? נישט אַנדערש, נאָר אַז די נשמה טיילט זיך איצט אָפּ פון איר קרענקליכען פיזישען שכן — השארת-הנפש! דער צלם-אלוקים פונ'ם מענשען קערט זיך איצט צוריק צו איר באַשעפער צו געניסען פונ'ם זיו-השכינה.

„ווען קיין פולער גלויבען איז נישטאָ — שרייבט אַ „וועלט-ליכער" שרייבער אין אַ אידישער צייטונג — קען אויך נישט זיין קיין במקום פאַר אים", און דערפאַר — זאָגט ער ווייטער — „מוז דאָס נאַציאָנאַלע, דאָס וועלטליך-נאַציאָנאַלע דאָמינירען, פירען און לענקען אונזער גאַנצע גייסטיגע טואונג"...

איר וועט זאָגען דערויף: פריש, קלאָר און משוגע? ניין, מיינע פריינד, דער דאָזיגער שרייבער איז נישט דער אויסנאַם פון כלל, נאָר אַן „אין בפרט אלא מה שבכלל".

און אַט לאָמיר הערען וואָס דער ערשטער שרייבער ענטפערט זיינע לעזער, וועלכע דריקען אויס די מיינונג, אַז „נאָר די אידישע רעליגיע האָט געשפּילט און וועט שפּילען די גרעסטע ראָלע אין דעם לעבען פון איד".

„איך האַלט — שרייבט ער — אַז מען קען זיין אַ גוטער נאַציאָנאַלער איד, נישט זייענדיג קיין רעליגיעזער איד. אוודאי איז דערצו ווייניג צו זינגען אַ „אידיש לידעל", אָדער צו לייענען שלום-עליכם'ען, אָדער צו פּראַווען אַ „דריטען סדר". פון די בלויזע „דריטע סדר-אידען" וועט אידישקייט האָבען נישט קיין סך מער נחת ווי פון די בלויזע „יום-כפור-אידען". מיט „לייכטע אידישקייט" וועט מען נישט פאַרזיכערען די אידישע עקזיסטענץ, נישט אין אַמע-ריקע און נישט אין ישראל".

דוכט זיך זעהר גוט געזאָגט, אָבער הערט דעם אויספיר:

„און דעמאָלסט — זאָגט דער זעלבער שרייבער צום שלוס — ווען מיר גייען צו מיט דער אַנדערער מאָס, ווערט שוין דאָס לייענען שלום-עליכם אַ סימן פון אידישקייט, און אפילו בלויז דאָס זינגען אַ „אידיש-לידעל" אַ גאַנץ וויכטיגער סימן פון אידישקייט".

פרעגען מיר אַט דעם שרייבער: — איר זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ סימן פון אידישקייט, אָבער וואָס איז די אידישקייט אַליין? האָט איר אַ קשיא אויף אַ משוגע'נעם. נאָר ריכטיגער וואָלט געווען צו האָבען מיטלייד מיט אַזאַ איינעם פון די „זקני עם-הארץ", וואָס פילט דעם טאָטאַלען טויט אין זיין גאַנצען וועזען...

אָבער גליקליך זענען די „זקני תלמידי-חכמים", וועמען די אַלטקייט פון'ם קערפּער איבערצייגט נאָך מער אין דער יונגקייט פון דער נשמה, אין דער זיכערקייט פון השארת-הנפש. ביי די תלמידי-חכמים איז טאַקע „כל זמן שמזקינים, דעתם מתיישבת עליהם"!

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", יוני-יולי, 1956.

רעליגיעזע אידען, ראטעוועט אייערע אינסטיטוציעס!

מען דערציילט פון אַ חסידישען רבי'ן, אַז אין ראש־השנה, פאַר תקיעת־שופר האָט ער געזען אַ גרויסען קטרוג אין הימעל אויפ'ן כלל־ישראל. די מקטרגים האָבען דערקלערט, אַז ווען מען קוועטשט אוים אַלע אידישע תפילות, קומט פון זיי ארוים — געלט. דאָס געלט ליגט די אידען אין זינען זאָגאַר ווען זיי זאָגען די תפילות פון „ובכן תן פחדך" און „ובכן צדיקים". אַלץ איז ביי די אידען — געלט...

האָט דער רבי גענומען ממליץ זיין פאַר'ן בית־דין של מעלה, אַז עס איז ריכטיג, דאָס אידען בעטען אויף געלט, אָבער עס איז אויך ריכטיג, אַז די אידען דאַרפען האָבען דאָס געלט פאַר — תורה, מצוות און מעשים־טובים. דער איד בעט טאַקע פאַר געלט, אָבער ער דאַרף דאָס געלט צו צאָלען דעם מלמד וואָס לערענט מיט זיינע קינדער תורה; צו צאָלען דעם רב, זיין גייסטיגען פירער; פאַר'ן שוחט און פאַר אויפהאַלטען זיין שוהל, און בית־המדרש, וואו ער דאַווענט און לערענט, פאַר געבען צדקה און פאַר אַלערליי אַנדערע הייליגע און גוטע זאַכען.

מיר וואָלטען אָבער זעהר שטאַרק געוואָלט אַז אויך דער היינטיגער איד זאָל אין היינטיגען ראש־השנה און יום־כפור זיך אידענטיפיצירען מיט'ן אַמאָליגען איד און באַגרייפען, אַז אויפצוהאַל־טען תורה און צו טאָן מצוות און מעשים־טובים מוז מען האָבען געלט. יעדער איד מוז דאָס פאַרשטיין, און אויב נישט — דראָט אונז די געפאַר פון אונטערגאַנג!

עס שלאָגט שוין די צוועלפטע שטונדע! די שענסטע יונגעלייט, וואָס מיר, רעליגיעזע אידען פאַרמאָגען, לויפען אַריבער, מיט אַ שווער האַרץ צום קאָנסערוואַטיווען־לאַגער. ווייל דאָרטען צאָלט מען גוט געלט און אויך אין צייט, און דאָרטען באַהאַנדעלט מען דעם רב, דעם לערער און דעם חזן, אָדער בעל־תפילה, מיט גרוים רעספעקט.

ביי אונז דאַגעגען איז אַלץ פאַרקערט. דאָס געהאַלט (וויידזשעס) איז קוים־קוים, און אויך דאָס קלעגליכע געהאַלט ווערט נישט געצאָלט אין צייט, און דערביי ווייזט מען ביי אונז נישט ארוים קיין סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפענישען פון אונזערע גייסטיגע פירער...

עס איז דערפאַר גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס דער אין אַמעריקע־דערצויגענער אידישער יונגערמאַן קען נישט אויסהאַלטען אַזאַ לאַגע, און ער אַנטלויפט פון אָרטאָדאָקסישען לאַגער און מיט דער צייט ווערט ער דעגראַדירט צו דער קאַטעגאָריע פון — „מהרסיך ומחריביך"...

היינטיגען ראש־השנה און יום־כפור מוז געהערט ווערען פון אַלע בימות אין אַלע שוהלען, חסידים־שטיבלעך און אַנדערע מנינים אַ מעכטיגער רוף צו ראַטעווען דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום אין אַמעריקע פון גייסטיגען אונטערגאַנג — דורך אַ געלט־טראַנספוזיע! די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז אָרטאָדאָקסישע אידען גיבען נישט קיין געלט, מוז אָפּגעלייקענט ווערען. אַ טאָטאַלע תשובה אויף דעם געביט מוז דורכנעמען אַלע אָרטאָדאָקסישע קרייזען. עס דאַרפען תשובה טאָן די שוהל, די תלמוד־תורה, די ישיבה און די מתיבתא. עס וועט זיך דאַן אויפהערען דאָס אַריבער־לויפען צו די קאָנסערוואַטיווען.

ווען אָבער עס וועט אַלץ בלייבען ביים אַלטען: די שוהל וועט ווייטער געבען איר רב אַ הונגער־לוין, און דאָס אויך דורך בזיון; דער חזן וועט אַלע יאָר פאַרביטען ווערען דורך אַ נייעם „בארגיין", און אין דער תלמוד־תורה און ישיבה וועט נישט זיין קיין קוואַליפיצירטער מנהל, ווייל דאָס קאָסט געלט, און אָרטאָדאָקסישע אידען גיבען נישט קיין געלט, סיידען דער מנהל איז גלייכצייטיג אַן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, וואָס דעקט אַליין דעם בודזשעט... און אויב עס איז נישט פאַראַן קיין קוואַליפיצירטער מנהל, זענען די ראשי־הישיבה און די לערער ווי אַן אַ פּאַסטוך און נאָך דערצו אָן פּאַשע... און אַלע פּאָר מאָנאַטען איז — אָדער די ישיבה פאַרמאַכט זיך, אָדער די לערער סטרייקען, און דער זעלבער טרויעריגער צושטאַנד וועט, חלילה, הערשען ווייטער אין אַלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס, ווי זיי זאָלען נישט הייסען — אגודת־הרבנים, אָדער גאָר אַ רעליגיעזע צייטונג, וואָס קיין געלט צו דערהאַלטען זייער עקזיסטענץ גיט מען זיי נישט, נאָר דערפאַר האָט מען צו זיי גאָר פיל טענות, — אויב עס וועט ווייטער אַזוי אָנגיין — איז די געפאַר פאַר אידישקייט אין אַמעריקע זעהר גרויס, און יעדער באַוואוסטזיניגער רעליגיעזער איד מוז זיך וועגען דעם שטאַרק פאַרטראַכטען!

עס וועלען נישט העלפען די „בריוועלעך" אין די אָרטאָדאָקסישע זשורנאַלען, פול מיט שטעכעדיגען מוסר צו די יונגעלייט וואָס אַנטלויפען צו די קאָנסערוואַטיווע שוהלען און תלמוד־תורות. די „בריוועלעך"־שרייבער דאַרפען זיך אליין זאָגען מוסר, ווייל זיי קענען נישט זאָגען: „ידינו לא שפכו את הדם הנקי הזה". זיי האָבען גאָר־נישט געטאָן, אַז עס זאָל נישט קומען צו אַזאַ טרויעריגע לאַגע.

די אַנטלויפער צו די קאָנסערוואַטיווען זעען נאָכאַנאַנד די פאַרברעכערישע נאָכלעסיגקייט פון די אָרטאָדאָקסישע מאַסען צו זייערע לעבענס־אינסטיטוציעס און די גרינג־שעצונג צו זייערע רעליגיעזע פירער; פון דער צווייטער זייט זעען זיי אויך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון די קאָנסערוואַטיווען צו זייערע אינסטיטוציעס און רעליגיעזע פירער. אַזאַ יונגערמאַן ווערט טאָג־טעגליך באַוואָרפען מיט דער פאַרצווייפעלטער פראַגע פון זיין פרוי, אָדער אַנדערע נאָענטע מענשען: „וואָס וועט זיין דער תכלית? מען דאַרף דאָך עסען"!... און מיט אַ שווער הארץ גייט דער יונגערמאַן צו די קאָנסערוואַטיווען, וואו ער באַקומט אַ גוטע שטעלע, גוט באַצאָלט און וואו מען גיט אים אויך גאַנצע עמערם מיט כבוד...

איידער עס ווערט צו שפעט, און עס ווערט אַ תל פון אַלץ וואָס מיר האָבען געבויט מיט בלוט־און שוויים — מוזען מיר אויסרופען אַ הייליגע פליכט אויף יעדען אָרטאָדאָקסישען איד אין אַמעריקע צו טאָן די מצוה פון „עשר תעשר"! יעדער איד זאָל געבען צען פראָצענט פון זיינע פאַרדינסטען אויפצוהאַלטען זיינע מקומות הקדושים, מיט אַזוי פיל כבוד ווי ביי די קאָנסערוואַטיווען. היינטיגען ראש־השנה און יום־כיפור מוז אָט דער רוף געהערט ווערען אין אַלע שוהלען.

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

צוליב דער ערנסטקייט פון דעם אָנגעווייטאָגטען פּראָבלעם וואָס אונזער ווירדיגער מיטאַרבייטער, הרב יהודה אַלטוסקי, באַהאַנדעלט אין זיין אויביגען אַרטיקעל, זענען רבנים און אָרטאָדאָקסישע רעדנער אין אַלגעמיין געבעטען צו רעדען וועגען דעם היינטיגען ימים־נוראים אין די שוהלען.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", תשרי, תשי"ז.

פאר גורל׳דיגע באשלוסען

צו דער קאָנווענשאָן פון „אגודת הרבנים״.

די קאָנווענשאָן פון דער אגודת הרבנים אין דער וואָך פון ח׳ כסלו שטייט פאַר גורל׳דיגע אויפגאַבען. אילו זכינו — וואָלטען עס געווען ימי שמחה וששון. כנוס לצדיקים איז דאָך נאה להם ונאה לעולם. אידען וואָלטען זיך אָנגעטאָן יום-טוב׳דיג און געקומען פון אַלע שטעט און שטעטלעך נהנה צו זיין צו זען צדיקים יושבים וכו׳; צו זען מיט די אייגענע אויגען די מאורי וגדולי ישראל, און צו הערען זייערע חוצבים להבות-אש׳דיגע רייד. זיי וואָלטען צוריקגעקומען אין זייערע שטעט אויפגעמונטערטע און באַגייסטערטע צו פאַרווירקליכען אין לעבען מה שדרשו רבותינו.

אָבער עכשיו שלא זכינו — איז די אגודת הרבנים קאָנווענשאָן איינע פון צענדליגער אַנדערע קאָנווענשאַנס. שוין צוליב דעם פשוט׳ן טעם אַליין פון אין כסף לאדון זה... רוחין ערטילאין האָבען נישט קיין אָנהאַלט אין אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט.

און אין באַצוג צו די חברים פון דער אגודת הרבנים איז דער באַגריף „רוחין ערטילאן״ ווייט פון אַ געוויינליכען פראַזעאָלאָגישען אויסדרוק. עס איז די מציאות אַליין. אוודאי זענען זיי די איינציגע אנשי הרוח אויף דער אידישער גאַס. אוודאי זענען זיי, ממש, די איינציגע וואָס מעגען זיך באַנוצען מיט׳ן טיטעל „רב״, ווייל זיי אַליין זענען די וואָס זענען נסמך געוואָרען להורות ולדון, מיט דעם תלמודישען סמיכה-נוסח פון יורה יורה, ידין ידין, וואָס גיט נאָר זיי די רעכט, די אויסשליסליכע רעכט, צו דערשיינען אַלס רבנים.

אָבער גיי שריי חי וקיים. די גאַס, די גרויסע שוהלען, געפעלט בעסער דער כחל ושרק פון די סמרטוטים...

די אגודת הרבנים, אַלס אָרגאַניזאַציע, איז נישט ווייניג שולדיג אין דעם צושטאַנד געקומענעם מצב. אויף אירע אַמאָליגע גלאָררייכע קאָנווענשאַנס, ווען זי איז נאָך כמעט געווען די איינציג-אָנערקענטע רבנישע אָרגאַניזאַציע צו וועמען די אידישע גאַס האָט זיך צוגעהערט. האָט זי דאַן געלויבט, שטאַרק געלויבט, די אַמעריקאַנער ישיבות

נישט פאָדערענדיג גלייכצייטיג איר, איש מפי איש, רעכט אויף אַרויס־צוגעבען סמיכה צו זייערע תלמידים...

אָט דער פאַרזען האָט געברענגט צו די „יורה"־סמיכות און די „ספּירישועל־לידער"־סמיכות... און אויב אין אָנהויב האָבען נאָך די תלמידים שלא מלאו כריסם בש"ס ופוסקים אַרויסגעקוקט מיט יראת־הכבוד צו דער אגודת הרבנים, און זייערע הויפּט־באַאַמטע זענען געווען גלייכצייטיג חברים פון דער אגודת הרבנים, און זייערע חברים האָבען געהאָדעוועט אין זיך די אַמביציע צו ווערען חברים פון דער אגודת הרבנים דורך זיצען יומם ולילה צו לערנען דאָס וואָס זיי האָבען נישט געלערנט אין דער ישיבה; איז אָבער ביסלעכווייז די מאַמע אַראָפּ פון איר גדולה, און די פּוסטע קינדער האַלטען זיך שוין גרעסער פון די תורת אמך.

די יעצטיגע אגודת הרבנים קאָנווענשאָן דאַרף אָפּהאַלטען דעם באַרג־אַראָפּ־לויף און צוריקברענגען דעם כבוד הרב ליושנו, פאַר די טובה פון כלל ישראל און פאַר די טובה אפילו פון די האַלבע רבנים, ווייל נעמט מען זיך קייקלען באַרג־אַראָפּ, איז שוין נישטאָ קיין אָפּהאַלט. איז שוין רעכט, אַז הרב סטעפּאַן איז דער „רב", און דער האַלבער רב איז שוין „אָלד־פעשאָנד".

זאָל די קאָנווענשאָן געפינען אַ וועג צו קאָאָפּערירען מיט די האַלבע רבנים אויף אַ געוויסען מאָדוס, וואָס זאָל האָבען פאַר זיין צוועק השתלמות ברבנות ממש...

עס איז אָבער גאַנץ צווייפעלהאַפט, צי עס וועט ברענגען באַלדיגע רעזולטאַטען — צוליב דעם זעלבען רוחין ערטילאין־מאָטיוו... די יעצטיגע קאָנווענשאָן מוז אויף זיך אַרויפציען אַ ביסעל הויט, פלייש און ביינער. פּשוט גערעדט, אָנהויבען אַ פּלאַן־מעסיגע טעטיג־קייט פון זאָרגען און באַזאָרגען רבנים פאַר קהלות און קהלות פאַר רבנים. דאָס איז דאָך אייגענטליך די הויפּט־אויפגאַבע פון אַן אגודה פון רבנים...

דער אַמעריקאַנער בן תורה איז גאַנץ שטאַרק געניגט צו זיין אַן אמת'ער בן תורה. ער וואָלט גערן געשטרעבט צו לערנען אויף אַן אמת און זיין ראוי צו ווערען אַ חבר אין אגודת הרבנים; אָבער דאַן מוז ער דאָך האָבען דעם זעלבען אָפּים, ווי אין אַנדערע

אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָל אים באַזאָרגען מיט אַ רבנות-שטעלע דורך אָפּים אינפאָרמאַציע, הילף.

אין די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ביישטייערט זיך דאָך דער אָפּים אפילו אין דער שכירות פון נייעם רב און ווייל די אגודת הרבנים איז ביז יעצט געווען צו אירע חברים הוילע רוחניות און, אפשר, כבוד, איז דעריבער שווער אָן אַ ניי-אויסגעאַרבעטע קאָנסטיטוציע אַריינצוברענגען אַ נייע אָרדענונג. די נייע קאָסטיטוציע וועט אויך האָבען דעם דיסציפּלין קאָדעקס פאַר די אויגען. ביטול און לא נהגו כבוד זה בזה האָט נישט ווייניג געברענגט צום איצטיגען מצב.

מיט באַנייטע דיסציפּלינירטע כחות וועט די אגודת הרבנים ארויסקומען געשטאַרקט פון דער קאָנווענשאָן.

*) געדרוקט אין „די אידישע וואָך", כ"ח חשון, תשי"ז.

ערציאונג, דער פונדאמענט פון אידישקייט

אין אונזער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אידישקייט און זייערע לייזונגען, דאַרפען מיר זיך שטענדיג דערגרונטעווען צום הויפּטקוואַל פון אַלע פּראָבלעמאַטישע פראַגען. גליקליך איז דאָס פאָלק, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרפירען און פאַרבלענדען פון אויפגעבלאָזענע אינטערעסען, צוליב וועלכע מען קען דערווייל פאַרגעסען אין די וויכטיגסטע זאַכען, און ווי איז צו דעם יעניגען, וואָס לאָזט זיך פירען פון דעמאַגאָגען, וועלכע ווייסען ווי צו פלוידערען וועגען אַלעם אין דער וועלט, און דאָס מאַכט אייך צו פאַרזען דעם עיקר.

וואָס איז דער עיקר, דער פונדאַמענט פון אידישקייט? — דערציאונג. „למען יצוה את בניו ואת ביתו אחריו". און גראָד וועגען דערציאונג, וועגען אונזער טראַדיציאָנעלען חינוך איז שטיל אויף דער אידישער גאַס — סיי דאָ אין אַמעריקע און סיי אין ארץ ישראל.

מיר ווערען פאַרטומעלט וועגען חילול-שבת אין ארץ-ישראל, אָבער מען רעאַגירט גאָר-נישט אויף דעם וואָס די מערהייט פון די אידישע קינדער אין ישראל, וועלכע לערנען אין די אַלגעמיינע דערציאונגס-אַנשטאַלטען פון דער רעגירונג ווערען דערצויגען אָן תורה און אָן טראַדיציע.

נאָר וואָס עפּעס בלויז וועגען ישראל, און וואָס איז מיט דער דערציאונגס-פראַגע ביי די פינף-זעקס מיליאָן אידען אין אַמעריקע? האָבען די קינדער פון די היגע ציוניסטישע טוערס נאָך וועלכע עס איז פאַרבינדונג מיט טראַדיציאָנעלער אידישקייט? געוויס איז ארץ-ישראל הייליג, אָבער וואָס טוט מען מיט דעם: „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר"! אז מען וויל זיין אַ ציוניסט, מוז מען פריער ראַטעווען די קינדער פון גייסטיגען אונטערגאַנג.

און אויך די שוהלען שטייען נישט אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם טומעל. אַלטע אידען, וועמעס קינדער עס האָבען שוין פאַרגעסען דעם וועג צו אַ שוהל, ווייל זיי קענען זאָגאָר נישט דאַווענען אויך זיי רעדען וועגען אַלץ אין דער וועלט, נאָר וועגען דערציאונג, דאָס איינציגע מיטעל צו ראַטעווען אידישע קינדער פאַר אידישקייט — וועגען דעם — אַ וואָרט נישט! עס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז

די דאָזיגע אידען שעמען זיך נישט צו זאָגען אָפען, אַז דער שמש פון שוהל איז זייער „קדיש”... און וועלכער רב, וואָס דערלויבט זיך צו זאָגען אַ וואָרט געגען זייער פירונג, איז — „אחת דתו להמית”! פון צייט־צו־צייט מאַכט מען נאָך אין שוהל אַ בעטלעריש־דאָלאַרדיגען אַפּיל פאַר אַ ישיבה, און מיט דעם האָט מען שוין „דערפילט די פליכט” פאַר דער גייסטיגער צוקונפט פון אַמעריקאַנער אידענטום!

און אויך די אַזוי־גערופענע ישיבה־טוערס קענען זיך נישט ארויסהויבען פון דער ביטול'דיגער באַציאונג צום חינוך, דעם נערוו פון אונזער לעבען. מיט גאָר קליינע השגות גייען זיי צו צו דער פראַגע פון אונזער רעליגיעזער דערציאונג. דאָס ביסעלע ישיבות וואָס איז פאַראַן דאָ אין אַמעריקע, ראַנגלען זיך אויפצוהאַלטען זייער עקזיסטענץ. וואָלט עס דאָך געווען עלעמענטאַר פּראַקטיש, אַז זיי זאָלען זיך פאַראייניגען און צוזאַמען אָנפירען אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַקציע צווישען דער אידישער באַפעלקערונג אין דעם לאַנד, אַז יעדער איד זאָל העלפען דערהאַלטען און פאַרגרעסערען דעם תורה־חינוך. נו, איז די פאַראייניגונג פון די ישיבות שוין געקומען. זי האָט טאַקע אַ היפּש ביסעל פאַרשפּעטיגט, אָבער דאָך געקומען.

נאָר ווי אַזוי, דענקט איר, איז געווען איר ערשטער ארויספאָר אויף דער אידישער גאַס? דער ערשטער אַרויספאָר איז געווען מיט אַ געשריי:

— אידען, שענקט אַ דאָלאַר!

אַזוי ווי שנאָרערס און בעטלערס! פרעגען מיר: איז דאָס אייער צוגאַנג צום קודש־הקדשים פון אידישען לעבען אין אַמעריקע?! ווי נעמט מען דאָס אַזאַ הייליגע אידעע און מען מאַכט זי אַזוי ביליג! עס וואָלט דאָך געווען פיל בעסער ווען מען רופט פריער אַ באַראַטונג פון רבנים, שרייבער און געזעלשאַפטליכע טוער, וועלכע ווייטאָגען מיט דעם חינוך־ווייטאָג, און באַראַטען זיך וועגען די מיטלען ווי אַזוי אויפצושטורמען די אידען אין אַמעריקע צו העלפען ראַטעווען אונזערע רעליגיעזע דערציאונגס־אַנשטאַלטען!

עס איז אָבער נאָך אַלץ נישט צו שפּעט. די וואָס אַרבייטען אין די ישיבות דאַרפען זיך פאַרטראַכטען און פאַרשטיין, אַז מיט נאָך אַ טאָרבע וועט מען נישט ראַטעווען זאָגאַר קיין איין ישיבה, און

געווים קען מען מיט אזא וועג נישט לייזען דאָס ישיבה פּראָבלעם אין אַלגעמיין. די אַרבייט מוז געטאָן ווערען גאַר גרויס, מיט אַ ברייטען פּאַרנעם, וואָס זאָל אויפוועקען דעם אידישען עולם פאר׳ן רעליגיעזען און פרומען חינוך. מען קען דאָ נישט אָפּקומען מיט נעבעכ׳דיגע אַפּילם.

עס וואָלט אָבער זעהר גוט געווען צו רופען באַלד אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון פאַראַנטוואָרטליכע געזעלשאַפטליכע תורה-טוערם. אויף אַט דער פּאַרזאַמלונג זאָל אויסגעאַרבייט ווערען דער פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצוברענגען אויף דער אידישער גאַס דעם וויי-געשריי איבער דער פּאַרנאַכלעסיגטער אידישער דערציאונג.

די דערציאונגס-פראַגע מוז ווערען דאָס הויפּט-פּראָבלעם אין אונזער טאָג-טעגליכען אידישען לעבען.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען”, דעצעמבער. 56

דריי פאַרפירערישע נולען

אין פולשטענדיקע געגענזאַץ צו די דריי קאַרדינאַלע יסודות פון אידישקייט: קבלת **עול מלכות שמים,** קבלת **עול המצוות** און **לימוד התורה** (וועגען וועלכע מיר האָבן גערעדט אין אונזער פריער־דיגען מאמר אין ראש השנה נומער) — זיינען די דריי מכלומר׳שטע רעליגיעזע ריכטונגען אין היינטיגען אַמעריקאַנער אידישער לעבען: **רעפאָרם, קאָנסערוואַטיזם** און די אַזוי גערופענע **„מאָדערן אָרטאָדאָקסיע".**

אדרבא, זייער הויפט-באַזים איז: מלכות שמים — איז ניט דער־לאַזבאַר צו זיין אַן עול... קבלת עול המצוות — איז לגמרי אומדענק־באַר... און לימוד התורה — איז אַ זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענ־הייט... די הויפט-שטריכען זיינען אַלגעמיין אָנגענומענע פאַר די אַלע דריי ריכטונגען. אין פאָרם, אָבער, שיידען זיי זיך און צעטיילען זיך. אַנדערע פאַרדעקען זיך אין אַ טלית שכולה תכלת, און אַנדערע אין אַ טלית תכלת, כאָטש ניט כולה תכלת, און אַנדערע פאַרבייטען עפּענטלעך דעם טלית תכלת אויף אַ גלח׳ישען שאַל... די סכנה פאַר׳ן פאָלק קומט הויפטזעכלעך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פון די טלית שכולה תכלת׳ניקעס, ווייל ניט יעדער קען דאָך דערקענען בין תכלת לקלא אילן!

דאַרף דעריבער דער שווער געוויכט פון אמת-אידישקייט אויפקלערונג געלייגט ווערען אויפצוקלערען דעם אמת׳ן כאַראַק־טער און די סכנות פאַר ריינער תורה-אידישקייט פון די אַזוי גערופע־נע מאָדערנע אָרטאָדאָקסען. דאָס איז ביי היינטיגען טאָג די לעבענס־וויכטיגסטע אויפגאַבע פון יעדען אידישען איד — הירא וחרד לדבר ד׳ ותורתו.

עס איז לא הרי אַמעריקע כארץ ישראל. אין ארץ ישראל קען מען נאָך קעמפען געגען דעם פּורה ראש ולענה אליין. אין ארץ ישראל איז נאָך דער רעפאָרם-געוויקס אַ ווילד פרעמדע פלאַנצונג. דאָרט האָט עס לגמרי ניט קיין אָנהאַלטונגס-פּלאַץ. רעפאָרם וואָס זיין גרונד-פרינציפּ איז צופּאַסונג צו דער אַרומיגער באַפעלקערונג און די פאַרטושונג פון די אייגענע כאַראַקטער-שטריכען, קען דאָך

נאָר געפּערדיגט ווערען אין אַן אָרט וואו די אידישע באַפעלקערונג איז אַ מינדערהייט. אַזוי אַז אין ארץ ישראל איז עס ניט מער ווי אַ פּוסטע כלי אָן דעם מינדעסטען תוכן. עס איז ניט מער ווי אַ קאַפּריז פון גבירישען תקיף וואָס וויל אַרויפצווינגען זיין אידעע־פיקס אויף דעם אָרעמען ברודער וואָס דאַרף אָנקומען צום רייכען געלט־זאַק. און אויב ארץ ישראל האָט נאָך ניט פאַרלוירען איר גאַנצע זעלבסט־ווירדע צוליב די מאָדערנע „דרייצען טאָרבעס", וועט זיך גאַנץ ארץ ישראל אָוועקשטעלען ווי איין מענש געגען דער גביר'ישער חוצפּה פון די רעפאָרמער און זאָגען **„שקילא טיבותך ושדיא אחיזרי", „לא מדובשך ולא מעוקצך"**...

אַנדערש איז אָבער דאָ אין אמעריקע. עס וואָלט געווען אַ דאָן־קיכאָטישע מלחמה צו פאַרשווענדען אונזערע אַזוי אויך אָרעמע כוחות אויף אַרויסצוטרייבען דעם אַלט־איינגעזעסענעם רעפאָרמער תושב פון זיינע קריסטלעך־יודעאישע תיפלות. רשעים אפילו על פתחה של גיהנום אינם חוזרים בתשובה.

די קלאַסישע רשעים, ביי וועלכע דער הויפּט־מאָטאָ באַשטייט אין אַלטען „אין אלקים כל מזימותיו", רעפאָרמירט מיט דער שפּאָגעל נייער הלכה למעשה'דיגע מצוות פון גלוי ראש, אין — לויט זייער קרומער אויפפאַסונג — בית הכנסת... פון רייסען לעבעדיקע שטיקער פון סידור און מחזור... פון חוזק מאַכעריי ביים ראַווענען... זיי זיינען אַ נול אין אידישען לעבען. אפילו ניט קיין פאַרפירערישער נול!

דערציילט מיר אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, אַז ווען ער האָט באַדאַרפט זאָגען קדיש, האָט מען אים אָנגעוויזען אויף אַ נאָענטען רעפאָרם טעמפּעל. אָבער אריינקומענדיג אינעווייניג האָט ער דערזען דריי גויים אין כאָר און ער איז גלייך ארויסגעלאָפען... קאָנסערוואַטיזם אָבער, כאָטש אַ פולשטענדיגער נול, איז ער אָבער פון אַ פאַרפירערישען כאַראַקטער. דער אַמעריקאַנער יונגערמאַן וואָס איז אין קיין ישיבה ניט געגאַנגען, קען זיך שווערלעך אָריענטירען צו דערזען דעם פאַלשען עמבלעם. דער זעלבער אַמעריקאַנער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ פול מויל מיט לויב פאַר דער קאָנסערוואַטיווער שול, אין וועלכער ער איז נאָכדעם אריינגעגאַנגען. מ'דאַווענט דאָרטען כמעט אויפ'ן זעלבען אופן ווי אין דער אָרטאָדאָקסישער שוהל. נישטאָ דאָרט

קיין גלוי ראש, און אזוי ווייטער און ווייטער. אויף מיין רעאגירען אז וואס קומט ארויס פון די אלע גליקען אז עס איז דאך, עיקר חסר מן הספר. דער קאנסערוואטיווער ראביי גלויבט דאך ניט אין קאר־דינאלען יסוד פון אידישקייט, אין תורה מן השמים; ער גלויבט דאך ניט אין השגחה פרטית! איז צו וועמען דאוועגט מען, ווען אויך מען דאוועגט דעם גאנצען דאווענען?! איז זיין רעאקציע געווען א גאנץ לעבלעכע. עפעס גלויבט זיך אים ניט אז ס'איז טאקע אזוי שרעקלעך דער הכצעקתה... דאך אבער זוכט ער ווי ווייט מעגלעך אן ארטאדאקסישע שול. עפעס דער ווארט „קאנסערוואטיוו" רופט ביי אים ארויס א ווידערווילען. פארט איינגעוואוינט צו גיין מיט'ן טאטען אין אן ארטאדאקסישער שוהל.

ווען אבער דער זעלבער יונגערמאן קומט היינט צו צו מיר מיט א צעשטראלטען פנים און דערציילט מיר ווי גליקלעך ער איז וואס ענדלעך, ענדלעך האט ער אויסגעפונען א „**כרכא דכולא בה**", אן אמת'ע שוהל, אן ארטאדאקסישע, און דערצו נאך **מאדערן**. א „מאדערן ארטאדאקסישע שוהל". א שוהל וועלכע פאראייניגט אין זיך אלע מעלות. דעם נאמען און אלע אייגענשאפטען פון אן ארטאדאק־סישער שוהל און אן ארטאדאקסישען רב און דערצו אויך אלע באפוצונגען און דעקארום פון פראכט און גלאנץ. ממש יפיפותו של יפת באהלי שם! בין איך געבליבען שטיין פאר א דילעמע...

איך בין ארייגעצוואונגען געווארען אין אן אומגעלומפערטער פאזיציע פון „אוי לי אם אומר, ואוי לי אם לא אומר". זאל איך אים דערציילען און אויפקלערען אדער בעסער שווייגען? ווי אזוי איך זאל טאן איז שלעכט און ביטער! יא דערציילען — וועט ער געוויס טראגען א שטילען פארדראכט אז קנאה מדברת מתוך גרוני... אלץ טויג ניט, נאר מיינס איז גוט... ניט דערציילען — וועל איך דאך פארברעכעריש עובר זיין אויף „לפני עור לא תתן מכשול", צוליב מיין באקוועמלעכקייט... דער יונגערמאן איז דאך בלינד, ער קען זיך דאך ניט אריענטירען אין דעם פארפירערישען באגריף פון מאדערן ארטאדאקס. עס גלאנצט דאך אזוי שיין און אזוי כישופדיג פארפירע־ריש! ער איז דאך הימעל־ווייט פון קענען זיך פונאנדערקלייבען אין אמת'ע בריליאנטען און אין ביליגע אימיטאציע־שטיינער!

ליגט דאָך אויף אונז אַ הייליגע פליכט אָװעקצונעמען די פאַר־בלענדעניש פון דעם יונגענמאַן און פון טויזענטער אַזעלכע פאַר־בלענדעטע יונגעלייט!

זאָל איין מאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר געמאַכט װערען אין דער אידישער גאַס, אַז די באַװעגונג װאָס רופט זיך „מאָדערן אָרטאָדאָקס״ איז אַ פאַרפירערישער נול. עס איז **פאַרפירעריש**, װייל ס׳איז ניט גענוג צו גלויבען אין אַכטען אני מאמין: אין **תורה מן השמים**. אויב מען גלויבט אין אַכטען אַני מאמין מוז לאַגישערװייז נאָכפאָלגען דער ניינטער אני מאמין: **שזאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו.**

אויב אַזוי פרעגט זיך „מי התיר לך״? װער האָט געגעבען די פולמאַכט צו די „מאָדערן״ אָרטאָדאָקסישע בעלי בתים אָדער רבנים צו ענדערען די תורה? האָבען זיי באַקומען פון בורא יתברך אַן אַנדער תורה, װי די װעלכע זיי האָבען געלערענט ביי זייערע רביים אין אָרטאָדאָקסישע ישיבות.

װאו האָבען זיי געלערענט, אַז מען מעג דאַװענען אין שולען פון **תערובת אנשים ונשים**? װאו האָבען זיי גענומען דעם היתר אויף איינאָרדענען אין שולען **געמישטע טעניק**, מיט׳ן אַנטייל פון זיי אַליין, אָרטאָדאָקסישע רבנים און בעלי בתים? װאו האָבען זיי גענומען דאָס ר׳עכט צו ערזעצן לימוד התורה און דרשות װעגן מצוות התורה מיט לעקציעס װעגן **יונייטעד ניישאַנס, אַטאָם־באָמבע** אָדער **קינזי־רעפּאָרט**?...

זיינען זיי „מאָדערן״ אָדער זיינען זיי געקומען **מאָדערניזירען** דעם תורה׳דיגען כאַראַקטער פון בית הכנסת און די תורה׳דיגע לעבענס־התנהגות פון אידען, אויב אַזוי, איז עס דען ניט װיכטיג, אַז דער אידישער עולם זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל װיסען דערפון. און זאָל עס קלאָר געמאַכט װערען, אַז װער עס איז מרים יד געגען דעם ניינטען אני מאמין, ברענגט אויף צװייפעל אין זיין אמונה אין אַכטען אני מאמין, אין תורה מן השמים און אויך אין צענטען אני מאמין, אַז דער בורא װייסט „**אלע מעשי בני אדם וכל מחשבותם**״...

די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע איז אַ פאַרפירערישער **נול**. מען װיל אונז איינרעדען, אַז „דאָס איז **היינט** דער װעג״. מען װיל **„צוציען״**

אידען, אפנארען זיי, הייסט עס, אז עס איז לייכט און פיין, שיין און באקוועם צו זיין א איד, בכדי זיי אריינצוציען צו אידישקייט. עס קען זיין, אז „מחשבותיך רצויים", אבער די מעשים זיינען ווייט פון זיין רצויים. וויפיל דערפאלגען קען די אזוי גערופענע מאדערנע ארטאדאקסיע באווייזען? וויפיל אפגעפרעמדטע אידען האט זי צוגעצויגען? און צו וואס האט זי זיי מקרב געווען? צו א „סאשעל קלוב"?

איז ניט די העכסטע צייט אנצופאנגען אן אינטענסיווע אויפ־קלערונג געגען דעם דאזיגען אידישקייט־ערזאץ וואס רופט זיך „מאדערן ארטאדאקס"? וואס פריער מיר וועלען דאס טאן, אלץ מער זיינען מיר בכוח צו ראטעווען די אלע וואס שטייען אויף דער שוועל און קענען פארפירט ווערען דורכ'ן פאלשען בליאסק פון דער מאדערן ארטאדאקס אימיטאציע.

מען דארף אידען לאזען וויסען און אויפקלערען, אז ס'איז נאר פאראן איין אידישקייט, א **גאנצע אידישקייט**. אמת, ניט קיין לייכטע, אבער א געשמאקע אידישקייט פון **טועמיה חיים זכו**. מלכות שמים — איז קבלת עול מלכות שמים. מצוות — איז קבלת עול מצוות. און תורה איז **ניט חלילה קיין סערמאן**, נאר פשוט לימוד התורה. ניט קיין „בייבעל קלעס" און אויך ניט קיין „קאסטאם ענד טראדישאנס", נאר טאקע ממש לימוד התורה, וואס פעלט אפטמאל די יונגע מאדערן ארטאדאקס רבנים אליין...

און דא קומען מיר צום אנגעווייטאגסטען פונקט פון דער גאנצער פראבלעם.

די מאדערן ארטאדאקס רבנים זיינען דאך קינדער דערצויגענע אין די פרומע ישיבות — איז דאך ואשימם בראשיכם!

אויך דא איז צום באדויערען מחשבותיך רצויים. א דרך קצרה... טאקע האלב געבאקענע רבנים! אבער — זיי וועלען נאך לערנען... זיי וועלען נאך פרימער ווערען... זיי וועלען... זיי וועלען... אבער מורי ורבותי! אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים. און אויב ניט צו מיר, איז צו אן אידעע פון דער גמרא אז ס'איז נאר דא א דרך ארוכה — וקצרה. פארלאזט שוין דעם אויבערפלעכליכען באקוועמען דרך קצרה. אין דער אנוועזענהייט פון דער אפענער

סכנה פאַר אייערע חניכים און זייערע מחנכים — פירט צוריק איין דעם אַלטען אויסגעטראָטענעם דרך אבותינו פון לימוד התורה בכל חלקי התורה... מוסר, ניט לשם פאַנטאַזיע, נאָר אויף איינצופלאַנ־צען אין אייערע תלמידים הלכה למעשה, קבלת עול מלכות שמים און קבלת עול המצוות — און איר וועט ראַטעווען דעם כלל ישראל לכבוד ולתפארת.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", חשון, תשי״ז.

אז ס'טוט וויי — טוט מען

א.

מ'דערציילט אויף איינעם פון די גרויסע בעלי מוסר, וועמענס פרוי האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיינעם אַ חבר אַז ער קרעכצט מורא'דיג, יעדער קרעכץ זיינער וואַרפט אָן אַ פחד אויף די בני בית, אַז אָט־אָט ענדיגט ער זיך חלילה. דער חבר איז אַריין צום קראַנקען, פאַרברענגט מיט אים אַ שטונדע, און ווען ער איז אַרויסגעקומען פון קראַנקען־צימער, האָט מען שוין מער ניט געהערט קיין איין קרעכץ פון קראַנקען. אויף דער פרוי'ס שאלה וואָס פאַר אַ כשוף ער האָט אָנגעוואָנדען, אָדער וואָס פאַר אַ מאָמענטאַלע באַרואיגונגס־מעדיצין ער האָט באַנוצט? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט אים נאָר דערמאָנט אין אַ לעגנסטיגען מוסר־שמועס, אַז ניט נאָר טאָר מען יע־נעם ניט נאַרען נאָר מ'טאָר זיך אַליין אויך ניט נאַרען, און אויב מ'קרעכצט אַביסעל שטאַרקער וויפיל ס'טוט וויי, איז עס גענאַרט...

אין שייכות מיט די דערציילונג — ווילט זיך אַנאַליזירען דעם „איד"'ס עדיטאָריעל פון פאַר צוויי וואָכען צוריק אונטער דעם טיטעל, „אַז ס'טוט וויי — שרייט מען".

עס פילט זיך אַ מורא'דיגער וויי געשריי פון דעם עדיטאָריעל! עס ווילט זיך זיין אין „באָן־טאָן", און ניט זיין דער שטענדיגער מאָנער און פראָטעסטירער. אָבער וואָס קען מען טאָן, ווען די אידישע גאָס איז פאַרפלייצט מיט פאַלשע אונטערטענער וועלכע ווערען פאַר־שריגען אַלס ג־טליכע האַרמאָנישע מוזיק. אַלע אידישע און אידיש־ענגלישע צייטונגען זינגען אין איין פאַלש־איינגעשטודירטען כאָר, און מ'פאַרשלעפערט דעם עולם מיט זיסליך קרענקליכער מוזיק. אַוודאי טוט וויי דאָס צוצוזען און צוצוהערען. שרייט מען. אָבער — טוט עפּעס אויף דער שרייען צו לינדערען דעם ווייטאָג? און אויב ניט, איז אפשר גאָרניט רעכט צו שרייען, צו פאַרשריגען ווערען אַלס אַ שרייער! און דורכדעם אַריינקומען אין דער קאַטעגאָריע פון „הצועקין ואינן נענים"...

דער ערשטער באַדינג איז, צורו לאָזען די רויע וואונד. די רויע אייטערדיגע וואונד ביי היינטיגען טאָג איז, די ארץ־ישראל'דיגע

פראַגע. ווי מ׳רירט זיך צו צו די וואונד שפּרינגט מען אויף פון ווייטאָג, און עס שרייט זיך אינסטינקטיוו.

ארץ ישראל — דער קודש הקדשים פון אונזער לעבען, ווערט פאַר אונזערע אויגען וואולגאַריזירט אויפ׳ן שענדליכסטען פּראָפאַנעם אופן. ווען דער חזיר שטעקט אריין זיינע שמוציגע פיס אין דער הייליגער ארץ ישראל׳דיגער מויער, ווערט מען ווילענדיג ניט ווילענדיג אויפגעציטערט אויף הונדערטער מיילען.

עס איז אָבער פאַראַן אַ „ישב בדד וידום״! אין דער אַנוועזענהייט פון גרויליגען חורבן, און נאָכמער, קאַטאַסטראָפאַלען גלות פערספּעקטיוו. מוז מען גאָר פאַרבייגיין אין שטילשווייגעניש, כדי זיך ניט צו צעברעכען טאָטאַל! (אידען לומדים ווען זיך דאָ דערמאָנען אין וויכוח פון ר׳ יהושע און די פרושים, אין מסכת בבא בתרא, ד׳ ס׳:).

וויפיעל די אידישקייט לאָגע אין ארץ ישראל איז חורבן׳דיג ביים איצטיגען מאָמענט, איז די נאָענטסטע צוקונפט־פערספּעקטיוו ממש קאַטאַסטראָפאַל. אויב איצט האָט מען נאָך צו טאָן מיט מענשען וואָס האָבען נאָך אַ ידיעת בית רבו, מענשען וואָס האָבען נאָך געלערענט אין אַ אידישען חדר, איז אין צען יאָר אַרום וועט מען דאָך האָבען צו טאָן מיט מענשען אויסגעהאָדעוועטע אין חינוך ממלכתי!!! ווען מ׳גיט נאָר אַ טראַכט פון די פירות וואָס וועלען אַרויסקומען פון דעם זוהמת־הנחש׳דיגען גן עדן, פון דעם אַפּיקורס׳ישען, מומר להכעים׳דיגען חדר, רחמנא ליצלן, ווערט דאָך פאַרגליווערט די בלוט אין די אָדערען, איז — שלא להתאבל כל עיקר — טאַקע — אי אפשר. אָבער להתאבל יותר מדאי, איז טאַקע אויך — אי אפשר. עס פּאַראַליזירט דעם גאַנצען דענקונגס אַפּאַראַט. דער ארץ ישראל׳דיגער שניידענדער ווייטאָג נעמט צו די אויפמערקזאַמקייט צו באַמערקען געשעענישען דאָ אויף אָן אָרט, ממש אונטער אונזער נאָז. להתאבל יותר מדי אי אפשר. אין געגענוואַרט פון דער סכנה׳דיגער נאָענטער, אומפאַרמיידליכען חנוך ממלכתי אומגליק, בלייבען מיר אָפּהענדיג, יאוש׳דיג פאַרצווייפעלט. און — די גייסטיגע שטימונג ווערט שוין, נאַטירליכערווייז, איבערגעטראָגען אויך אויפ׳ן אַמעריקאַנער באָדען, און אויך דאָ שאַפען זיך שטימונגען, וועלכע פאַראורזאַכען אָפּהענדיגקייט און פאַרצווייפלונג. אמת, ס׳איז דאָ אויך געגוג

גרונד דאָ, ווי צו טאָן, אָבער ניט מיט שרייען וועט מען געהאָלפען ווערען. דער באָדען אין אַמעריקע, אין געגענזאַץ צו ארץ ישראל, האָט גרויסע מעגליכקייטען ארויסצוגעבען די שענסטע פרוכט. דאָ הערשען ניט די מומר להכעים'דיגע פרינציפען. עס איז פשוט אַ פארוואָרלאָזטער באָדען, וועלכער ווארט אויף געניטע ענערגישע הענט צו באַארבעטען אים. מיט אייזערנער געדולד, מיט ליבשאַפט און מיט פאראייניגטע כחות קען מען דאָ באַווייזען וואונדער פאר אמת'ער הארציגער אידישקייט.

אין די ווייטערדיגע מאמרים וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף פארשיידענע געביטען אין אַמעריקאַנער אידישען לעבען וואו מ'קען אויפטאָן גדולות ונפלאות. אָבער — כלל זה נקוט בידך, ניט צוצוגיין צום געזעלשאַפטליכען לעבען מיט אַ הילפסלאָזען ווי געשריי, נאָר מיט דער אקסיאמע „אַז ס'טוט וויי — טוט מען", וד' יהי' בעזרנו, אַז מיר זאָלען קענען אויפטאָן גרויסעס למען כבוד ד' ותורתו.

* * *

ב.

איך באַנוץ דעם אויבערשטען קעפּל: „אַז ס'טוט וויי — טוט מען!" ניט נאָר ווייל די סעריע מאמרים זיינען ניט פון דער קאַטעגאָריע פון דרוש וקבל שכר, נאָר זיי זיינען אויסגערעכענט אויף דעם פרינציפּ פון גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, מאמרים מיט פּאָטענציעלען כח, צו פארוואַנדלען די אַלע באַרירטע ענינים אין פּראַקטישע מעשים — איך באַנוץ אויך דעם קעפּל — צוליב דער רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג צו דעם ערשטען מאמר „טראָץ דעם וואָס מיר זיינען מיט מאַנכע אויספירען ניט מסכים". אדרבא, לכו נא ונוכחה. איז דען דאָ אַ וועג ווי צו פאַרצוימען די גיפטיגע השפעה פון דעם אויפוואַקסענדען ארץ ישראל'דיגען דור, וואָס קומט אַרויס פון די ווענט פון דעם כפירה'דיגען חנוך ממלכתי? אוודאי טוט מורא'דיג וויי! אודאי דאַרף מען ראַטעווען יחידים, אמת'ע ישיבות, הייליגע אינסטיטוציעס א. אַז. וו.

אָבער מיר מוזען זיך רעכענען מיט דעם גרויליגען דע-פאַקטאָ צושטאַנד אַז ס'איז ניט אין אונזערע, דרך הטבע'דיגע, מעגליכקייטען צו פאַרצאַמען דעם אבי אבות הטומאה וואָס רופט זיך חנוך ממלכתי,

וועלכער נעמט דאָך אַרום דעם רוב מנין פון די גאַנצע ארץ ישראל׳דיגע יוגענט! קען דען זיין אַ גרעסערע קללה פון די תוכחה ווי צו זען — בניך ובנותיך נתונים לעם אחר, ועיניך ראות וכלות אליהם כל היום, ואין לאל ידיך!...

דאַגעגען אויפ׳ן היגען אַמעריקאַנער באָדען, וואו ס׳איז ניטאָ דער — יודעים את רבונם ומכוונים למרוד בו — קען מען טאַקע טאָן, און ניט יוצא זיין מיט שרייען.

צו די היגע אידישקייט פּראָבלעמען, דאַרף מען צוגיין מיט׳ן באַוואוסטזיין פון פיר שטאַנדפּונקטען. שטאַנדפּונקט נומער איינס איז, אַז מ׳קען אויפטאָן אויף יעדען געביט, בסייעתא דשמיא. ניט קוקענדיג וואָס וואו מ׳גיט זיך אַ ריר, זעט מען חורבנו יותר מבנינו. זיינען עס אָבער צו אונזער גליק אַזעלכע חורבנות, וואָס אויף זיי ווערט געזאָגט „בא אליהו זכור לטוב ושמר לי על הפתח, והמתין לי״... שטאַנדפּונקט נומער צוויי — זאָגט אָבער, ניט צוצעשפּרייטען אונזערע, פּאַרלויפיג, אָרעמע כחות אויף שבעה ימים. לאָמיר בעסער זיך קאָנצענטרירען אויף איין געביט, אויף אַ עיקר העקרים׳דיגען געביט, אויפ׳ן לעבענס-נערוו פון אידישקייט, וואָס איז לטוב לנו ולבנינו, להחיותנו כהיום הזה. די אַנדערע ענינים וועלען שוין נאָכהער לייכטער אָנקומען.

פּשוט׳ער גערעדט, די ערשטע און הויפּט זאָרג אונזערע זאָל זיין אַן עכטע תורה דערציאונג פאַר די קינדער.

שטאַנדפּונקט נומער דריי — מוז אויך זיין גלייך פאַר אונזערע אויגען, אַז מיט צעשפּליטערטע כוחות וועלען מיר גאַנץ ווייניג אויפטאָן. אויב אויף צעשפּליטערטע גע־ביטען איז שווער אויפצוטאָן, איז נאָך פילפאַכיג שווערער אויפצוטאָן מיט צעשפּליטערטע כוחות אפילו אויף איין געביט. אין פאַראייניגונג ליגט די קראַפט! און דער אחרון אחרון, דער נומער פיר זאָגט דאָס אומגלויבליכסטע פון די אַלע פריערדיגע הנחות אַז — פאַראייניגונג איז מעגלעך!!!

וויים איך אַז קיין „באַמערקונג פון רעדאַקציע״ וועט אויף דעם טאַקע ניט קומען, אָבער דער לבא לפומא לא גליא וועט טראַכטען „אַט אַ בטלן״, ס׳איז דאָך — על דא קא בכינא! אויף דעם קלאָגט דאָך טאַקע דער נביא... הערסט, ס׳אַ שיינע מעשה. אחדות ביי

אידען! אינגאַנצען האָט עס געטראָפען איין איינציג מאָל אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע, „ויחן שם ישראל. כאיש אחד, בלב אחד". און די מכילתא זאָגט טאַקע גאַנץ אָפען אַז דאָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער מאָל! איז אָבער די מעשה אַביסעלע אַנדערש... ווי גרויס בטלן איך בין, ווייס איך אָבער אויך אַז „עדיין השטן הזה מרקד בינינו", און משיח איז נאָך ביי די מינוט פון מיין שרייבען ניט געקומען. אוודאי איז נאָך ניט צוריקגעקומען יענער גליקליכער מאָמענט פון כאיש אחד, בלב אחד. גלייכצייטיג, ווייס איך אָבער אויך, אַז אין דער אָנוועזענהייט פון אַ גרויסע געפאַר. ווען אַ שיף זינקט און אַלע פּאַסאַזשירען זיינען אין סכנה, הערען פּלוצים אויף אַלע פריערדיגע צוויסטיגקייטען, און מיט פאַראייניגטע כוחות זוכט מען אַלע עצות ווי זיך צו ראַטעווען. און ווען איינער איז נאָך אַלץ פאַר'עקשנ'ט און גייט זיך אַוועק אין זיין ווינקעלע צו חלומ'ען זיינע אייגענע חלומות, גייט צו צו אים דער קאַפּיטאַן אַליין בכבודו ובעצמו „ויקרב אליו רב החובל, ויאמר לו, מה לך נרדם"?!

אונזער אידישקייט-שיף איז אין גרויס סכנה. מורא'דיגע שטורמדיגע כוואַליעס פון רעכטס און פון לינקס, פון פאָרענט און פון הינטען, ממש פון אַלע זייטען, רייסען זיך איר צו פאַרוואַסערען וואָס מיינט סוף כל סוף דערטרינקען איר אינגאַנצען, חס מלהזכיר. רופט דאָך צו אונז דער רב החובל, דער מנהיג העולם, קודשא בריך הוא — יונה! ישראל שנמשלה ליונה, מה לך נרדם?!

* * *

ג.

עס טוט ווייי דאָס אמת-אידישע הארץ, צוזעענדיג די פאַרשוועכונג פון שבת, למשל. שבת איז דאָך אונזער טייערסטע מתנה, „מתנה טובה יש לי, ושבת שמה", און יעדער פראַפאַנער צוריר, איז דאָך אַנגערירט אין אונזער שוואַרצאַפּעל פון אויג! און אַז עס טוט אַזוי שטאַרק ווייי יעדער באַגאַנגענער חלול שבת אַקט שרייט מען! אָבער פון דעם בלויזען שרייען ווערט דער ווייטאָג ניט לייכטער און ניט אויף אַ האָר מילדער. אַז עס טוט וויי אויף אַן אמת — מוז מען עפּעס טאָן צו לינדערען דעם ווייטאָג. און טאָן קען מען אַ סך, אפילו אין אונזערע ניט גינסטיגע אומשטענדען.

מיט פאַראייניגטע כוחות קען מען אַ סך טאָן אין דער ריכטונג פון פאַרלייכטערען דעם שומר שבת בייצושטיין די קאָנקורענציע פון דעם מחלל שבת.

ווען מען קען העלפען אין דורכפירען אַ שטאַטס-געזעץ, וואָס זאָל דערלויבען דעם שומר שבת צו האַלטען אָפען זיין געשעפט אום זונטאָג, וואָלט אים די זונטאָגדיקע לייזעכץ גוטגעמאַכט די פאַרלוסטען וואָס ער האָט, דורך האַלטען זיין געשעפט פאַרמאַכט שבת, זייענדיג אַרומגערינגעלט דורך שכנים וועלכע נעמען צו זיינע קליענטען, פילע קליענטען אַלענפאַלס, דורך דעם שבת׳דיגען טאָג, און געוואוינען אים אויך אָפּ דורכדעם, אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך. ווען אָבער דער שומר שבת האַלט אָפען זונטאָג — דאַן באַלאַנסירט זיך עס. דאָס איז פון מאַטעריעלען שטאַנדפונקט. נאָך מערער וואָלט עס געהויבען זיין מאָראַלען פּרעסטיזש ביי זיך אַליין און זיין פאַמיליע. און, אויך ביי דער גאַנצער נאָכבאַרשאַפט וואָלט עס געהויבען זיין עקאָנאָמישען און מאָראַלען סטאַטוס. עס איז גאַנץ זיכער אָנצונעמען די היפּאָטעזע, אַז ביי אַזאַ געענדערטען צושטאַנד, וואָלטען פילע פון די איצטיגע מחללי שבת געשעפטס-אינהאַבערס — אויך געוואָרען שומרי שבת. ווען דער געשעפטס אייגענטימער קריגט די מעגליכקייט צו האַלטען זיין געשעפט אָפען איין טאָג פון די צוויי טעג, אָדער שבת אָדער זונטאָג, וואָלטען גאָר אַ סאַך פאַרגעצויגען צו האַלטען אָפען זונטאָגס און שבת פאַרמאַכט. אַזאַ באַוועגונג וואָלט בלי שום ספק געווירקט אויף די אידישע קליענטעלע צו מאַכען זיי שבת באַוואוסטזיניג און איינקויפען אַלעס אין די ששת ימי המעשה און ניט שבת. די גאַס וואָלט אַזוי אַרום אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ שבת׳דיגען אויסזען, די שוהלען און בתי מדרשים וואָלטען געוואָרען פול מיט אידען. נאָכ׳ן דאַווענען וואָלט די גאַס אָנגענומען אַ שבת׳דיגען געמיטליכען גערודער...

דאָס אַלעס איז ניט קיין פאַנטאַסטיש מעשה׳לע. עס ליגט אין אונזערע הענט עס צו פאַרווירקליכען אין אַ רעאַלען לעבענס-פאַקט. די ניט אידישע באַפעלקערונג וואָלט געהאַט די נויטיגע פאַרשטענדעניש און סימפּאַטישע געפילען צו די אידישע רעליגיעזע באַדערפעניש. די פאָדערונג וואָלט געשטימט אין איינקלאַנג מיט דעם הערשענדען גייסט איצט אין אַמעריקע צו פאַרשטאַרקען רעליגיע, און ממילא אָפּשוואַכען דעם קאָמוניסטישען מאַטעריעלען אַפּיקורס׳ישען לעבענס

אנשויאונג... וואָס עס פאָדערט זיך צו מאַכען די בקשה אימפּאָזאַנט און מעכטיג, איז נאָר אַ פאַראייניגטער פראָנט פון גאַנצען רעליגיעזען אידענטום, וואָס זאָל ערשיינען פאַר די געזעצגעבענדע אינסטאַנצען פון דעם שטאַט. ווען די פאָדערונג ווערט געמאַכט אין אַן אָרגאַנטען וועג דורך וועלטליכע פאָרשטייער פון אַן אַזוי גערופענעם „אידישען קאָנגרעס", און גלייכצייטיג דורך אַ געגען פאָדערונג דורך אַזוי גערופענע „כשר בוטשערס".... איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דאָס קען ניט האָבען קיין סימפּאַטישע רעאַקציע.

איז ווידער די זעלבע מעשה אז — אין פאַראייניגונג ליגט אונזער קראַפט. ווען אַלע חרד'ישע עלעמענטען גייען פאַראייניגט אין דער שבת-אַקציע, וואָלט עס ארויסגערופען אויפריכטיגען רעספּעקט. די פאַראייניגונג קען אויך אויפטאָן וואונדער כלפּי פנים, אין דער אידישער מחנה גופא אויף פילע געביטען, און טאַקע אויף דעם געביט פון שבת. פאַראייניגטערהייט קען מען אפשר איינפירען אויך דאַ אַן „ערוב". באַזונדער איז דאָס ניט אויספירבאַר. עס גייט אַריין אין דער בחינה פון זה אוסר וזה מתיר, און עס קען פאַראורזאַכען נאָך מער אַנאַרכיע און פאַרווירונג. פאַראייניגט אָבער — קען דער ערוב אָפּשאַפען פילע, פילע איבלען, און זיין לכבוד ולתפארת.

ווען שבת'דיגע אַטמאָספערע נעמט צוריק הערשען אין דער אידישער גאַס וואָלט דאַן געווען אַן אַבסורד אַ אידישע שבת ציימונג!!! די שבת'דיגע צייטונג וואָלט אַרויסגערופען נאַטירליכען עקעל. עס וואָלט געווען ניט נאָר מוקצה מחמת איסור נאָר טאַקע פשוט מוקצה מחמת מיאוס! די חלול שבת'דיגע צייטונגען קענען נאָר געדייען און פרוכטפערען אין אַ קראַנקהאַפטע אומרייגע חלול שבת'דיגע בלאָטעדיגע אידישע גאַס. זאָל אָבער אַריינדרינגען אַביסעל שבת קודש'דיגע ריינע לופט, וועט די שמוץ, וואָס הייסט היינט „אידישע פרעסע" מוזען פאַרשווינדען פון דער אידישער גאַס. מ'וועט זיך גאָר דאַן וואונדערען ווי אַזוי אַזאַ פאַרזעעניש האָט גאָר געקענט עקזיסטירען! צו רופען זיך „נאַציאָנאַל אידיש" און טרעטען עפענטליך מיט די פיס אויף די הויפּט שטריכען פון אַלע נאַציאָנאַלע אַטריבוטען, פון וועלכע דער שבת איז דער קרוין-דימענט! ס'איז דאָך אַ ווילדע אומגעלומפּערטקייט צו רופען זיך אידישע נאַציאָנאַליס-טען, אַן דער הויפּט אידישער אייגענשאַפט פון שבת!

און נאָך פּרעטענדירען אויף עפּעס כעין „רעליגיעז", מיט דרשות אויף דער סדרה א. דגל. — שטייגט דאָך שוין אריבער אפילו די גרעניצען פון חוצפה און פּשוט'ע אַנשטענדיגקייט. שרייבען אַ דרשה אויף פּרשת כי תשא וואו ס'שטייט מיט פייערדיגע אותיות „כל העושה מלאכה ביום השבת מות יומת", אין אַ סטאַנציע וואו מען שרייבט, מ'דרוקט, מ'פּאַקט, מ'שניידט, מ' טוט כל המלאכות אין דער וועלט ביום השבת!!!

וואָלט אָרטאָדאָקסיע ניט געווען אַזוי צופאָרען, איש לאהלו'דיג. וואָלט אָרטאָדאָקסיע זיך געקענט איבערשטאַרקען איבער אירע צייטוויי־ליגע שוואַכקייטען און געקענט זיך צונויפריידען, וואָלט אונזער גאַנצער אידישער לעבען זיך געקענט אַרויסהויבען פון איר לעטאַר־גישען שלאָף און צוריקקריגען איר קול התורה — וואָלטען די אַלע קול ענות'דיגע טומלערייען אַנטשוויגען געוואָרען אויף אייביגע אייביג־קייטען און ס'וואָלט זיך דערהערט דער הייליגער כשופר הרם קולך...

* * *

ד.

„ווען שבת'דיגע אַטמאָספערע נעמט צוריק הערשען אין דער אידישער גאַס, וואָלט דאַן געווען אַן אַבסורד אַ אידישע שבת צייטונג!!!"

דער זאַץ קען זיין פון אַ פּאַרפירערישען כאַראַקטער. עס קען אויסגעטייטשט ווערען: ערשטענס, ווי אַ גוטער, פרומער וואונש פון באחרית הימים אַז, ווען, א. ז. וו. וועט די שבת'דיגע צייטונג אַליין אונטערגיין. אָבער ניט „אַז ס'טוט וויי — טוט מען"... און צווייטענס, אַז די „אידישע צייטונגען" זיינען טאַקע אידישע, ווען ניט דער ענין פון חלול שבת. און ווען זיי זאָלען אויפהערען צו דערשיינען שבת, וואָלטען זיי שוין געווען פיין און גוט... די ביידע איינדרוקען זיינען פאַרפירעריש! וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף דעם ענין אידישע פּרעסע, איידער מיר גייען אריבער צו אַנדערע ענינים. וואָרום דער אמת איז דאָך אַז ס'איז הא בהא תליא. ווענלכען ברייטען אידיש־געזעלשאַפטליכען ענין מען נעמט אויף צו באַהאַנדלען למעשה, מוזט איר האָבען די פּרעסע צו הילף צו באַלייכטען, פּראָ־פּאַגאַנדירען, אויפקלערען. איז אָבער די היינטיגע אידישע פּרעסע גרייט צו באַלייכטען און ערקלערען וואָס איר ווילט אין דער וועלט און

אין דער פאַרגאַנגענער וועלט, פון טאַסקאַניני ביז אקאסטא, די פרעסע איז גרייט צו מאַכען פראָפּאַגאַנדע פאַר עדי קענטאַר'ס געבורטס טאָג, אין שייכות מיט אַפּיל און באַנד, און גלאַט אַזוי. כ'מיין ס'איז עפּעס אַ קליינינגקייט עדי קענטאַר מיט זיינע פינף טעכטער. דער גרויסער נאַציאָנאַליסט און ציוניסט מיט די פינף גוי'אישע איידעמס אלס זיינע קדיש זאָגערס! אָבער די „אידישע" פּרעסע האָט דאָך ניט קיין פּלאַץ פאַר אידישע ענינים!!! דאַרף מען דאָך האָבען אַ אייגענע טעגליכע פּרעסע ווי לופט צום אָטעמען. מ'קען ניט וואַרטען מיט אַ פרומע טעגליכע צייטונג ביז דער צייט „ווען שבת'דיגע אַטמאָספערע נעמט צוריק הערשען אין דער אידישער גאַס". ווייל, הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. פון זיך אַליין שאַפט זיך ניט אַ שבת'דיגע אַטמאָספערע. אַ טעגליכע צייטונג קען זיין אַ וועזענטליכע הילף אין שאַפען די אַטמאָספערע. אָבער די היינטיגע אידישע פּרעסע שאַפט, פאַרקערט. ניט נאָר ווייל זי ערשיינט שבת. ווען אפילו זי זאָל אָפּווישען דעם מיאוס'ען פלעק פון זיך און אויפהערען צו ערשיינען שבת. איז אָבער איר געדאַנקען-גאַנג אַזעלכער, אַז, אַלעס וואָס איז געגען תורה איז נאַציאָנאַל און רעליגיעז, און ר' אהרן קאָטלער צו דער סאַטמאַרער רבי איז אסור לבוא בקהל, ר"ל!!! זיי זיינען באַגייסטערט פאַר יעדען לעבעדיגען און אפילו טויטען משומד. פאַר יעדען רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווען ראַביי וואָס האָט כאַטש איין טאָכטער געפירט אין קאָשטשאָל צו דער חופה... און — וואָס, וואָס. נאָר אַ חוש פאַר אַפּיקורסות האָבען זיי! זיי ווערען אַמאָל באַגייסטערט אויך פאַר אַ „גאון", און אויך פאַר רעליגיעז נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. משמעות, אַז זיי האָבען שוין דאָרט דערשמעקט די באַהאַלטענע אַפּיקורסות...

כ'מיין, וואָס איז דער וואונדער? לא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב אלא מפני שהוא מינו! אַ צייטונג איז דאָך ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף. זי ווערט דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון שרייבער, און אויב דער גרעסטער טייל פון די שרייבער זיינען אַליין אין זייער פּריוואַטען לעבען און דענקען כופרים באלקי ישראל, מחללי שבתות ואוכלי טרפות, און אפילו די, בעסערע פון זיי, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, ווערען באַגייסטערט פון די היינטיגע מדינת ישראל!... אָט איז אַ קליינער ביישפּיל. אין „טאָג מאָרגען זשורנאַל", פון פרייטאָג,

תשא, איז אַ שרייבער בן שרייבער, אַ פרומער בן צדיק, מלא התפעלות פאַר די רוחניות פון די היינטיגע ארץ ישראל ענציקלאָפּעדיעס! אָבער וואָס מ׳שטיינס געזאָגט פאַר אַ תורה איז דאָ אין אַמעריקע אַז אין לעיקוואוד און אין וויליאַמסבורג איז ניט געשאַפען געוואָרען קיין איין איינציגע ענציקלאָפּעדיע! שומו שמים! וואָס-זשע טוט ג-ט? פאַלט מיר אַריין אַן אויסשניט פון ארץ ישראל׳דיגען „הארץ״! איר הערט?! און דער שרייבער באַקלאָגט זיך אויף די „ענציקלאָפּעדיע-מגפה״. ממש, מיט די ווערטער, מגפה! און דער שרייבער פירט אויס... אודה ולא אבוש כי עדיין קרובה ללבי האנציקלופדי׳ הישנה והעתיקה במדף הספרים של אבא: המקראות הגדולות; והאנציקלופדי׳ השני׳ הישנה והעתיקה של סבא, הש״ם במהדורת האלמנה ראם בווילנה, שהקיפו תרבות האדם ותרבות העולם...

ר׳ אהרן! איר פאַרשטייט דאָך העברעאיש! שעמט איר זיך באַטש? איר, דער פרומער שרייבער! איר מיט אייערע קעלבערנע התפעלות — פאַרוואָס? פאַר די ענציקלאָפּעדיע, וואָס הייסט עברית, און וואָס גיט אָפּ צענדליגע בלעטער פאַר אַלע טומאות און פאַר אַלע עבודה זרות פון אַלע צייטען, מיט די לוקסוריעזעסטע קלישעס פון „נער וחמור, המאה ה-5 (?)״... א. א. ו. — און ווערט גאַרניט נתפעל פאַר די לעבעדיגע לעיקוואודער בלאַט גמרא! דער „נער וחמור״ איז דאָך עפּעס, עפּעס...

נו, צעשרייבט זיך טאַקע דער זעלבער שרייבער וועגען אַלע משו-מדים שרייבער! אָבער ער וועט חלילה, ניט שרייבען וועגען ר׳ אהרן קאטלער׳ס לעבעדיגען ש״ס... שוין צוליב דעם פשוט׳ען טעם אַליין. ר׳ אהרן קאַטלער איז ניט פון אהרן צייטלינ׳ס חדר. אַט דער „פרומער״ שרייבער באַלאַנגט גאַר צום קאָנסערוואַטיווען חדר... זיין פרנסה ציט ער פון שעכטער׳ס טעאָלאָגישען סעמינאַר!!!

ווילען מיר זאָגען. אידען! הערט אויף צו לייענען די זאָגענאַנטע אידישע פרעסע וואָס באַלאַנגט צו עפּעס אַ פאַרשימעלטע משכיל׳ישע עובר-בטל׳דיגע וועלט! איז דאָס אָבער אַ גזירה שאין רוב הצבור יכולין לעמוד בה! יאָ! מ׳קען פאַרבייטען סם המות אויף סם חיים. דאָס יאָ. לאָמיר ארויסגעבען אַ פרומע טעגליכע צייטונג, צונויפגע-שטעלט פון פרומע אידישע שרייבער, און דאַן זאָגען „את זה תאכלו ואת זה לא תאכלו״...

וועט מען זאָגען: יפה דרשת! אָבער וואו נעמט מען די ממתקים? — איז ווידער די זעלבע מעשה — פאַראייניגען אַלע חרד'ישע כוחות פאַר דעם לעבענס צוועק צו ראַטעווען די אידישע גאַס פון סם המות! זאָלען נאָר די ראשי בני ישראל זיך דערהויבען צו זייערע הויכע לעבענס אויפגאַבען, און — יעדער איד וועט גערן זיך ביישטייערען אויסצולייזען זיין נפש פון די מגפות.

כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם — ונתנו איש כופר נפשו לד' בפקד אתם, ולא יהי' בהם נגף בפקד אתם. דער אינדיווידו־עלער פרומער איד פילט אינסטינקטיוו, אַז פרשת שק־לים מוז קומען פאַר אַלע אַרבע פרשיות. די לופט קען ניט גערייניגט ווערען אָן די הילף פון שקלים. אָבער ער וואַרט אויף דעם פאַראייניגטען רוף פון זיינע אמת גייסטיגע פירער. זאָלען נאָר די גדולי ישראל זיך צוזאַמענקומען און אַרויסלאָזען דעם אַלט אַלטען רוף: באחד באדר משמיעין על השקלים!

* * *

ה.

לאָמיר היינטיגען מאָל — לכבוד פורים — רעדען אַ ביסעל וועגען דעם אַנגעווייטאָגטען כשרות פראָבלעם. אַז ס'טוט וויי, און טאַקע מורא'דיג וויי — איז דאָך קיין פראַגע ניט. צו מען קען טאָן און טאַקע אויפטאָן? איז צווייפעלהאַפט. אָבער, כ'מיין, אַז פורים איז אונז פאָרט מחייב זיך אַריינצוטראַכטען אין דער קאַרדינאַלער פראַגע, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיג דער גאַנצער עקזיסטענץ פון אידען און אידישקייט.

אַז דאָס איז ניט קיין אייגענער זאַג — דאַרף מען דאָך, אידען, וואָס האָבען געעפענט אַ גמרא מגילה — ניט דערציילען. זאָגט עס דאָך די גמרא אין מגילה, דף י"ב. גאַנץ אָפען:

שאלו תלמידיו את רבי שמעון בן יוחאי, מפני מה נתחייבו שונאיהן של ישראל שבאותו הדור כלי'? אמר להם, אמרו אתם. אמרו לו מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע.

אַז די תלמידים פון ר' שמעון בן יוחאי פרעגען זייער רבי'ן צו דערקלערען די הויפּט אורזאַך פון די גזירה רעה, פון להשמיד,

להרוג ולאבד ר״ל, הייסט דער רבי זיי זאָלען אליין זאָגען. און דער ערשטער געדאַנק קומט גלייך אויף. פאַר ניט אָפּהיטען זיך מיט כשר עסען.

כל זמן דער אידישער קערפּער ווערט געשפּייזט מיט כשר עסען — איז דער גוף ריין, איז די נשמה ריין. איז ווען מ׳ווערט אפילו נכשל אין אַן עבירה, איז דער קלאָרער אידישער באוואוסטזיין וואַך, און פאָדערט אים אויף, צו באַדויערען דעם גייסטיגען דורכפאַל און טאָן תשובה. ווען אָבער דער קערפּער ווערט פאַראומרייניגט פון ניט ריינע שפּייזען ווערט אויך די נשמה, דער שותף פון גוף, פאַרשטאָפּט. אל תקרי ונטמתם בם, אלא ונטמטם בם... און דאַן איז שוין רעכט אפילו זיך צו בוקען צום צלם. נישטאָ שוין ווער עס זאָל רעאַגירען. אַ פאַרשטאָפּטע האַרץ און אַ פאַרשטאָפּטער מוח ווערט אָן די פעאיגקייטען צו טראַכטען און צו פילען אין טערמינען פון הייליגקייט, איז שוין הכל שרוי לך און הכל מותר לך... באותה שעה, זאָגט כביכול, למה לי אומה זו, שבשבילה רבו עלי כמה כעסים? אשביתה מאנוש זכרם.

דער יחוס פון אידען איז נישט ווייל זיי זענען אַ אומה, אַ נאַציאָן... עס איז אָדער קדושים תהיו, איז אַלע כעסים פון אַלע אומות העולם כדאי! און אויב ניט איז למה לי אומה זו, שבשבילה רבו עלי כמה כעסים!...

אַז ר׳ שמעון בן יוחאי איז געווען איינפערשטאַנען מיט דער מיינונג פון זיינע תלמידים, אַז דער עסען פון דער גוי׳אישער סעודה האָט געברענגט אַלע צרות אויף אידען, און זיין זאָגען „מפני שהשתחוו לצלם״, האָט געמיינט אַז ניט כשר׳ע עסען קען ברענגען צו שמד ר״ל, — זעט מען פון דער קורצער באַמערקונג פון ר׳ עקיבא אייגער זצ״ל: „עיין מדרש שיר השירים בפסוק זאת קומתך דמתה לתמר״. און דאָרט אין מדרש שיר השירים שטייט שוין בפירוש: רבנן אמרו, על שעבדו ישראל עבודה זרה. ור׳ שמעון אמר על שאכלו מתבשיל הגוים. און אויף די פראַגע וואָס אין דער גמרא מגילה קוקט עס אויס, ווי ר׳ שמעון פרעגט די תלמידים, אַז אויב דער אומגליק אויף אידען איז געווען צוליב נישט־כשר עסען, האָט דאָך עס באַדאַרפט טרעפען נאָר די אידען פון שושן, אָבער ניט דעם גאַנצען אידישען פאָלק ווערט די פראַגע אין מדרש שיר השירים געפרעגט פון די רבנן או,

ר׳ שמעון אַליין פאַרענטפערט עס מיט דעם בלוט-פאַרגליווערענדען ענטפער, וואָס דאַרף אונז אַ ביסעלע כאַטש אויפטרייסלען און אויפוועקען: „אמר להם והלא כל ישראל ערבין אלין באלין, דכתיב וכשלו איש באחיו איש בעון אחיו!...

ווען מיר זעצען זיך איצט צו דער פורים סעודה, מתקן צו זיין מה שפגמנו במאכלות אסורות, באַדויערען אונזערע פאַרגאַנגענע נאַכלעסיגקייטען אויף דעם כשרות-געביט, אָננעמען פעסטע באַשלוסען צו פאַרבעסערען דעם מצב אין דער נאָענטער צוקונפט, און אַזוי אַרום אַוועקנעמען דעם חרון אַף וואָס לויערט ר״ל אויפ׳ן כלל ישראל — דאַרפען מיר זיך קודם אָפּגעבען אַ חשבון, און קלאָר מאַכען פאַר זיך אַליין, אַז אונזער סיטואַציע איז פילפאַך ערגער ווי בימי המן הרשע. עס זעט זיך ניט פון חז״ל, אַז אידען האָבען דאַן געגעסען טריפות, חלילה. די דאַמאָלסדיגע עבירות אויפ׳ן כשרות-פעלד זענען באַשטאַנען פון אַזעלכע דקות׳דיגע דעליקאַטע עבירה׳לעך וואָס מיר, מיט אונזערע פאַרטעמפּטע געפילען, קענען זיי קוים באַגרייפען. געגעסען האָט מען כשר׳ע עסענס, כרצון איש ואיש. עס האָט אָבער געפעלט די עכט-אידישע אַטמאָספערע ביים טיש. דער שלחן אשר לפני ד׳, דער אידישער טיש וואָס דאַרף זיין ווי אַ מזבח, איז ניט געשטאַנען אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ. אַ גוי׳שע אַטמאָספערע האָט געהערשט אַרום. אידען טענה׳ן צו מרדכי׳ן, אַז זיי וועלען דאָרט עסען בלויז כשר׳ע מאכלים. עס וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויסער קדוש השם. און דערצו איז עס דאָך עפּעס אַ גרויסער ענין — שלום מלכות!...

אָבער מרדכי בעט זיך ביי אידען ניט צו גיין. „בני, קינדערלעך מיינע, אל תלכו לבית המשתה של אחשורוש, שלא יהא פתחון פה לשטן עליכם״... איינס שלעפּט דאָס אַנדערע. היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה! אידען הערען אָבער ניט. זיי באַזיצען ניט דעם ווייטזעענדיגען פּערספּעקטיוו. זיי ווערען פאַרבלענדט פון די פאַר׳כשופ׳טע גלאַררייכע — גדולי הדור היו שם, וברכו... — פּאַנאָראַמע. און — הניחו דברי מרדכי והלכו כולם לבית המשתה...

ווען מרדכי׳ס. וויזיאָנערישע שטראָף-רייד האָבען אויף זיך אַרויפגענומען הויט אוןביינער — „א״ר שמעון בן יוחאי, מכאן שאכלו בשולי כותים בעל כרחן״... — איז שוין געווען צו שפּעט זיך צוריקציען...

מיר האָבען אפשר אויך אָנגעהויבען מיט קלענערע עבי׳-רה׳לעך, איינגעהילט אין אַ זיידען מענטעלע פון עבירה לשמה... מ׳וועט מיט דעם פארהיטען... מ׳וועט נאָך דערמיט אויפ-טאָן גדולות... מ׳וועט און מ׳וועט... אָבער דערגאַנגען זענען מיר ניט נאָר צו בשולי כותים, ניט נאָר צו עסען כשר אונטערן׳ס גוי׳ס אויפזיכט, נאָר צו אויסגעלייידיגטע, פוסטע אידישע בשר כשר געשעפטען, און פול געפאַקטע, מיט אידישע קונים טרפה און חזיר געשעפטען... די מערהייט — טאַקע די גרעסטע אידישע מערהייט בעל הבית׳טעם, קויפען אין די טרפה געשעפטען. די גרעסטע מערהייט אידישע מאַמעס גיבען זייערע קינדער בעיקאָן (חזיר) סענדוויטשעס מיטצונעמען אין תלמוד תורה. און דאָרט, אין תלמוד תורה, פרעגען די אידישע קינדערלעך, די תינוקות שנשבו, זייערע רביים אויפ׳ן „וברכו״. וואָס פאַר אַ ברכה דאַרף מען מאַכען אויף דעם „בעיקאָן סענדוויטש״... ואנחנו מחשים! ומצאנו עון!!! ווען אפילו מיר, די געציילטע, עסען גלאַט כשר אָן אַ סרכא און מיר מאַכען ניט קיין „בלעסינגס״ אויף טרפה אידיש נאַציאָנאַלע באַנקעטען. — אָבער — והלא כל ישראל ערבין אלין באלין! וכשלו איש באחיו, איש בעון אחיו — איז דאָך אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט!!!

איז וואָס שווידערליכער דער פארברעכען — אַלץ מערער, דער פאַראַנטוואָרטליכער חוב, צו דעם הייליגען חובת השעה רוף פון, „לך כנוס את כל היהודים״! פאַראייניגטערהייט קען מען דאָך פאָרט עפּעס אויפטאָן. אפילו אין די שפעטע שעה, ווען עס קוקט אויס, אַז ס׳איז שוין חלילה צו שפעט עפּעס צו ענדערען לטובה — איז אויך געזאָגט געוואָרען — נצח ישראל לא ישקר ולא יעשו עולה. זאָלען זיך צונויפקומען רבנים און רביים, יונגע און אַלטע. די גדולי התורה מיט די גדולי השפעה. אין דער אַנוועזענהייט פון דעם אינגאַנצען הפקר׳דיגען כשרות צושטאַנד, דאַרפען מיר האָבען די פעאיגקייט ארונטערצואוואַרפען פון זיך אַלע קליינליכע חשבונות. ווער עס האָט נאָר אַ וועלכען עס איז צובונד צו כשרות ווי שוחטים, משגיחים, אַ וועלכען עס איז, אפילו, געשעפטליכען אינטערעס אין כשרות דאַרפען אַלע צוגעצויגען ווערען צו געמיינזאַמע פאַנד זאַמלונגען צו ערמעגליכען אַ ברייטע אויפקלערונגס אַקציע פאַר׳ן ברייטען אידישען עולם, אין אַלע גערעדטע שפּראַכען אין אַלע ווינקלען און ווינקעלעך פון דער אידישער אַמעריקע.

נאָר אין אחדות ליגט אונזער איינציגער האָפענונגס-פונקט אַרויסצוקריכען פון די טרפה-בלאָטע. קיין אַנדער וועג זעט זיך בשום אופן ניט. איז לאָמיר זיך אָנהענגען אין דעם מיט אַלע כחות. זאָלען זיך ארויסהויבען די אָרגאַניזירטע קרעפטען אַנצוהויבען די העראָאישע אחדות באַוועגונג.

החלש יאמר גבור אני. דער „לך כנוס את כל היהודים" האָט געהאָלפען אַ מאָל, און ער וועט העלפען אויך היינט, בעזרת השם.

* * *

ז.

עס איז דאָ אַ געפּאַר אין האַלטען זיך ביי איין „אידעע פיקס", — אָנגערופען צו ווערען ביי מענשען מיט'ן ליטעראַרישען צונאָמען „מאָנאָמאַן", אָדער אין פשוט'ען אידיש אַ משוגע'נער, משוגע לדבר אחד.

איך האָב מורא, אַז מיט מיר זאָל ניט געשען די זעלבע זאַך. מ'וועט אָנהויבען מורמלען, קוועטשען מיט די פּלייצעס, וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט מיט זיין „אחדות"? ווייטער אחדות און ווידער אחדות! אָבער, סמכתי יתדותי, אויף דעם מאמר חז"ל וועגען שלמה המלך, „אמרו רבנן, מכדי שוטה בחדא מלתא לא סריך, מאי האי?" לאָמיר זיך אויך פאַרטראַכטען, און אפשר וועלען מיר זיך דאַן אַלע אַרומזען אַז אחדות איז פאַרט די איינציגע רפואה, איבערהויפּט ביים יעצטיגען מאָמענט. איז אַנשטאָט אוועקצומאַכען מיט דער האַנט, וועלען מיר זיך גאָר אָננעמען ביי די הענט און אין איין געשלאָסענע קייט וועלען מיר זיך אָננעמען מיט מער מוט צו טאָן עפּעס. מיט פּראָטעסטען און מחאות וועלען מיר גאָרניט אויפטאָן און אפילו ניט געהערט ווערען אויף קיין שום אידישקייט-געביט. נאָר לאָמיר נעמען אַ ספּעציפישען געביט — ישיבות, צום ביישפּיל.

דאָ, דאַכט זיך, דאַרף דאָך שוין אַ תורה-פּראָטעסט געוויס העלפען. ישיבה איז דאָך תורה, טאַקע תורה אליין. און אויב מען ווייזט אָן עפענטליך אַז אַ געוויסע ישיבה-אַקציע שטימט ניט מיט'ן רוח התורה, דאַרף דאָס געוויס געהערט ווערען, און ווערען גענומען אין אָנבאַטראַכט. און דאָך, האָט דער „איד" לעצטענס

אָנגעװיזען אויף צוויי מורא׳דיגע עוולות װעלכע װערען באַגאַנגען פון ישיבות, און אין קול ואין עונה! דאכט זיך אַז די קעפּלאַך אליין האָבען שוין באַדאַרפט אָנװאַרפען אַ מורא אויף די באַטרעפענדע ישיבות. — „צו װאָס דער נאָמען ישיבה װערט גענוצט", אַ „פּרייז פאַר אַ משומד" „איירישע גוים װערען צוקונפטיגע מלמדים"... אַן עדיטאָריעל אונטער׳ן נאָמען „ישיבות און זינגערינס", פאַרענדיגט מיט אַ שטאַרקען רוף: **„מיר רופען די תורה אויטאָריטעטען, די ראשי ישיבות, די גדולי ישראל, ועד הישיבות, תורה ומסורה, זיי זאָלען נאָך צייטליך שטעלונג נעמען געגען אַזאַ הפקירות׳דיגער האַנדלונג, געגען אַזאַ געשמאַקלאָזען און אומטאָראַלישען אַקט. אמת, די ישיבות נויטיגען זיך אין געלט, אָבער, אויף אַזאַ געלט װאָס איז פאַרבונדען מיט אביזריהו דגילוי עריות, זאָגט די תורה: לא תביא בית ד׳ אלקיך...**

עס האָט דאָך געפאָדערט מוט און דרייסטקייט זיך צו װענדען מיט אַזעלכע שאַרפע אויסדרוקען צווישען אַנדערע, אויך צו „די גדולי ישראל"! און עס איז דאָך געװען אַ באַרעכטיגטע האָפענונג, אַז דער רוף מוז דאָך געהערט װערען. עס איז דאָך װעגען תורה, צו די גדולי התורה. און יוסי שותק! תורה, מה תהא עלי׳?! און — אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי קיר?! אויב ראשי ישיבות צאַצקען זיך מיט זייער צוקונפטיגען „מלמד" װאָס הייסט מעק לאולין און איז, אַן איירישער קאַטאָליק... אויב ראשי ישיבות געבען „אַ פּרייז פאַר משומדים", אַ „מלמדים סעמינאַר" פאַר גויים — און דאָס אַלץ אונטער דעם נאָמען פון אַ „ישיבה"...

אויב ראשי ישיבות װייסען ניט פון מבדיל זיין בין קודש לחול, ובין טמא לטהור, און צוזאַמען מיט אַ פאַרהייליגטען נאָמען פון אַ װעלט׳ס גאון און צדיק, גייט אונטער די זעלבע פירמע אַ צװייג, און אַ גרויסער צוויג אין אַ ברייטער, קאָלאָסאַלער פאָרמע, אונטער אַ נאָמען פון אַ פושע ישראל, אַ כופר באלקי ישראל, װאָס האָט ניט געלאָזען נאָך זיך אפילו זיין קערפּער אין אַ קבר ישראל... אַ דבק באלהי נכר, פשוטו כמשמעו, טאַקע, געלעבט מיט אַ גוי׳אישע װייב... — אויב אַ ישיבה פאַר „רבנים" שטאָלצירט מיט משומדים און געמישטע הייראַטען, ר״ל... — איז װאָס איז דער װאונדער אַז „אידישע" צייטונגען צאַצקען זיך מיט משומדים און געמישטע

הייראַטען?! אַ רעגולערע וואקכאנאליע האָט געהערשט לעצטע וואָך אין די „אידישע׳ צייטונגען. איין צייטונג האָט געזוכט איבערצושטייגען די צווייטע מיט גרויסע קעפּ שרייענדע אַרטיקלען וועגען אַ צען יאָריגען „אידישען״ גאון! אָט אַזוי ווי איר הערט — אַ אידישער גאון... גראַדע די מאַמע פון „אידישען גאון״ איז ניט געווען אַזוי באַגייסטערט פון איר „אידישען גאון״. אָט זענען אירע אייגענע ווערטער צום שרייבער פון דער אידישער צייטונג: „איידער איר קומט צו אונז, פיל איך אַז איר דאַרפט עפּעס וויסען, עס קען זיין, אַז ווען איר וועט הערען וואָס איך האָב אייך צו זאָגען, וועט איר אפשר ניט זיין אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אונז. ראָבערט (דאָס איז דער נאָמען פון אידישען גאון...) איז אַ קינד פון אַ געמישטער חתונה. איך בין אַ אידישע פרוי, מיין מאַן איז אַ קריסט. דענקט איר אַז דער „פאָרווערטס״ וועט וועלען שרייבען וועגען אונז?!...״

ווי נאַאיוו! דער חשוב׳ער שרייבער פון דער אידישער צייטונג, פאַרזיכערט איר אַז דאָס איז קיין פּסול ניט פאַר אַ אידישער צייטונג. אדרבא ואדרבא...

„איך האָב דער מוטער געענטפערט אַז גראַד אין דעם מאָמענט ווען זי רעדט צו מיר, קאָכט די וועלט מיט דר. ניעלס באהר... דר. באהר איז אויך אַ האַלבער איד. זיין מאַמע איז געווען אַ אידישע און דער פאָטער אַ דענישער קריסט. אַ ודאי, האָב איך געזאָגט, וועל איך קומען!... און ווייטער... ראָבערט און סטיפען (זיין ברודער, אַ נאָמען נאָך דעם „הייליגען״ רעפאָרם ראַביי דר. סטעפען וויז, שר״י). לייענען דעם תנ״ך אויף ענגליש. זיי לייענען אויך דעם נייעם טעסטאַמענט...״ און דער באַלעקען זיך מיט געמישטע הייראַטען אין דער „אידישער״ צייטונג, איז ניט קיין צופעליגקייט. ווייל עס קאָכט יעצט די וועלט מיט דר. באהר און מיט׳ן צען יאָריגען גאון. די צייטונג איז ממש אָנגעפּיקעוועט פון אַזעלכע באַלעקאָכצען. אין דערזעלבער אויסגאַבע באַלעקט זיך אַ צווייטער — מיט אַן אַמאָליגער חתונה פון באַלד פופציג יאָר צוריק, פון פּרינצעסין סעקוואַיאַ — „אין הויז פון באַרימטען אידישען פילאַנטראָפּ און כלל-טוער, נעיטען סטראַוס. דער אונטערפירער איז געווען אַ אידישער מיליאָנער, ענדרו פרידמאַן. אַ קאַטוילישער גלח האָט געפּראַוועט די הייראַטס-צערעמאָניע״...

טראַכט איך זיך, דאָס קען דאָך ניט זיין! ס׳איז דאָך פאָרט אַ אידישע צייטונג, ווי קען זי פרעדיגען שמד, געמישטע הייראַט?!... עפּעס אַ שרעקליכער צופאַל איז מסתמא געשען אין דער רעדאַקציע. ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געשען דאָרט אויף אַ פאָר שעה צייט? אוודאי האָט זיך דאָרט אריינגעכאַפּט אַ מיסיאָנער!... און איר ווילט שוין זען אַ דערקלערונג אין דער מאָרגענדיגער צייטונג. און אָט זענען די פערל פון דער מאָרגענדיגער צייטונג, געשריבען אין דער פורים-דיגער וואָך פון „אסתר״, להבדיל. ווענען אַ איד מיט אַ אידענע וועמען ס׳גייט אוים דאָס חיות אויפצוהאָדעווען אַ קאַטוליש שיקסעלע! נאָר די רשעות׳דיגע וועלט דערלאָזט עס ניט... און די „פאָרווערטס״ אסתר, אַ בעל רחמנות׳דיגע אידענע, קען ניט צוזען ווי מ׳וויל „צורייסען אַזאַ גליקליך פאַמיליע לעבען״. דאָס הייסט, פון אַ איד מיט אַ אידענע מיט אַ שיקסעל אַ האָדעוואַנקע, וועלכע מ׳וויל אַוועקנעמען פון אידישע הענט און איבערגעבען איר אין אַ קלויסטער. און די מאָדערנע אסתר פירט אוים פאַטעטיש: „און פאר אונז אַלעמען איז דאָס ווידער אַמאָל אַביישפיל פון דעם וויפיל פינסטערניש און באַרמלאָזיגקייט עס איז דאָ אין דעם פאַנאַטיזם פון כלי קודש. אונז, מאָדערנע אידען, איז אויסגעקומען צו קעמפען געגען אַן ענליכען פאַנאַטיזם ביי אונזערע אייגענע פרומאַקעס... ווי מאָדערנע אידען, ווי מאָדערנע מענשען דאַרפען מיר באַשטיין, אַז די פינסטערלינגע פון אירגענד וועלכער רעליגיע זאָלען ניט באַהערשען דעם ציווילען לעבען...״

לאָמיר ניט פאַרגעסען, אַז דאָ רעדט זיך שוין ניט וועגען תורה ומצות, דאָס איז ניט קיין שמועס וועגען היטען שבת צ. ב. ש. אויף דעם האָט שוין דיזעלבע צייטונג געבערענגט אַ היתר פון — ישראל מיניסטאָרען קאַבינעט, אַז גאָלדע מעג פליען שבת. גאָלדע מיט דעם היתר פון דעם גדול הדור בן־ גוריון. און די אידישע צייטונג האָט געדרוקט די ידיעה אין דער שבת׳דיגער צייטונג אָן אַ היתר פאַר זיך אַליין... מאָדערנע אידען האַלטען ניט פון אַזעלכע זאַכען. אָבער שמד — געמישטע הייראַט — מעג מען שוין אויך?! איז וואָס הייסט פאָרט אידישקייט?!... אָבער גיי האָב טענות צו „מאָדערנע אידען״, אַז ראשי ישיבות שטאָלצירען מיט משומדים, אייִרישע גוים און מעק לאָולינ׳ס!!! אוי לנו שכך עלתה בימינו!

דאַרף נאָך דאָס אַלעם ניט באַוועגען די גדולי ישראל און די

מתיבתא־פירערם זיך צו פאראייניגען? דורך זייערע צוויי־וועכענטליכע אספפות וואָלטען די אַלע אַנגעווייטאָגדיגע פראגען געקראָגען זייער לייזונג. און אַ פאַראייניגטע ווענדונג זייערע וואָלט געמוזט אויסגע־פאָלגט ווערען.

על חומותיך העמדתי שומרים — וואָלט פאַרהיט לכתחילה עס זאָלען ניט פאָרקומען די מעשים!

אין די נעקסטע מאמרים וועלען מיר ברייטער ארומרעדען ווי אַ פאַראייניגונג קען און דאַרף פאָרקומען און פאַרווירקליכט ווערען אין לעבען, ווי אויך וועגען דער לעבענס נויטיגער פאַראייניגונג פון ישיבות און אויך פון די מתיבתות.

* * *

ז.

ולקח הוא ושכנו הקרב אל ביתו — איז פון די גרונד געזעצען פון קרבן פסח. גאַנץ מעגליך אַז אויך דער שריט רעכענט זיך אין קרבן־קאַליבער! אַט אזוי ווי איין מענש איז פיזיש אַנדערש געשטאַל־טעט פון צווייטען, אַזוי איז אויך די גייסטיגע איינשטעלונג. עס קומט אָן שווערליך דער פאַראייניגטער צוזאַמענקום און פארשטענדיגונג אָבער די תורה פאַרלאַנגט דעם קרבן, צוליב די קאָלאָסאַלע געזעל־שאַפטליכע און סאָציאַלע נוצען. אין אונזער היינטיגען געזעלשאַפט־ליכען ווירוואואר און כאָאָס — איז די תורה־רפואה, אַ דרינגענדע לעבענס נויטווענדיגקייט. צוזאַמענגעמען זיך מיט'ן שכן וואָס איז מער וויניגער נאָענט צו אונזער אייגענער היימישער אַטמאָספערע, קען אויפטאָן גראַנדיעזעס פאַר אונז און פאַר'ן שכן צוגלייך. וואָס יעדער באַזונדער, וועט עס בשום אופן ניט קענען באווייזען. עס איז אוודאי אַ קרבן, אָבער אַ נויטווענדיגער קרבן, פאַר די טובה פון אַ האַרמאָנישן צוזאַמענלעבען ניט נאָר פון משה און אהרן נאָר פון כל עדת ישראל. אָבער אָנהויבען מוז עס זיך פון משה ואהרן, די ערשטע פאַראייניגונג מוז זיך אָנהויבען פון אויבען, פון משה און אהרן פון יעדען דור.

די רבנ'ישע אָרגאַניזאַציעס פון דעם לאַנד, וועלכע שטייען אויפ'ן יסוד פון די דרייצען עיקרי היהדות, די דרייצען אני מאמין'ס, דאַרפען זיך צונויפקומען אויף מאָנאַטליכע אָדער צוויי־וואָכעדיגע אספפות. זיך

אדורכצושמועסען וועגען אַלע עניני יהדות וואָס שטייען ביי דעם מאָמענט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג אין אידישען רעליגיעזען לעבען. פון התאחדות הרבנים ביז הסתדרות הרבנים און ביז אגודת האדמורי״ם דאַרף זיין איין געשלאָסענער פראָנט וועגען פּראָבלעמען וואָס גייען אריין אין דער בחינה פון — כולו עלמא מודו.

לאָמיר נעמען אַ פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילען. ביי מיר אין שוהל רופט אוים אַ איד היינט, ב׳ ניסן, (דער טאָג אין וועלכען איך שרייב דעם איצטיגען אַרטיקעל), ניט צו זאָגען למנצח יענך. ס׳טייטש, פאַרוואָס? ווייל אין סידור שטייט אַז מען זאָגט ניט למנצח יענך דעם גאַנצען חודש ניסן... איז גוט אַז ס׳איז דאָ אַ רב אין שוהל וואָס פּסק׳נט ניט פון סידור. אָבער אין וויפיל הונדערטער שולען איז דער סידור יאָ אַ פּוסק?! און דער סידור מיט זיינע צענדליגער און צענדליגער גראָבע גרייזען ווערט דאָך געדרוקט אין אַמעריקע אין צענדליגער און צענדליגער טויזענטער! און — אין פּוצה פּה ומצפצף. טאָמער מאַכט זיך איינער וואָס שרייבט צו דעם פאַרלאַג און מאַכט זיי אויפמערקזאַם אויף דעם פאַרברעכען פון ולא תשים עולה בתוך ביתך, זה ספר שאינו מוגה, באַגנאַדיגט מען אים ניט אפילו מיט אַ העפליכען ענטפער.

אָבער אַ פאַראייניגטע רבנישע ווענדונג וואָלט גלייך געמאַכט אַן ענדע צו דעם פאַרקריפּעלטען סידור. און אויך צו די פאַרקריפּעלטע דינים און מנהגים וואָס ווערען געדרוקט אין די צייטונגען פון אומ־פאַראַנטוואָרטליכע מענשען וועלכע קליידען זיך אין טאָגעס פון וועג ווייזער ר״ל... אַ פאַראייניגונג וואָלט שוין אויך געמאַכט אַן ענדע צו די עקעלהאַפטע ביזנעס מעטאָדען פון אַנדערע וועלכע שנאָרען פאַר אַלטע „רבנים״...

אַזעלכע און אַנדערע צענדליגער און צענדליגער פּאַרזענישען קענען לייכט אָפּגעווישט ווערען דורך אַ פאַראייניגטען רבנ׳ישען כח וואָס שטייט אויף דער וואַך. די הויפּט ברכה וועט אָבער ארויסקומען פון אַ פאַראייניגטען משה ואהרן, צו פאַראייניגען, אויף געוויסע געביטען, דעם כל עדת ישראל. די פאַרשידענע כוללים, מתיבתות ישיבות קטנות, טרינקען זיך אין זייער אומבאַהאָלפענקייט. אין פאַראייניגונג ליגט זייער רעטונג. אָבער עס איז ניטאָ דער כח וואָס זאָל זיי פאַראייניגען. יעדער אַנשטאַלט באַזונדער איז פאַרזונקען

אין זיינע טעגליכע ביטערע דאגות פאר זיין סאמע עקזיסטענץ וואס שטייט יעדען מאמענט אין געפאר. זעלבסטפארשטענדליך, אז אין אזא מצב קענען זיי זיך ניט אפגעבען אויף א קאנצענטרירטע אקציע פון אן אלגעמיינעם כאראקטער כאטש זיי פילען עס, אין גאנץ באשטימטע טערמינען, אלס דעם איינציגען אויסוועג פון זייער אומערטרעגליכע לאגע. עס פאדערט זיך אן אויסענוויינינגסטער כח, זיי אויף דעם אויפצופאדערען און ארגאניזירען. און סך הכל איז דער סאמע ערשטער שריט, א פארהעלטניסמעסיג לייכטער.

יעדע רבני׳שע ארגאניזאציע דארף ניט אויפגעבען אפילו כחוט השערה פון איר כאראקטער. עס פארלאנגט זיך נאר א מינימאלער קרבן, צו שטעלען צו פארפיגונג איינעם אדער צוויי פון אירע חברים פאר די געמיינזאמע מאנאטליכע אספות מיט פולמאכט צו האנדלען אויף אייגענער אחריות אין קלענערע פראגען, אדער, נאך בעראטונגען מיט זייערע ארגאניזאציעס, אין פראגען וועלכע פאדערען א גענויערען ישוב הדעת.

דער ערשטער ארגאניזאטארישער שריט קען דורכגעפירט ווערען פארהעלטניסמעסיג לייכט. די אגודת הרבנים, אלס די עלטסטע רבנ׳ישע ארגאניזאציע אין אמעריקע, קען צונויפרופען די אנדערע פיר רבנ׳ישע ארגאניזאציעס צום ערשטען מיטינג. ביי דעם ערשטען מיטינג וועלען זיי זיך שוין אליין פארמירען אלס א זעלבסטשטענדיגע רבנ׳ישע — אויבער שטיבעל, מיט א זעלבסטשטענדיגע פירערשאפט און אדרעס.

וואס עס פאדערט זיך ביי דעם מאמענט איז, א ברייטער אפרוף פון די רבנ׳ישע ארגאניזאציעס און פון אלגעמיינעם דעת הקהל. א פאר צענדליג עפענטליכע בריוו, ארטיקלען און אפרופען קענען צעשמעלצען דעם פארגליווערטען, פאראליזירענדען צושטאנד.

זאלען לעזער אויך ארויסזאגען זייערע מיינונגען, אויסבעסע־רונגען און קאלאטעראלע פארשלאגען, — און — אני הקטן, בין גרייט ניט נאר צו שרייען ווען עס טוט וויי, נאר אויך צולייגען, ידי הכהה, צו טאן. צו העלפען ממשות׳דיג אין צונויפרופען די ערשטע גרינדונגס־פארזאמלונג — למען כבוד ד׳ ותורתו.

*) געדרוקט אין „איד״ ט״ז שבט־י״א ניסן, תש״יז.

עזרת תורה — די גרויסע הילפס-אקציע

עזרת תורה איז דאכט זיך די איינציגע הילפס-אינסטיטוציע, אויב נישט אין דער וועלט, איז אָבער אין אַמעריקע געווים, וואָס האָט פאַרבונדען אירע יערליכע קאַמפּעינס מיט ז׳ אדר. יאָר-איין יאָר-אוים ווען עס קומט די ז׳ אדר פּעריאָדע, דערמאָנט אונז די עזרת תורה אין אונזער הייליגסטען חוב צו העלפען מיט אַ ברייטער האַנט די פאַמיליעס פון די, וואָס ציען די גאָלדנע קייט פון די מקבלי התורה, איש מפי איש, עד משה רבנו, עליו השלום.

ז׳ אדר וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן אדון כל הנביאים, פון זיין געבורטסטאָג ביז זיין סאַמע לעצטען טאָג און לעצטען אָטעם צוג, „בז׳ אדר מת משה, ובז׳ אדר נולד משה״ — דערמאָנט אונז אויך אין דער הייליגקייט פון בייהילפיג זיין אַ מענש אין נויט. פון זיינע ערשטע שריט ביז זיין לעצטען טאָג, איז איין קייט פון העלפען.

אין דער קריטישער שעה, נאָך אין משה׳ס קינדהייט, ווען ער ווערט געוואָרפען אין זיין קעסטעלע פון די נילוס-כוואַליעס — איז, „ותתצב אחותו״! שטייט זיין שוועסטער ביי אים, גרייט צו העלפען ביי דער מינדעסטער מעגליכקייט וואָס קען זיך באַווייזען. **מען לאָזט נישט אַ מענשליכען וועזען זיך ראַנגלען אַליין!** מ׳טאָר נישט אַ מאָך טאָן מיט אַ יאוש׳דיגען זשעסט מיט׳ן האַנט, און גיין אַהיים, טראַכטענדיג מיט פאַרצווייפלונג, אַז מ׳קען דאָך גאַרנישט העלפען... און ווען משה קומט אַריין אין רעאַלען לעבען, טראָגט ער אין זיך, אין זיין גאַנצען אינערליכען וועזען די הילפס-גרייטקייט וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין זיין שוועסטער׳ס וואַרטען. אויך ער העלפט אַ אידען פון גוי׳אישע הענט ווען ער איז אַרומגערינגעלט פון גוי׳אישע קראָקאָדילען... און אפילו מדין׳ס טעכטער איז ער גרייט צו העלפען, נישט קוקענדיג אויף דער פיינדליכער שטעלונג פון אַלע פאַסטוכער פון מדין.

ווייל דאָס איז תורה! די תורה וואָס איז פאַרבונדען מיט משה׳ס נאָמען „זכרו תורת משה עבדי״... די תורה הקדושה האָט פאַר איר מאָטאָ: „תחילתה גמילות חסדים, וסופה גמילות חסדים״. דער לעצטער גמילות חסדים אַקט איז טאַקע אויסגעפירט געוואָרען אויף משה רבנו אַליין, פון דעם אדון עולם אויף דעם אדון הנביאים!

פון וויגעלע ביז'ן גריבעלע איז דער מענש אָנגעוויזען אויף דער הילפס-גרייטקייט פון זיינע מיטמענשען. אָט די ז' אדר'דיגע תורה-פילאָזאָפיע, איז דער שטיץ-פונקט פון עזרת תורה, עזרת תורה העלפט יעדען אידישען נפש אין יעדער צייט און אין יעדער לאַנד.

אומעטום וואו עס הערשט נויט און פאַרצווייפלונג שטרעקט עזרת תורה אויס אַ העלפענדע האַנט. „כי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו", איז דער שלאַגוואָרט פון עזרת תורה. צי דאָס איז אַ איד אין אַמעריקע, אָדער אַ פליט פון אונגאַרן, אָדער גאָר אַ איד פון משה רבנו'ס מצרים, וואָס בעט זיך רחמים אויסצושטרעקען צו אים אַ האַנט ארויסצושלעפען אים פון דער טומאת וסבלות מצרים, איז עזרת תורה שטענדיג די ערשטע צו הערען זיין פאַרצווייפעלטען רוף און קומען אים צו הילף אין אַ גרעסערע אָדער קלענערע מאָס. פון אַ שטיצע צו דערמעגליכען אים אַריינצוברענגען דעם שבת, יום-טוב אין שטוב, ביז צו אַ גרעסערער שטיצע פאַר הכנסת כלה פאַר הונדערטער עלענדע אידישע יתומים און יתומות איבערגעבליבענע פון די משפחות המיוחסות בישראל, אָפּצוואווישען זייער ווייטאָגדיגען געזאָלצענעם טרער און מיט העלפען אַוועקשטעלען זיי אויף אַ געזונטען פאַמיליע-באַזיס.

שטיל און באַשיידען, מיט אידישען מתן בסתר'דיגען וועג — פירט עזרת תורה אָן איר הייליגע הילפס-אַרבעט. אָן טומעל און אָן רעש, אָן גרויסע אָפּיסעס און אָן קאָמיסיאָנען, זיצט דער מנהל אין זיין אָרים-אויסגעשטאַטען, קליינעם אָפּיס-צימערל און טיילט אויס צדקה אויף הונדערטער, טויזענטער דאָלאַרען יאָר-יערליך פון די הכנסות, טאַקע הויפטזעכלעך פון די ז' אדר'דיגע קאַמפּעינס, וואָס ווערען דורכגעפירט אין די שוהלען, בתי מדרשים און חסידישע שטיבלעך דורך די רבנים, רביים, גבאים, פּרעזידענטען און „עמך".

דער היי-יאָריגער טאָפּעלטער ז' אדר גיט די מעגליכקייט די ברייטע אידישע מאַסען, וועלכע האָבען אַ חוש פאַר מתן בסתר'דיגען הצלת-נפשות'דיגע צדקה אַרבעט, אַרויסצונעמען די עזרת תורה פון איר עול החובות, און דערמעגליכען די עזרת תורה נאָך צו פאַר־טאָפּלען איר הייליגע אַרבעט, וועלכע איז אָנערקענט ביי אַלע שיכטען, אַלס די פענאָמענאַלע צדקה-אָרגאַניזאַציע. איינציג אין איר זאַמלען

און אויסטיילען! דאמיט שטארקען מיר די הענט פון דעם אונער־מידליכען הרב ר׳ יוסף אליהו הענקין, דער מנהל פון דעם וואונדער־ליכען הייליגען מוסד עזרת תורה.

דער הויפט־אפיל־טאג פון קאמפעין איז שבת שקלים. יעדע שוהל איז מחוייב צו מאכען שטארקע אפילם אין דעם דאזיגען שבת, אדער אין די ארומיגע שבתים, דאס איז שטיצע פאר גדולי ישראל, און פאר פיל טויזענטער אנדערע בני תורה.

*) בעדרוקט אין „די אידישע וואך״, כ״א אדר א׳, תשי״ז.

גוטע נייעס פאַר פרומע אידען

איש בשורה אנכי היום. איך ברענג איצט אַ גוטע בשורה פאַר די עלענדע און פאַרוואַרלאָזטע אָרטאָדאָקסישע אידען, וועלכע זענען פאַרוואָגעלט געוואָרען אין די נייע אידישע געגענטען, אַרום ניו יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט פון אַמעריקע.

די דאָזיגע אָרטאָדאָקסישע אידען דרייען זיך אַרום אין די נייע געגענטען ווי פאַרוואָגעלטע נשמות. זיי האָבען נישט קיין אָרט וואו אריינצוגיין דאַווענען. שוין אָפּגערעדט פון לערנען אַ פּרק משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא, נאָר — איינפאַך דאַווענען מיט אַ מנין — האָבען זיי אויך נישט וואו. די אַלע שוהלען, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרען אין די נייע געגענטען, זענען קאָנסערוואַטיווע, און זאָגאַר אין די אַזוי־גערופענע מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע שוהלען, קען אויך אַ פרומער איד נישט אַריינגיין, וואָרים ער קען דאָך נישט שטיין און דאַווענען, האָבענדיג ביי דער זייט אַן אויסגעפּוצטע פרוי...

דאַוונט ער, נעבעך, ביי זיך אין שטוב אַן איינזאַם דאַווענען, איינער אַליין. אַזוי שבתים און אַזוי ימים־טובים. ער פאַרגיסט ביי אַזאַ דאַווענען טייכען טרערן, טראַכטענדיג צו וואָס ער איז דערגאַנגען אויף זיינע עלטערע יאָרען. ער האָט געלעבט אַ גאַנצען לעבען צווישען אידען. אויך אין זיינע גרינע יאָרען, ווען ער האָט אַ גאַנצע וואָך געפּעדעלט צווישען די פאַרמער, איז ער אָבער אויף שבת געקומען אַהיים און אין גאַנצען אריין אין אַ הייליגע שוהל, צווישען הייליגע אידען, וואו ער האָט געדאַוונט אַ הייליג דאַווענען...

אָבער איצט? — עס ווילט זיך שרייען און וויינען צו וואָס מען איז דערגאַנגען!

נאָר וואָס וועט דאָ העלפען שרייען און קלאָגען? איז שוין טאַקע נישט פאַראַן קיין עצה? פאַרוואָס קענען אַלע אַנדערע, די קאָנסערוואַטיווען און די רעפאָרמער בויען גרויסע טעמפּלען, אויף וועמעס פּראַכט און גלאַנץ זיי גיבען אוים מיליאָנען דאָלאַר, און מיר, פרומע אידען קענען נישט אויפבויען פאַר זיך זאָגאַר אַ קליין בית־מדרש'ל!

מיט אָט די טרויעריגע געדאַנקען טראָגט ער זיך אַרום אַ גאַנץ יאָר, ביז עס קומען די ימים־נוראים. מער קען ער שוין נישט!

ער וועט דאָך נישט שטיין אַליין ביי זיך אין הויז און זאָגען כל-נדרי! מילא, אַ גאַנץ יאָר ווי אַ גאַנץ יאָר, אָבער ראש-השנה! יום-כיפור! רבונו-של-עולם, וואוינען צווישען אידען און דאָך זאָגען כל-נדרי איינער אליין!...

די מעשה איז אָבער, וואָס דער דאָזיגער איד איז נישט קיין „איינינקער אַליין". אַזעלכע ווי ער, מיט די זעלבע טרויעריגע געדאַנקען, דרייען זיך אַרום — אין יענער געגענד — צענדליגער און, מעגליך, הונדערטער אידען! און וואָס עס פעלט — איז דער כוח וואָס זאָל זיי צוזאַמען-נעמען...

און דאָ קום איך איצט מיט מיין בשורה טובה פאַר די דאָזיגע „פאַר'יתום'טע" פרומע אידען.

די אַגודת-הרבנים האָט אויף איר קאָנוועגשאָן היינטיגען ווינטער באַשלאָסען, אויף מיין פאָרשלאַג, צו שאַפען דעם כוח פאַר העלפען גייסטיג די דערמאָנטע פרומע אידען אין די נייע געגענטען. די אַגודת-הרבנים האָט געעפענט אַ ספעציעלע אָפטיילונג צו אָרגאַני-זירען און פאַראייניגען די רעליגיעזע אידען אין די נייע געגענטען. אָט די ספעציעלע אָפטיילונג ביי דער אגודת-הרבנים ווערט אָנגעפירט פון אַ פעאיגען תלמיד-חכם, וועלכער טוט זיין הייליגע אַרבייט מיט דעם געהעריגען סיסטעם.

די פרומע אידען אין די נייע געגענטען ווערען אויפגעזוכט און זיי ווערען איינגעלאַדען אויף באַראַטונגען, יעדעס מאָל ביי אַן אַנדערען. מען ווערט דערביי געוואויר פון דעם און יענעם פאַר-בלאָנדזשעטען איד, וואָס קען נישט געפינען קיין מקום-מנוחה אין דעם טעמפעל, און ער וואָלט גערען בייגעשטייערט פאַר בויען, צוזאַמען מיט אַנדערע פרומע אידען אַ מקום-קדוש. און אָט אַזוי ווערט פאַר-ווירקליכט דער „אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו".

מען האָפט, אַז די אגודת-הרבנים וועט אויף דעם וועג קענען, בעזרת השם, אָנפירען אַ דערפאָלגרייכע טעטיגקייט פאַר אָרגאַניזירען פרומע אידישקייט, צענטראַליזירט אין די שוהלען און בתי-מדרשים, וואו עס זאָל אויפבליען אַ אידישקייט פון תורה ועבודה וגמילות-חסדים אין אַלע פאַרלאָזענע שטעט און שטעטלאך.

עס איז אָבער נויטיג, אַז די רעליגיעזע אידן אין די נייע געגענטען זאָלען מיט־העלפען אַקטיוו אין דער וויכטיגער אַרבייט. די פרומע אידען אין די נייע געגענטען מוזען ארויסקריכען יעדער פון זיינע ווינקעלעך, און זיך צונויפריידען איינער מיט דעם אַנדערען, און זיך פאַרבינדען מיט די פאָרשטייער פון דער אגודת־הרבנים, צו אַרבייטען צוזאַמען פאַר תורה און אידישקייט.

די גייסטיג־עלענדע פרומע אידען אין די נייע געגענטען קענען זיכער זיין, אַז די פאָרשטייער פון דער אגודת־הרבנים וועלען נישט רוען ביז עס וועט, בעזרת השם, געעפענט ווערען אין זייערע שטעטלעך כשר'ע שוהלען, וואו עס וועלען זיך געפינען כשר'ע רבנים, און וואו יעדער רעליגיעזער איד וועט זיך פילען גוט און היימיש, ווי עס פאַסט פאַר א הייליג מקום תורה ותפילה.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", אדר ב', תשי"ז.

די „ניו-יארק באארד אוו ראביים״ איז אסור!

דער אינטערוויו וועגן דער „ניו יאָרק באָרד אָוו ראַביים״, וועלכער איז געווען פאַרעפענטליכט אין „דאָס אידישע לעבען״ — „שוהל-לעבען״ פון אדר ב׳ (מערץ) דאָס יאָהר, דורכגעפירט פונ׳ם רעדאַקטאָר ר׳ אבא רייכמאַן מיט דעם פרעזידענט פון דער „באָרד אָוו ראַביים״ —האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגענהייט.

פון פאַרשידענע זייטען האָט מען מיך געפרעגט, ווי אַזוי פּאַסט זיך: „גוטע נייעס פאַר פרומע אידען״ — וואָס איז געווען דער קאָפּ, אָדער די איבערשריפט צו מיינעם אַן אַרטיקעל אין דער פראָנט-זייט פון דעם זעלבען נומער — מיט אַן אינטערוויו וועגן דער „באָרד אָוו ראַביים״, וואָס איז ווי אַ גייסטיגע טויטליכע קראַנקהייט פאַר׳ן פרומען אידענטום?

וויל איך דאָ צוערשט דערקלערען, אַז איך טראָג נישט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער רעדאַקציאָנעלער זייט פון דער צייטונג, טראָצדעם וואָס דער רעדאַקטאָר ר׳ אבא רייכמאַן איז מיינער אַ פערזענליכער גוטער פריינט. און עס פאַרבינדען אונז געמיינזאַמע הייליגע עראינערונגען פון אונזער לעבען און לערנען אין דער וועלט-באַרימטער לאָמזער ישיבה.

און איצט וועגען דעם אינטערוויו וועגען דער „באָרד אָוו ראַביים״. איך מייד אויס דעם נאָמען פון דעם אינטערוויואירטען — נישט דערפאַר ווייל איך אונטערשאַץ אים. אומגעקערט — אַלס מענש — רעספּעקטיר איך אים זעהר פיל. נאָר איך טו דאָס דערפאַר, ווייל לויט זיינע אַרגומענטען אינ׳ם דערמאָנטען אינטערוויו, דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג זאָגאָר ביים שרייבען אַן אומשולדיגען טיטעל. לויט אים קומט אויס, אַז אויב אַ ראש-ישיבה שרייבט נאָך שטיצע צו אַ קאָנסערוואַטיווען ראַביי, אַ מיטגליד פון דער „ניו יאָרק באָרד אָוו ראביים״, אַדרעסירענדיג דעם לעצטען מיט׳ן טיטעל: „ראַביי״, באַשטעטיגט דערמיט דער דאָזיגער ראש-ישיבה דעם רבנ׳ישען סטאַטוס פאַר׳ן קאָנסערוואַטיווען ראַביי. דאָס איז גילטיג אויך דאַן ווען דער בריוו איז געשריבען אין ענגליש, ווייל „ראַביי״ אין ענגליש — מיינט דאָס זעלבע וואָס דער טיטעל: „רב״ אין אידיש.

פון דעם זעלבען קאַליבער זענען, דוכט זיך, אויך אַלע זיינע אַנדערע אַרגומענטען. לאָמיר נעמען דעם ערשטען:

„די אומשטענדען — זאָגט דער אינטערוויואירטער — אונטער וועלכע עס עקזיסטירט דאָס אַלגעמיינע אידישע געזעלשאַפטליכע לעבען אין אַמעריקע זענען אַזעלכע, אַז עס עקזיסטירט דאָ פּאַקטיש נאָר איין פאַראייניגט-אידיש געמיינדע לעבען".

מזל-טוב, אידען! משיח קען שוין קומען! די געגאַרטע אידישע אחדות איז שוין, מיט מזל געבוירען געוואָרען, און טאַקע דאָ אין אַמעריקע, און עס איז שוין פאַראַן איין „פאַראייניגט-אידיש געמיינדע-לעבען" פון טעמפּעל „אימאַניועל" ביז, להבדיל, דעם בית-המדרש פונ'ם סאַטמאַרער רבי אין וויליאַמסבורג, אָדער קופּיטשיניצער בית-המדרש אויף דער איסט-סאַיד.

אין דעם אינטערוויו ווערט געזאָגט, אַז „אויב זיי (די פרומע רבנים פון אגודת הרבנים) פאַרלאַנגען אַ פולשטענדיג אָפּזונדערען זיך פון די קאָנסערוואַטיווען און רעפאָרמער, וועלען מאַנכע פון די דאָזיגע פרומע רבנים זיך מוזען אויך אָפּזונדערען פון זייערע אייגענע קינדער".

דערויף וועל איך אייך דאָ דערמאָנען אין אַ מורא'דיגען פסוק אין דער תורה, וואָס ווערט מעגליך נישט זיין אָנגענעם פאַר אייערע טאָלעראַנטע אויערען, און נעמליך: „ויאמר משה מלאו ידכם היום לד', כי איש בבנו ובאחיו, ולתת עליכם היום ברכה" (און משה האָט געזאָגט: ערפילט אייער האַנט היינט צו גאָט, ווייל יעדער איז געווען אַקעגען זיין זון און אַקעגען זיין ברודער, און כדי צו געבען אייך היינט אַ ברכה...) אייגענטליך, ווייסט איר דאָך, אַז אונזער ערשטער טאַטע און אונזער ערשטע מאַמע האָבען גאַנץ שטאַרק דערוויטערט און אָפּגעזונדערט דאָס ערשטע אַראַבער'ל... און אויב משה רבינו האָט זיין זון נישט טיטולירט אַלס „ראַביי", איז ער טאַקע געווען אוים ראַביי! טאַ וואָס פרעגט איר: „אויב מיר וועלען זיי (די קאָנסערוואַטיווען און רעפאָרמער) נישט טיטולירען אַלס ראַביים, וועלען זיי שוין צוליב דעם אַליין ווערען אוים ראַביים?... אין הכי נמי — יאָ, אַזוי און טאַקע אַזוי! אַ כומר לעבודה-זרה ווערט אַזאַ איינער זיין, אָבער נישט קיין רב!

זעהר טרעפליך שרייבט הרב ר׳ שמעון מאָרדוכאָוויץ אין אַן אַנדער אָרט, וואו ער פרעגט: „איר, וואָס זענט נאָך מאַמינים בד׳ ובתורתו, ווי לאַנג נאָך וועט איר צוקוקען זייערע מעשים? (געמיינט: די קאָנסערוואַטיווען און רעפאָרמער — י. א.) גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז די רעפאָרמער, די אוכלי נבילות וטריפות און מחללי שבת ויום־טוב, אונטערגראָבען די יסודי־הדת. מיט זעקס יאָר צוריק האָבען זיי, ביי אַ קאָנווענשאָן מתיר געווען צו פאָרען מיט אַ קאַר אום שבת צום דאַווענען. זיי זענען ליידער אויך געוואָרען די אויטאָריטעטען ביי מילה־פראַגען, און זיי קוואַליפיצירען ווער עס קאָן יאָ זיין אַ מוהל און ווער נישט. זיי ערלויבען אַ דאָקטאָר צו זיין דער מוהל, און אָפּטמאָל איז דער דאָקטאָר נישט קיין איד״...

אָבער אין אייער אינטערוויו בארעכטיגט איר אייער זיצען צוזאַמען מיט די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע ראַביים מיט דעם מאָטיוו, וואָס זיי האָבען אייך געהאָלפען „דורכברעכען אין אַ צאָל נישט־אידישע שפּיטאָלען דעם פאַרבאָט פון מל־זיין דאָרטען אידישע קינדער״. אייער בארעכטיגונג שטיצט זיך גאָר אויף אָט דער מילה־באָרד אונטער דער אויפזיכט פון כופרים בתורה מסיני!

בלייבען, לויט אייערע רייד, נאָך צוויי זאַכען, וועלכע דאַרפען בארעכטיגען אייער זיצען מיט רעפאָרמער, אוכלי נבילות וטריפות — 1) די געמיינזאַמע פאַרטיידיגונג פון אידישען שחיטה־געזעץ אין אַלבאַני, און 2) די דערגרייכונגען אויפ׳ן געביט פון כשרות ביי אַ אידישע אָרגאַניזאַציע. איז דענקט איר טאַקע, אַז אוכלי נבילות וטריפות זענען די פאַסענדע פאַרטיידיגער פון כשרות ביי אידען און ביי נישט־אידען?

גיכער זענען די עטליכע פאַקטען, וואָס איר האָט דערמאָנט נאָר ווי געשאָטען זאַמד אין די אויגען. וואָרים, קענט איר דען זאָגען, אַז אייך אינטערעסירט מער שבת און כשרות ווי עס אינטערע־סירט די גדולי־תורה, וועלכע זענען נישט גרייט צו גיין, פאַר שבת און כשרות, צוזאַמען מיט מחריבי־הדת! עס שטעלט זיך אויך די פראַגע: מי התיר לך? איר ווילט זיך דאָך רופען נישט בלויז פרומע אידען, שומרי־תורה ומצוות, נאָר טאַקע רבנים וואָס ווייסען אַ דין. נו, ווייסט איר גאָר־נישט פון דעם דין: מורה הלכה בפני רבו? אָט די ראשי־ישיבות, וואָס האָבען גע׳אסר׳ט דאָס באַלאַנגען צו דער

„באָרד אָוו ראַביים", זענען דאָך אייערע רביים, איז ווי קענט איר פּסק'ענען פאַרקערט, וועלכעס הייסט שוין גע'פּסק'ענט כנגד רבו!

אויף דער פּרשה אחרי מות שני בני אהרן, וועלכע מען לייענט אויך אין יום־כיפּור, זאָגט דער הייליגער זוהר, אַז מען דאַרף פאַרגיסען טרערען ביים לייענען די פּרשה, און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר. נדב ואביהו, אהרן'ס קינדער, זענען דאָך נישט געווען קיין רבנים, וואָס פאַרגעסען זאָגאַר דעם יורה יורה דריי מאַנאַטען נאָך דער סמיכה. משה רבינו, זייער מסמיך, האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי זענען גרעסער פון אים, און גרעסער פון זייער פאָטער, און דאָך האָבען זיי געקראָגען אַ שרעקליכע שטראָף פאַר דער עבירה — שהורו הלכה בפני רבם!...

איצט, אַז די רבנים פון דער אגודת־הרבנים זענען, לויט אייערע אייגענע רייד, אויך אייערע עלטערען, האָט עס דאָך שוין דעם דין פון „אביו ורבו", וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז אין איר דערקלערונג פון כ"ח אדר, תשט"ז, זאָגט די אגודת הרבנים פאָלגענדעס:

„די אגודת־הרבנים האָט פאַר פיעל יאָהרען געוואָרענט דעם אידישען פּובליקום, אַז לויט'ן דין האָבען סיי די רעפאָרמירטע און סיי די קאָנסערוואַטיווע ראַבינער נישט קיין שום רבני'שען סטאַטוס, און מען טאָר זיי נישט אָנפאַרטרויען קיין רבני'שע אָנגעלעגנהייט. נאָך מעהר, בדרך כלל, זענען אַזעלכע ראַבינער פּורצי־גדר און כופרים אין יסודי־הדת, צוליב דעם טאָר מען זיי נישט אָנערקענען אַלס פאָרשטעהער פון רעליגיעזען אידענטום"...

מיר וועלען דאָ געבען אויך דעם טעקסט פונ'ם איסור, וואָס זאָגט, אַז —

„די אגודת־הרבנים ערקלעהרט, דאָס די „ניו־יאָרק באָארד אָוו ראַביים", וועמעס מערהייט באַשטעהט פון חברים פּורצי־גדר פון די יסודות התורה, האָט נישט קיין רעכט, על־פּי־דין, צו רופען זיך מיט'ן נאָמען „חבר־הרבנים". קיין אָרטאָדאָקסישער רב טאָר נישט זיין קיין חבר אין דער דאָזיגער „באָארד" אונטער וועלכען נאָמען זי זאָל נישט געהען. באַזונדערס טאָר קיין חבר פון אגודת־הרבנים נישט זיין קיין חבר פון דער „באָארד". דער רב וואָס איז אַ מיטגליד פון דער „באָארד" באַגעהט אַ שווערע זינד געגען אידענטום און שטעלט זיך אַוועק מחוץ למחנה פון אָרטאָקסישען ראַבינאַט".

דאָס איז דער קלאָרער פּסק־דין פון אונזערע רביים, און נישט איך און נישט איהר קענען האַנדלען געגען זיי, זאָגאַר ווען מען האָט דערביי אין זינען צו שטאַרקען אידישקייט. להורות הלכה בפני־וכנגד' רבם — פּסק׳נען אין געגענוואַרט, אָדער גאָר געגען דעם אייגענעם רבי׳ן איז אַ שרעקליך פאַרברעכען, איז אַ זינד וואָס האָט נישט קיין פאַרגעבונג!

לאָמיר איבערבעטען אונזערע רביים, און זאָגען: דבר אתה עמנו ונשמעה.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", אַפּריל, 1957.

צווישען פסח און שבועות

דער זוהר הקדוש פרעגט: פאַרוואָס איז פסח זיבען טעג, סוכות זיבען טעג און שבועות, דער וויכטיגסטער אידישער יום טוב, פון קבלת התורה, נאָר איין טאָג? און ער פאַרענטפערט די פראַגע מיט דער פתיחה פון „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". „אחד" איז דער שבח פון ישראל, דער קאָנצענטראַציע-פונקט פון אַלע עשר ספירות. ישראל איז דער איינציגער כח וועלכער פאַרבינדט אַלע וועלטען, און ישראל'ס כח איז דאָך אָבער נאָר פון „האי יומא" איז במילא דער טאָג פון שבועות, דער „קשר האמונה", דער קשר פון אַלעם, און דער מיטעל-פונקט פון אַלעם; דער עץ החיים בתוך הגן צו וועלכען צענטראַלען פונקט אַלעם ציט זיך. פסח און סוכות זיינען גרוים, אָבער זייער גרויסקייט באַשטייט אין זייער מאַגנעטישען ציען זיך צום צענטראַל-פונקט, וואָס הייסט שבועות וואָס איז אַן איינהייט. איינס און ניט מער, און דאָס איז דער שבח פון אמונה, און דער קשר, דער בונד פון אַלעם.... זאָגט ר' יהודה, דער אָריגינעלער פראַגע-שטעלער: געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס איך האָב געפרעגט, און זוכה געווען, דאַדורך צו הערען די דאָזיגע רייד!...

די הימליש-הויכע זוהר-רייד, קענען אויך אין אונזער פּראָזאַאישער שפּראַך אויפגעפּאַסט און פאַרשטאַנען ווערען. פסח, דער יום טוב פון באַפרייאונג, דער זמן חרותנו איז אוודאי גראַנדיעז-גרוים. סוכות, דער סעזאָן פון פרייד, דער זמן שמחתנו, איז געוויס קאָלאָסאַל-הויך — אָבער נאָר ווען פסח קוקט פאָראויס מיט אַנגסטיגע בליקען, מיט אומגעדולדיגען ציילען די טעג און די וואָכען, צו קענען זיך פאַרשמעלצען אין איין איינהייט מיט דעם יום טוב פון שבועות. תמימות תהיינה! און סוכות איז דער קולמינאַציאָנס-פונקט פון יציאת מצרים'דיגע סוכות, און ענני כבוד... בהוציאך את העם ממצרים — תעבדון את אלקים על ההר הזה, איז דער אידעאַלער אויסגעטרוימטער סוכת שלום. ווען דער באַרג ווערט אָבער אָרויפגעצוואונגען ,ווערט עס אַ פּסול'ע סוכה. אַ סוכה אין דער פאָרם פון אַן — ענן כבד, און אַ סוכה-דאָך אין דער פאָרם פון אַ כפה עליהם הר כגיגית...

ווייל — מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. טאַקע איינציגאַרטיג איז דער עם ישראל אין זיין אויפפאַסונג פון זיינע ימים

טובים. אַ יום טוב פון — באַפרייאונג — אַליין, איז ניט קיין אידישער יום טוב. ביי אַלע פעלקער איז דער יום טוב פון באַפרייאונג דער הערליכסטער יום־טוב. אָבער ביי ישראל איז פרייהייט אָן און פאַר זיך אַ נול, אין בעסטען אופן. גאַנץ אָפט פירט די פרייהייט אַוועק אויף די וועגען פון — חרב איש ברעהו... פאַגראָמען — אין די פוסטריט פון פרייהייט — איז אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג. די וועגען פון סיביר, די וועגען צו דער גילאָטינע זיינען באַפלעקט מיט'ן בלוט פון די נעכטיגע פרייהייטס־אויסקעמפער! די ערד נעמט ציטערען און שטורעמען ווען דער באַפרייטער קנעכט נעמט קעניגען... דער נעכטיגער שקלאַף איז דער היינטיגער שקלאַפען־טרייבער, נאָך מיט פיל מער אכזריות ווי זיין נעכטיגער האַר...

זמן חרותנו איז אַ ברכה — ווען ער ציט זיך צו פאַראייניגען מיט'ן זמן מתן תורתנו. חרות מיט לוחות — אויסגעהאַקט און אויסגעקריצט צוזאַמען. חרות על הלוחות. אין פלוג איז עס אין סתירה צו פרייהייט. געבונדען צו לוחות! „שעיר" וויל דאָס ניט. „פארן" טרייסעלט זיך אָפּ פון דעם. עבדא בהפקירא ניחא לי'! אָבער ישראל, דאָס איינציגע פאָלק אויף דער וועלט, טייטשט: **אל תקרי חרות אלא חירות.** די לוחות גיבען יעצט דעם אמת'ן זין פון חרות!

און אַזוי איז אויך אמת בנוגע זמן שמחתנו. ביי אַלע פעלקער איז דער מאָטיוו פון חג האסיף אַליין גענוג אַ גרונד פאַר זמן שמחתנו. אָבער' יעדער ערנסטער באַאָבאַכטער וועט דאָך מוזען זאָגען, אין די אויגען פון דעם נאַקעטען אמת, אז — וואָס, וואָס, נאָר „שמחתינו" איז עס גענויים ניט. עס איז הוליאַנקע. עס איז אָפט מאָל שכרות, עס איז אויסגעלאַסענקייט... ביי פראָסטע פעלקער דערגייט עס צו קאָפּ־שפּאַלטעניש. ביי איידעלערע פעלקער צו אַלערליי האַזאַרד שפּילען אָבער לשמחה — מה זו עושה?! צו שמחה, אין איר סובטעלער באַדייטונג, האָט עס אַזאַ שייכות טאַקע ווי — אַ יון אין מוכה! הוללות יש כאן שמחה אין כאן... חג האסיף־שמחה וואָס איז ווערט צו טראָגען דעם נשמה דערהויבענעם נאָמען — **שמחה** קען נאָר מאַטעריאַליזירט ווערען ווען עס קוועלט אַרויס פון דעם גייסטיגען פרייהייט־קוואַל וואָס איז דורכגענומען פון דעם תורה־אַראָמאַט!...

מעגלעך, אַז פילע טיף-דענקענדע ניט-אידען זיינען אויך, באַוואוסטזיניג אָדער אונטערבאַוואוסטזיניג, דורכגעדרונגען פון אַט דער אָנערקענונג. אויך זיי איז דערווידער די גוי'אישע שיכורים און שיכרות אין אַלגעמיין, מיט די נאָכפאָלגענדיגע סקאַנדאַלעכלעך! זיי פילען אינטענסיוו די דיסטאַנץ-ווייטקייט פון הגאות-שיכרות ביז שמחה. מעגלעך אויך, אַז זייערע פרייהייטס-קעמפער זיינען טיף אַנטוישט מיט דער פאַרווירקליכונג פון זייער אויסגעקעמפטען אידעאַל. מעגלעך אויך, אַז זיי באַגרייפען דעם מינימאַלען אמת, אַז קערפּערלעכע פרייהייט פאַרלירט איר חשיבות, ווען זי ווערט ניט באַגלייט פון געוויסע הויכע מאָראַלע סטאַנדאַרטען און באַגריפען, וועלכע גרעניצען זיך אין אַ געוויסער מאָס מיט מרעיש עולמ'דיגע, סיני'דיגע, אויפ-טרייסלונגען. און אפשר איז דאָס טאַקע דער געדאַנק פון דעם מאמר: **כשניתנה תורה לישראל, הי' קולו הולך מסוף העולם ועד סופו... וכל מלכי עובדי כוכבים אחזתן רעדה בהיכליהן, ואמרו שירה, שנאמר, ובהיכלו כולו אומר כבוד,** (מס' זבחים, ד' קט"ז) און רש"י לייגט צו: **ובהיכלו של כל מלך ומלך כולו אומר כבוד להקדוש ברוך הוא...** ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען צו אידען, איז דער קול דערפון דערגאַנגען פון איין עק וועלט צום אַנדערען. און אַלע גוי'אישע מלכים זיינען אַדורכגענומען געוואָרען מיט אַ ציטערניש, אין זייערע פּאַלאַצען, און זיי האָבען געזונגען שירה צום רבונו של עולם...

איז עס דאָך אַ טאָפּעלע קשיא. ערשטענס, אויב מ'ציטערט זינגט זיך ניט. און אויב מ'זינגט, כאַפּט ניט אָן גלייכצייטיג אַ ציטערניש? און צווייטענס, אויב עס געפעלט זיי טאַקע אַזוי שטאַרק די תורה, יעדען איינעם פון זיי באַזונדער, „ובהיכלו של כל מלך ומלך כולו אומר כבוד להקדוש ברוך הוא", טאָ פאַרוואָס האָט זיך יעדער איינער באַזונדער, גאַנץ שיין זיך אָפּגעזאָגט פון צו נעמען, טאַקע, די זעלבע תורה?

איז דער תירוץ — פון אָנערקענען ביז קענען נעמען איז נאָך אַ ווייטער מהלך! דער קול התורה איז טאַקע אַזוי באַצויבערענד, אַזוי עקסטאַז-פאַרכאַפּענד, אַז ס'ווילט זיך אַזש זינגען פון גרויס באַגייסטערונג! די תורה ליכטיגקייט איז אַזוי בלענדענד און דורכ-דרינגענד, אַז עס ווילט זיך אַזש אויסשרייען, אין כלות הנפש, כל עצמותי תאמרנה ד' מי כמוך! אָבער גלייכצייטיג כאַפּט אָן אַ ציטערניש

פון דער עווענטואַליטעט פון דאַרפען נעמען אויף זיך אַזאַ שווערען עול פון תורה און מצות, און אַן אבסאָלוטען אָפּטרייסלען זיך פון די טראַדיציאָנעל איינגעוואָרצעלטע געוואונהייטען פון יאַ־תגנוב און יאַ־תנאף!

ניט נאָר גוי'אישע קעניגע און פילאָסאָפען, דיכטער און דענקער ווערען עלעקטריזירט פון די הייליגע ליכטיגע תורה שטראַלען. אויך אַזוי־גערופענע אידישע שרייבער און פּאָעטען צעגיסען זיך אין לויב געזאַנגען... אין די העכסטע לויב־פּאָעמען, אַרטיקלען און אָפּה־אַנדלונגען וועגען תורה און דעם שבועות'דיגען תורה יום טוב, צעגיסען זיי זיך מיט שירות ותשבחות וועגען די גרויסקייט פון אידישן פאָלק וואָס האָט געגעבען אַ תורה צו דער וועלט. אָבער דערביי בלייבט עס... איז דאָך די קשיא פאַרוואָס? אויב ס'איז יאָ אַזוי גרוים און ערהאבען טאָ פאַרוואָס טאַקע ניט אָננעמען די תורה?!

און דאָ קומט אַריין דער ספירה מאָטיוו, און פאַרענטפערט אַלע קשיות.

...**כתפוח בעצי היער. ר' עזרי' אמר תרתי. מה התפוח הזה אינו גומר פירותיו אלא בסיון, כך לא נתנו ישראל ריח טוב אלא בסיון, מה התפוח הזה משעה שמוציא ניצו ועד שגומר פירותיו חמשים יום, כך משעה שיצאו ישראל ממצרים ועד שקבלו את התורה חמשים יום, ואימתי קבלו אותה? בחדש השלישי לצאת בני ישראל,** (שיר השירים רבה, פ' ב') אַזוי ווי דער עפּעל צווישען די בוימער פון וואַלד... זאָגט ר' עזרי' צוויי זאַכען: אַזוי ווי דער עפּעל בוים פאַרענדיגט ניט אַרויסגעבען זיינע פרוכטען ביז סיון, אַזוי האָבען די אידען ניט אַרויסגעגעבען דעם גוטען אַראָמאַט ביז סיון. און — אַזוי ווי דער עפּעל־בוים פון דער צייט ווען ער פאַנגט אָן בליען ביז די פרוכט ווערט צייטיג, נעמט עס פופציג טעג, אַזוי איז מיט די אידען וואָס זיינען אַרוים פון מצרים ביז זיי האָבען גענומען די תורה, האָט אויך געמוזט נעמען פופציג טעג. און ווען האָבען זיי אויפגענומען די תורה? אין דריטען מאָנאַט פון דעם צייט־אָפּשניט פון דעם אַרויסגיין פון די בני ישראל.

בצאת ישראל ממצרים — איז טאַקע אַ פּרעכטיג בילד. אָבער אַזוי איז אויך פּרעכטיג־שיין דער עפּעלבוים, ווען ער ווערט באַקליידט

פסח צייט אין זיין ווייסע בליעכץ. אָבער מער ווי אַ גלוסטונג פאַר'ן אויג איז עס ניט. עס מוז נעמען צייט ביז די פּירות ווערען רייף. און וויפיל אמת איז אין משל, איז עס נאָך מער אמת וועגען מענש און פאָלק.

עס פאָדערט זיך אַ געוויסער צייט־פעריאָד צו זיין פעאיג אויפצונעמען דעם דבר אלקים. מען קען ניט ארייגפאַלען אין דער תורה מיט די בלאָטיגע קליידער פון טומאת מצרים. טובל, אפילו, אָבער ושרץ בידו קען ניט אַרויסנעמען פון טומאה. און ווען טומאה רינגעלט אַרום דעם מענש אָדער אַ פאָלק, אינעווייניג און אויסען־ווייניג, קען נאָך דאַן געווים ניט זיין קיין אָרט אויף וועלכען קדושה זאָל חל זיין.

עד שאתה מכנים דברי תורה בלבך, הוקע דברי טומאה מלבך. איידער דו גייסט אַריינברענגען דברי תורה אין דיין האַרץ, נעם פריער אַרוים די טומאה פון דיין האַרצען. און די חכמים גיבען אויף דעם אַ משל: משל למה הדבר דומה, צו אַ קייסער וועמענס זון איז אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק. זאָגט מען צום קייסער זאָל דיין זון גיין אין זיין שולע. האָט ער געענטפערט: מיין זון האָט נאָך ניט די קאָליר־ליכטיגקייט, און דו זאָגסט, אַז ער זאָל שוין גיין אין זיין שקאָלע?! זאָל מיין זון זיך אויסאיידלען מיט געזונטע עסענוואַרג און געטראַנקען פאַר צוויי דריי מאָנאַטען און נאָכהער וועט ער גיין אין זיין שולע. כך, אַזוי, האָט דער אויבערשטער געזאָגט: מיינע קינדער זיינען נאָך צו זיך ניט געקומען פון דער פאַרשקלאַפונג פון די ציגעל און ליים, און איך זאָל זיי געבען אַ תורה?! זאָלען זיך מיינע קינדער אויסאיידלען אַ צוויי דריי מאָנאַטען מיט הימלישע עסענוואַרג און געטראַנקען ווי מן, באר און שלו, און נאָכהער וועל איך זיי געבען די תורה. ווען? בחודש השלישי. אין דריטען מאָנאַט (מדרש קהלת רבתי פ' ג').

לויט דעם חשבון פון מאָנאַטען איז עס צוויי דריי מאָנאַטען: ניסן, אייר, סיון. לויט דעם פּינקטלעך אויסגערעכענטען חשבון פון טעג און וואָכען איז עס זיבען וואָכען, אויף'ן פופציגסטען טאָג. פאַרוואָס? זאָגט דער זוהר הקדוש: **אמאי שבע שבתות? בגין למזכי לאתדכאה במיין וכו' וכמה דאתתא דכיו דילה וכו'. תא חזי, כל בר נש דלא מני חושבנא דא, דאינון שבע שבתות תמימות, למזכי**

לדכיותא דא, לא מקרי טהור, ולאו בכללא דטהור הוא. ולאו הוא כדאי למיהוי ליה חולקא באורייתא (זוה"ק, פ' אמור). די זיבען וואָכען האָבען דעם ציל פאַר זיך, זוכה צו זיין צו רייניגען זיך. אַזוי ווי אַ פרוי רייניגט זיך זיבען טעג, אַזוי איז צו רייניגען זיך פאַר קודשא בריך הוא — זיבען וואָכען! אָן דעם גייט מען גאָרניט אַריין אין דעם אַרביט פון טהור, און ער איז ניט ראוי צו האָבען אַ חלק אין דער תורה.

קבלת התורה איז איין איינציגער טאָג. אחד. פסח פון איין זייט און סוכות פון דער צווייטער זייט ציען זיך צו דעם אחד. זיי דאַרפען שוין האָבען צו זיבען טעג צוצוקומען צו שלמות. די הכנה אָבער צום אחד — פאָדערט גאַנצע זיבען וואָכען! ווייל — שווער, זייער שווער קומט אָן דער רייניגונגס פראָצעס. דער אַריבערגיין פון טומאה צו טהרה איז אַ לאַנגזאַמער, אויסמאַטערענדער, דאָרנדיגער וועג. אַ סך עליות — אָבער ניט ווייניג ירידות, מניעות, שטרויכלונגען קומען אַנטקעגען... מי יעלה בהר ד'? צוצוקומען צום הר סיני איז ניט לייכט! דורך פוסטע „מאונט סיינאַי סוירמאַנס", קריגט מען ניט קיין חלק אין דער תורה...

איידער מען וואַשט אַראָפּ פון זיך די טומאה, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט דורך קאָלעגיאַלע חבר'שאַפט מיט פוסט און פּאַסטניקעס... איז מען ניט אין כלל פון טהור! שוין אָפּגערעדט פון ווערט זיין צו האָבען אַ חלק אין דער תורה! מ'קען רעדען וועגען תורה, און מ'קען אפילו שרייבען און דרוקען תורה און עס זאָל ניט זיין מער ווי מוח גימנאַסטיק... צו הר ד' און תורת ד' האָט עס קיין שייכות ניט. ווייל — נאָך אַלעס, איז דער סאַמע ערשטער שריט, ביים סאַמע אונטערשטען טרעפּל פון באַרג סיני, — **לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו**. מיט די ניט אָפּגעסקראָבעטע קליפות און טומאות — קלעפּיגע פאַרזעענישען — אַריינשפּרינגען אין מעמד הר סיני, — אין דאָס הייליגסטע פון אַלע הייליגקייטען, איז אין דער בחינה פון תרתי דסתרי! דער רעזולטאַט דערפון איז אַ גרוילהאַפטער! ניט נאָר ווערט מען ניט אינספּירירט פון קדושה-מאָמענטען, נאָר מען ברענגט גאָר אַריין, רחמנא ליצלן, די טומאה אין דער יראה. די גראָבע קליפּות אין דעם זיידענעם געוועב פון דער תורה הקדושה. פון תורה מסיני, געגעבען פאַר אַלע אייביגקייטען. מפי קודשא בריך הוא. פון אַ ג-ט'לע-כע תורה ווערט עס אַ „טאָראַ", וואו אַ רעפאָרמירטער פוסט און פּאַסט-

ניק געוועלטיגט אויף די בת מלכה, און וויל איר דווקא פארגוואלטיגען צו ערפילען אלע זיינע נידעריגסטע אינסטינקטען... און א קאנסערוואטיווער אדער מאדערנער ארטאדאקס וויל אין איר אריינ־טייטשען מכל העולה על רוחו...

אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו תורתו — זאגט ר׳ המנונא, אין מס׳ ברכות, דף י״א: — איז די מעולה שבברכות. הילכך לימרינהו לכולהו. אונזער אויסדערוויילקייט פון אלע פעלקער וואס מיר האבען יא זוכה געוועזן צו די תורה איז דער ספירה פעריאד, די הכנה צו קבלת התורה. אין געגענזאץ צו אלע פעלקער איז אונזער זריחה און אונזער הופעה געגאנגען גראדענווייז. דער רייניגונגס פראצעס איז צום אלעם ערשטען. אראפוואַרפען פון זיך די בלאטע און שטויב פון די ליים און ציגעל, די גראבע הויט פון טומאה. דאן לעסוק בדברי תורה, פרה שבת, דינים. דאן והערב נא, צו דערפילען די זיסקייט פון דער תורה אויף צו וועלען עס איבערגעבען קינדער און קינדס־קינדער. און דאן — דאן יעצט איז מען ראוי למיהוי ליה חולקא באוריתא, צום מעמד הר סיני און גילוי שכינה און זוכה זיין צום ערהאבענעם מאמענט פון — ונתן לנו את תורתו.

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט״, אייר, תשי״ז.

בן ארבעים לבינה

מיר האַלטען ביי די ארבעים אין ספירה. דאָס מיינט אַז מיר דאַרפען זיך שוין אָפּגעבען אַ חשבון הנפש פון אַזעלכע פּגימות דקות'דיגע, איידעלע פּגימות, צו וועלכע עס פאָדערט זיך שוין ניט נאָר חכמה, ווייל אָן חכמה איז דאָך בכלל נישט שייך הרגשה. עס איז דאָך אַ באַוואוסטער כלל „אין שוטה מרגיש"... דאָ פאָדערט זיך שוין בינה, צו זיין אַ מבין דבר מתוך דבר.

די אויפגאַבע פון די ספירה טעג איז דאָך מתקן צו זיין די פּגימות הנפש. יעדער טאָג איז אויסגערעכענט. צו יעדער טאָג איז אַ מצוה פאַר זיך אַליין, אָדער די גאַנצע ספירה איז איין גאַנצעם? אַ פראַגע, פון תמימות תהיינה. — איז נאָר, צו יעדער בריליאַנט שיינט פאַר זיך אַליין אין זיין אייגענע אומגעבונג, אָדער די אַלע באַזונדערע בריליאַנטען ווערען צונויפגעשנורעוועט אין איין הערליכען בונד, און אַלע צוזאַמען גיבען אַרוים אַזאַ פינקעלדיגע, בליאַסקעדיגע, שעמער־רירענדע ליכטיגקייט וואָס איז אַ „מעין" די ליכטיגקייט פון די ששת ימי בראשית, אָט די ליכטיגקייט וואָס איז באַהאַלטען אויסשליסליך פאַר די צדיקים — אָבער אַז יעדער טאָג איז אין זיך אַליין אַ בריליאַנט, אין דעם איז גאָר ניט דאָ קיינע מיינונגס פאַרשידענהייטען. אַלע ספירות זענען אויסגערעכענט אויף דעם. יעדער טאָג איז אַ באַזונדער שטאַפּעל אין דעם לייטער פון שלמות הנפש. צוזאַמען שטעלען זיי צונויף אַ גראַנדיעזען היכל פון מ"ט שערי בינה. דער נייען און פערציגסטער שטאַפּעל וועלכער דאַרף שוין אַריינפירען אין קדש קדשים אליין קען אָבער ניט געמאָלט זיין אין דער ווירקליכקייט אָן דער פאָרברייטונג אפילו פון דעם סאַמע ערשטען שטאַפּעל.

געווים זענען דאָ אַזעלכע וועלכע קענען באַווייזען אַ קונץ פון איבערשפּרינגען עטליכע טרעפּ מיט איינמאָל. זיי זענען אָבער אויך עלול צוריק צו פאַלען צו די פריערדיגע מדרגות... דער נאָרמאַלער וועג איז אָבער, ניט נאָר שבע שבתות תמימות, נאָר טאַקע חמשים יום... יעדער טאָג זאָל באַזונדער געלייטערט ווערען און געשליפען ווערען אין זיין אַרבייט.

אויך די נאָרמאַליטעט-סטאַטוס, איז באַזונדערס נויטיג, צו גיין מן הקל אל הכבד! פריער קומט רייניגונג פון גראָבע עבירות. דעם שרץ דאַרף מען אַוועקוואַרפען גלייך ביי די ערשטע שריט צום וועג פון רייניגונגס-פּראָצעס. דאַן זיך אויפהויבען ביסלעכווייז צום שפּיץ פון סולם און וואָס נענטער דער לויטערער בלויער הימעל נעמט זיך ענטפּלעקען, אַלץ מער אויסגעאיידעלטער דאַרף די קערפּערליכע מאַטעריע ווערען. ווען מ׳האַלט שוין ביי דעם פיפטען טייל פון די חמשים יום, דאַרף שוין הערשען אויף דעם פריערדיגען צייטס-אָפּשניט, פולקאָמענע אויסגעלייטערטקייט פון אַלע פּראָסטע און איידעלערע עבירות. ער דאַרף שוין זיין ווייט אַוועק אפילו פון אַזעלכע טאַטען אויף וועלכע ס׳זענען גאָר ניטאָ קיין בפירוש׳ע פאַרבאָטען פון די תורה, אָבער זיי ווערען באַצייכענט אין דער רמב״ן טערמינאָלאָגיע „נבל ברשות התורה״... וועלכע גייען אַרונטער אין דער רובריק פון „קדושים תהיו״!

און יעצט אויפ׳ן שוועל פון די ארבעים, דאַרף דער מענש שוין זיין גרייט אַריינצוגיין אין די היכלות פון די שערי בינה. צו זיין אויפנאַמס-פעאיג צו זיין אַ מבין דבר מתוך דבר. זיך צו דערווייטערען מכל סיג ופגם. אפילו פון אַ שמץ פון אַ פגם. אויב עס קען אפילו אין אַ ווייט לויפיגען וועג דערפירען צו אַ פאַרדאַכט פון טומאה, איז אויך אויף דעם ווערט פאַרזאָגט „הרחק מן הכעור ומן הדומה לו״...

מיט דעם וועג ווערען פאַרשטאַנען די אַלע ימי הספירה, די אַלע הגבלות און באַגרענעצונגען, ביז די שלשת ימי הגבלה און ביז דעם לעצטען פייערליכסטען מאָמענט פון מעמד הר סיני, ווען עס איז נאָך אין די לעצטע מינוטען אַרויסגעזאָגט געוואָרען „וגם הכהנים הנגשים אל ד׳ יתקדשו!...״ אַלעס האָט דאַן געקלאַפּט אין טאַקט צום קול ד׳. אַלע פאַרזאָגונגען זענען אויסגעפירט געוואָרען בשלמות. און ווען יעדער שטן-שאָטען ווערט פאַרשוואונדען פון האָריזאָנט, טרעט אויף דעם אָרט אַריין האַרמאָנישע פאַראייניגונג. און מיר דערזעען דעם אויסגעטרוימטען משיח׳שען אידעאַל פון „ויחן שם ישראל נגד ההר״ „כאיש אחד, בלב אחד״. ווייל אין דער וועלט פון גייסט, ריין פון קנאה, שנאה, זענען ניטאָ קיינע ווידערשפּרוכען. אַלע הערצער ווערען פאַראייניגט אין איין איינציגען שטאַרקען ווילען און פאַרלאַנג „לעבדך... לעבדך, בלבב שלם!!!״

אָבער איין פאַרזעען איז געשען, און דאָס האָט גורם געווען אַ בכי׳ לדורות.

דער פּרינציפּ פון הגבלה, — אויבערפלעכליך, אין ווידערשפּרוך צו די פלאַכע דעמאָקראַטישע פּרינציפּען. און אין דער ווירקליכקייט דער גרונד געזעץ צום האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען פון אַלע קלאַסען און שיכטען איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף אַלעמען, פון קלענסטען ביז׳ן גרעסטען. ניט נאָר די פּאַנאַנדערטיילונג פון איש ואשה, וועלכעס שטימט לויט אַלע נאַטור-פּרינציפּען, צו ברענגען לויטערע גליקזעליג-קייט... נאָר אין די הייליגע ווערטער פון רש״י הקדוש: „אמור מעתה, אתה מחיצה לעצמך, ואהרן מחיצה לעצמו, והכהנים מחיצה לעצמם. משה נגש יותר מאהרן, ואהרן יותר מן הכהנים, והעם כל עיקר אל יהרסו את מצבם לעלות אל ד׳״. ד. ה. אַז די חכמה עליונה דיקטירט ניט אַרויפגעצוואונגענע, פאַלש איינגערעדטע פאַרפירערישע גלייכהייט פון מוזשיק און פּראָפעסאָר... נאָר פרייוויליגע, זעלבסט אָפּשאַצענדע באַגריפען וואָס נעמען אַרום דעם אַלאומפאַסענדען אַקסיאָם פון „איזהו חכם המכיר את מקומו״ אָבער אין „עם״ אַליין האָט געפעלט די דיפערענצירונג פון איד און גוי אָדער „כמעט גוי״. געגויער גערעדט, פון אידען ביז ערב רב. די תורה האָט עס ניט געקענט זאָגען. עס וואָלט דאָך געווען אין ווידערשפּרוך צו „משפט אחד יהי׳ לכם לגר ולאזרח״. אָבער די שערי בינה האָבען באַדאַרפט דיקטירען צו לערנען זיך פון „משה רבינו הוסיף יום אחד מדעתו!...״

די אידען זענען אָבער דאַן פאַרפירט געוואָרען פון אַ פאַלשער אילוזיע, עס האָט זיי געשמייכעלט צו זען דעם נעכטיגען נוגש שטיין אין עהרפורכט אין מקום קדוש, וואו תורת ישראל ווערט אויפגעווי-קעלט. קיין אָפענע עבירה איז עס טאַקע ניט געווען. מ׳האָט זיך גאָר געקענט אַרגומענטירען אַז מ׳איז מקדש השם... אָבער שערי בינה האָבען באַדאַרפט אונטערזאָגען, אַז די היינטיגע גוי׳אישע רעספּעקטאַבלע באַציאונג צו אידישע הייליגקייטען וועלען מאָרגען פאָדערען אַ געגענזייטיגע באַציאונג צו זייער עגל הזהב!...

וביום פקדי ופקדתי. א״ר יצחק, אין לך כל פורענות שבאה לעולם, שאין בה אחד מעשרים וארבעה בהכרע ליטרא של עגל הראשון (מס׳ סנהדרין, ד׳ ק״ב).

אויך די היינטיגע אַסימילאַציע האָט ניט ווייניג צו פאַרדאַנקען די שעדליכע איינפירונג פון אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס צו לאַדען גוטע גוים באַשיינען זייערע שמחות. און אפילו אַנטיילצונעמען ביי אידישע חתונות און קומען אין אָרטאָדאָקסישע שולען צו בר־מצוות... געגענזייטיגער רעספעקט וועט אָבער פאַרלאַנגען צוריקצאָלען אין קאַשציאַל ביי זייערע שמחות!!! זאָלען די שערי בינה אונז אונטער־זאָגען זיך אָפּטרייסלען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מכל סיג ופגם לטהרינו ולקדשינו בקדושתך העליונה אמן סלה.

*) געדרוקט אין „איד" א׳ סיון, תשי״ז.

אויפגאבען פאר אגודת ישראל קאנווענשאן

א יערליכע קאָנווענשאַן איז אַן אויפלעבונג פאר דער באַטרע־פענדער אָרגאַניזאַציע. זי פרישט אָפּ, זי גיט אַריין ענערגיע און אימפּולס אין די רעדלעך פון דער אָרגאַניזאַציע. דער „ברוב עם" און די דערהויבענע קאָנווענשאַן־מאָמענטען רייניגען די פאַרהאַרטעווע־טע אָדערען. שפּריצען אַריין פריש־פּולסירענדע בלוט אין די חברים און אין די אָרגאַניזאַציע־פירער און באַוועגער. און אַ ודאי וועט די אגודת ישראל קאָנווענשאָן פאַרשטעלען מיט זיך אַ גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אָמעריקע פאר די אידעאַלען און דעם געראַנגעל פון אגודת ישראל. אָבער — לא מפּי „מאַנעפיסטאַציעס אנו חיים"! לא ברעש ד'! נאָך די פּאָר קאָנווענשאַן טעג ווערט דער רעש איינגעשטילט. דער טומעל, דער הארמידער און דער גערויש שטאַרבען אָפּ, דער פולגעפּאַקטער זאַל און זאַלעכלעך ווערען אויס־געליידיגט. איש לאהליך ישראל. די דעלעגאַטען צופאָרען זיך. די עקזעקוטיוו דירעקטאָרען דרייען זיך נאָך ארום מיט פול געפּאַקטע דאָקומענטען. פאַרטפּעלען אונטער זייערע אָרעמס. און מיט פאַרפּעלטען שלאָף אויף זייערע פּנים'ער דערשלעפּען זיי זיך צוריק צו זייערע אָפיסעס אָנצוגיין מיט זייער רוטינע אַרבעט אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר. עד יום קאָנווענשאָן הבא עלינו לטובה.

און אַזוי מיום קאָנווענשאָן זה עד יום קאָנווענשאַן הבא עלינו לטובה. יאָר איין יאָר אויס...

אָבער וואָס איז גוט פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס איז ניט גוט פאַר אַזאַ באַוועגונג ווי אגודת ישראל. אגודת ישראל קען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס פון זיין נאָר „שבת יום־טוב'דיגע אידעלעך". הן עוד היום גדול, לא עת האסף. ביז דעם יום הגדול פון שופר של משיח, לעבען מיר נאָך אַדורך די חבלי משיח מיט אַלע אירע באַגלייטענדע עקבות משיח סימנים. און אויב די צרות זיינען פון אַ טאָג טעגליכען כאַראַקטער, ניט קיין זעלטענע שבת יום טוב'דיגע ערשיינונגען, מוז אויך אונזער איינציגער אָנשפּאַר אויף אָבינו שבשמים זיין אַ נאָכאַנאַנדיגער. צו געבען אונז מוט און שעפערישקייט אַדורכ־

צוהאַלטען און דורך טראָגען מיט ווירדע, מיט קדושה און התרוממות הנפש די חבלי משיח. דאָס פאָדערט שוין טאָג טעגליכע אָנגעשטרענג־טע ארבעט און וואַכזאַמקייט, הן מצד די פירער און הן מצד יעדען איד, אשר בשם ישראל יכונה. די טאָג טעגליכע ארבייטס־פּראָגראַם למען כבוד ד׳ ותורתו, דאַרף אויסגעאַרבעט ווערען אין אירע הויפּט ריכט־ליניען דורך דער קאָנווענשאָן.

שאַפען אַ ועד הישיבות

אַרויסגייענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, אַז „די שטרעבונג פון אגודת ישראל איז צו באַשיידען אין גייסט פון דער תורה, אַלע פאַרשידענע פּראָבלעמען וועלכע קומען פאָר אין לעבען פון אידישען פאָלק״. (די פּראָגראַמע וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף די כנסי׳ גדולה אין ווין אין יאָר תרפ״ג.) זוכט די אגודת ישראל צו לייזען די פּראָבלעמען לויט די באַדינגונגען פון דעם באַטרעפענדען לאַנד אין וועלכען עס געפינט זיך אַ קיבוץ אידען.

די אגודת ישראל אין אַמעריקע, צו איר פינף און דרייסיגסטער קאָנווענשאָן, שטייט פּנים אל פּנים מיט אומגעהויערע פּראָבלעמען, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. און דאָך איז — אין אתה בן חורין להפּטר ממנה, און די לייזונג מוז געפונען ווערען. די פּראָבלעמען און באַדינגונגען זיינען גוט באַקאַנט צו יעדען פרומען איד וואָס ווייַ־טאָגט צו זען די חלול הקודש אַקציעס אין דער אידישער גאַס אויף טריט און שריט. אָבער אַנשטאָט קרעכצען לאָמיר זיך קאָנצענטרירען אויף מעשים. צו פאַרטרייבען — עם הארצות, קודם כל. מפּי עוללים ויונקים יסדת עז. דער יסוד היהדות איז דער חנוך הבנים והבנות בדרך התורה והמסורה. **די אגודת ישראל זאָל מיט דער איינשטימונג פון די מועצת גדולי התורה, אין וועמענס רייען עס געפינען זיך די גרויסע ראשי הישיבות — שאַפען אַ ועד הישיבות,** וואָס זאָל ערמעגליכען אַ מיליאָנען פאָנד אויף אויסצוהאַלטען די ישיבות, וועלכע געפינען זיך שטענדיג אין אַ גסיסה צושטאַנד צו אונזער גרויסער חרפּה און שאַנד!

זאָלען די ראשי הישיבות זיך פאַרנעמען מיט די גייסטיגע דערהויבונג פון די ישיבות. און די בעלי בתים, אונטער דער איניציאַ־טיווע פון דער אגודת ישראל, זאָלען זיך פאַרנעמען מיט שאַפען די פאָנדען פאַר זייער אויסהאַלטונג. און ווען דער ועד הישיבות וועט

שוין זיין אַ חי העומד בפני עצמו, קען שוין די אַפּוטרופּסות איבערגע־געבען ווערען צו אַ ועד הישיבות, געשאַפען פון די ישיבות אַליין. אגודת ישראל זאָל זיך דאַן פאַרנעמען מיט שאַפען מלמדים, פּעדאַגאָגען, יראי השם פאַר די ישיבות. אַזאַ סעמינאַר פאַר דער אויסבילדונג פון אמת אָרטאָדאָקסישע לערער איז די סאַמע נויטווענדיגסטע זאַך ביים היינטיגען טאָג. אין דער עטאַבלירונג און אָנפירונג פון אַזאַ סעמינאַר, האָט שוין די אגודת ישראל קאָמפּעטענץ און פּראַקטיק נאָך פון פּוילען און אַנדערע לענדער, וואו זייערע לערער סעמינאַרען איבערהויפּט פאַר מיידלעך, האָבען געוואונען פאַר זיך אַ וועלט׳ס רעפּוטאַציע. און ווי נויטיג עס איז געווען דאָרט איז עס דאָ צענפאַכיג גרעסער. און די אגודת ישראל איז בארופען „צו לייזען די פּראָבלעם״.

אומפּאַרטייאישע אויטאָריטעט

אויף די קאָנוועגשאָן דאַרף אויך געפונען ווערען אַ וועג צו תורה־פירערשאַפט אין אַמעריקאַנער אידענטום. די קאָנסערוואַטיווע באַצילען געדייען נאָר אויפ׳ן מיסט פון הפקרות. אין אַן אָרדענטליכע געזעלשאַפט וואָלט אַ כופר בתורה מן השמים ניט געקענט פיגורירען אַלס „רב״. ווען עס פעלט אָבער אַן אַנערקענטע תורה אויטאָריטעט איז — על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו.

די אגודת ישראל האָט געפונען דעם מעדיום צו דעם, דורך דער שאַפונג פון דער מועצת גדולי התורה. דער **אינסטרומענט וועלכער טראָגט אַ פּאַרטייאישען כאַראַקטער דאַרף אַרויסגעפירט ווערען פון די פּאַרטייאישע גרעניצען,** און אַרויסגעפירט און אויסגעברייטערט ווערען אויף דער ברייטער אידישער גאַס. עס מעג אפילו זיין אַ שנוי השם און א ודאי א שנוי רשות... פון אַ רשות היחיד צו פאַרנעמען דעם רשות הרבים. מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג פון אַלע גדולי התורה פון אַלע רבנישע, אמת רבנישע, ריכטונגען.

אַזאַ פאַראייניגטע קראַפט וואָלט געשאַפן אַ תורה אויטאָריטעט, צו וועמענס דעת התורה אַלע וואָלטען זיך געמוזט בויגען.

גלייכצייטיג דאַרף אויך די קאָנוועגשאָן געפינען וועגען און מיטלען צו פאַרשטאַרקען און פאַרגרעסערען די אגודת ישראל באַוועגונג איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע. אַ באַוועגונג קען

נישט בלייבען שטיין אויף איין אָרט. מלאכי אלקים עולים ויורדים בו... בלייבען שטיין און ניט שטייגען אַלץ העכער און נאָך העכער מוז ברענגען צו ירידה ח"ו! דאָס וואָרט פון אגודת ישראל מוז געהערט ווערען אין אַלע ווינקעלעך פון אידישען לעבען, דורך דער פאַרמירונג פון אגודת ישראל שוהלען און בתי מדרשים מיט רבנים מובהקים אין זייער שפּיץ, וועלכע זאָלען זיך פאַראינטערעסירען אין אַלע פאַזען פון אידישען לעבען ווי שבת, כשרות, טהרת המשפחה א. ד. ג.

לאָמיר האָפען אַז די פינף און דרייסיגסטע אגודת ישראל קאָנוועגשאָן וועט זיך אויפהויבען אויף די געהעריגע הויך למען כבוד ד' ותורתו, וד' יהי' בעזרתנו.

*) געדרוקט אין „די אידישע וואָך", כ"ט סיון, תשי"ז.

לאמיר לערנען א שטיקעל זוהר...

„תא חזי" — זאָגט דער זוהר הקדוש אין דער פרשה פון ספירה — „ישראל כד הוו במצרים, הוו ברשותא אחרא". דאָס מיינט, אַז ווען די אידען זענען געווען אין מצרים, זענען זיי געווען אין אַ פרעמדען רשות, און זיי זענען דעמאָלט אויך געווען ווי פאַראייניגט אין זייער טומאה, ווי אַן אשה נדה („כאתתא דאָ, כד היא יתבא ביומי דמסאבותא"...) אָבער נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים, ווען זיי האָבען זיך דורך דעם ברית-קודש פאַראייניגט אין דעם חלק פון הייליגקייט, איז די טומאה פון זיי אַוועק („כאתתא דאָ, פסקו מנה דמי מסאבותא").

און פונקט ווי ביי אַ נדה ווערט געזאָגט: „וספרה לה שבעת ימים", אַזוי אויך דאָ, ווען די אידען זענען אַריין אין דעם טייל פון דער קדושה איז די טומאה פון זיי אַוועק, און הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו די אידען: פון איצט אָן און ווייטער פאַנגט זיך אָן ביי אייך דער חשבון פון ריינקייט... ביי אַ נדה איז דער חשבון — זיבען טעג, און דאָ וועט זיין — זיבען וואָכען.

דערפאַר איז — „תאָ חזי, כל בר-נש דלאָ מני חושבנא דאָ" — יעדער מענש (איד), וואָס ציילט נישט דעם חשבון פון אָט די גאַנצע זיבען וואָכען, אויף זוכה צו זיין, צו ריינקייט, הייסט ער נישט ריין, און ער קומט נישט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „טהור". און ווייטער: „ולאו הוא כדי למיהוי לי' חולקאָ באורייתאָ", — דאָס הייסט, אַז ער איז נישט ווירדיג צו האָבען אַ חלק אין דער תורה...

ווי וואונדערליך און ווי הייליג זענען די דאָזיגע געטליכע געדאַנקען! און ווי נישטיג זענען אַלע וועלטליכע פּאָעזיעס מיט זייערע געדאַנקען וועגען פסח, ספירה און שבועות אין פאַרגלייך צו אָט די געציילטע זוהר-דיאַמאַנטען!

נישט קיין באַנאַלע באַפרייאונג און נישט קיין באָמבאַסטישע העלדען-טהאַטען, נאָר „תורת ד' תמימה, משיבת נפש". פסח, ספירה און שבועות — זענען איין גאַנצעס, און אומצעטיילבאַרעס. „שבע שב-תות תמימות תהיינה". פסח איז נאָר דער ערשטער שריט צו ריינקייט און הייליגקייט און מען ווערט דאַן אָפּגעשיידט פון דער אומריינער אַטמאָספערע און חברותא. וואָרים מען קען נישט חבר'ן זיך מיט טמאים

און גלייכצייטיג שטרעבען צו די הויכקייטען פון דער קדושה. די גייסטיגע דערהויבונג צו דעם אידעאַל פון „והייתם לי סגולה מכל העמים", קען מעגליך זיין נאָר ווען עס איז פריער געמאַכט געוואָרען אַ פונאַנדערטיילונג לויט דעם: „אין אני והוא יכולים לדור בכפיפה אחת"... עס איז נאַריש צו וועלען אַרויסקריכען פון דעם טומאת־מצרים, אַזוי לאַנג ווי מען וואוינט נאָך צוזאַמען מיט דעם נחש־מצרים, די מצרי'שע כיטרע און פאַרפירערישע שלאַנג, וועלכע פאַר־בלענדט די אויגען און אַלע פיזישע חושים...

„...ישראל כד הוו במצרים, הוו ברשותא אחרא". און ווען מען איז אונטער אַ פרעמדען רשות, איז מען נישט זעלבסטשטענדיג. דער איד וועט נישט מאַכען דעם מצרי געטליך־באַוואוסטזיניג, דאַגעגען וועט דער פסל־מיכה אַדורכקריכען דורך אַלע שפּאַלטען און באַהעלטענישען, און מען וועט דאַן ביסלעכווייז דערגרייכען די שטופע פון — „הללו עובדי עבודה זרה, והללו עובדי עבודה זרה".

און אַ פאַרשטעלטער פסל־מיכה איז אויך עבודה זרה... וויל מען קומען צו טהרה, צו ריינקייט, מוז מען פריער אַרויס פון די טומאה־געצעלטען. מען קען לעבען זאָגאַר אין אַ מדבר, אָבער אַליין... ווייט אַוועק פון די מצרים און פון דער טומאת־המצרים!

דער „לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם" — איז געזאָגט געוואָרען פאַר אַלע אייביגקייטען... און נאָכדעם קומט מען אריין אין דער צווייטער סטאַדיע. „כד פסקו מנה דמי מסאבותא", ווען דאָס אומריינע בלוט הערט אויף צו שטראָמען אין דעם איד — נו, איז וואָס? ווערט מען נאָך אַלץ נישט באַלד קיין ר' עקיבא אייגער... מען מוז נאָך דורכגיין אַ ריינינגונג. — „כדי לטהרנו מקלפתינו ומטומאותינו"... שווער און פול מיט שטרויכלונגען איז דער וועג, וואָס פירט צו דעם: „לטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה". מען מוז נאָך שטאַרק אַרבייטען אויף זיך „לתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו מכל סיג ופגם"...

אָבער ביים אַראָפּרייסען אַ סיג און אַ פגם טוט וויי! מיט יעדע קליפה, וואָס מען נעמט אַרונטער־רייסען — ווערט מיטגעריסען אַ שטיק פלייש פון אייגענעם קערפּער, וועלכען מען האָט עס אַזוי עקזאַלטירט פאַר די ספירות. נאָר אין אָנגעזיכט פונ'ם הימלישען

חסד־מאַטיוו מיט זיינע פאַרצווייגונגען פון „גבורה־שבחסד", „תפארת־שבחסד", „נצח־שבחסד" און „הוד־שבחסד", וואָס פאַר אַ פּנים האָבן די אַלע אילוזאָרישע טריפה'נע חסדים'לעך, מיט וועלכע מען האָט אַזוי פיל שטאָלצירט פאַר דער ספירה?... דורך די „שבע שבתות תמימות", אָבער טאַקע — „תמימות תהיין" — דערזעט מען ערשט די אייגענע קליינליכע גבורות, וועלכע מען האָט פּרובירט באַטראַכטען אַלס „גבורה שבגבורה" און „מלכות שבגבורה".

„כל בר נש דלא מני חושבנא דא, לאו הוא כדאי למיהוי לי' חולקא באורייתא". אָבער יענער בר־נש וואָס רעכענט יאָ דעם שווערען חשבון אויפ'ן נישט־אויסגעפלאַסטערטען, איינזאַמען מדבר־וועג — דעם בר־נש וועט זיין לייכטער צו באַזיגען דעם מדבר־סיני, שבו ירדה שנאה לאומות על ישראל. דער וואָלקען וועט אַראָפּ פונ'ם באַרג, און — והנה כבוד ד' נראה על הבית!

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", יוני־יולי, 1957.

וואַפענשטילשטאַנד אויפ׳ן רעליגיעזן פראָנט?

אויפן גרונט פון פרייער פּרעסע, איז געגעבן געוואָרן פּלאַץ אין „טאָג-מאָרגען זשורנאַל" צום קאָנסערוואַטיווען ראַביי אשר קירש-בליום „אויפצוקלערן" זייער שטאַנדפּונקט, אין באַצוג צו דער ביטערער מחלוקת צווישען דעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום און דעם קאָנסער-וואַטיווען. אָנשטאָט „אויפצוקלערן" איז דער מחבר אַרויסגעקומען מיט אַן אַטאַקע הויפּזעכלעך אויפן איסור פון אָרטאָדאָקסישען ראַבינאַט, „אַז אַן אָרטאָדאָקסישער רב טאָר ניט זיין אַ חבר פון דעם „ניו-יאָרק באָרד אוו ראַביים". אַרויסגייענדיג פון שטאַנדפּונקט פון „אהבת ישראל", רופט ראַביי קירשבליום אוים מיט פּאַטאָס: „מיר דערנענ-טערען זיך צו די טעג פון התעוררות, תשובה און חשבון הנפש. עס איז שוין צייט, אַז אָנשטאָט **וואַפענשטילשטאַנד** (אונטערגע-שטראָכען פון מיר), זאָל די אָרטאָדאָקסיע מאַכען שלום..."

ווייס איך נאָך ניט ווען, וואו און מיט וועמען איז דער וואַ-פענשטילשטאַנד געשלאָסען געוואָרען, ווייל מיט׳ן מאָמענט ווען די אָרטאָדאָקסיע באַשליסט אויף אַ וואַפענשטילשטאַנד מיט דער קאָנ-סערוואַטיווער באַוועגונג, — ווערט זי אַן איר רעכט זיך צו רופען מיט דעם נאָמען אָרטאָדאָקסיע...

אָרטאָדאָקסישע אידישקייט איז דאָך געבויט אויפן פּרינציפּ פון „תורה מן השמים!", איז וואָס פאַר אַ רעכט האָבען בשר ודם׳ם צו שליסען וואַפענשטילשטאַנד מיט אַ באַוועגונג, וואָס פאַרלייקענט אָט דעם פּרינציפּ? די פראַגע קען נאָר זיין צי לייקענט טאַקע די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג אין תורה מן השמים? אָבער, אויב דער פאַקט זאָל באַשטעטיגט ווערען אויסער יעדען צווייפעל, איז עס דאָך פּשוט ריינער אומזין צו רעדען, ניט נאָר וועגען שלום, נאָר אפילו וועגען אַ צייטווייליגען וואַפענשטילשטאַנד. די קאָנסערוואַטיווע פירער האַלטען זיך דאָך פאַר תנ״ך קענער, איז — שטייט דען ניט משנאיך ד׳ אשנא?!

צופעליג האָב איך זיך לעצטענס געטראָפען מיט 5 קאָנסערוואַ-טיווע ראַביים און יעדער פון זיי האָט אָפענהאַרציג צוגעגעבען, אַז זיי גלויבען ניט אין מעמד הר סיני! איז דאָס נאָר אַ צופאַל? לייגט

ארויף די האַנט אויפן האַרצען און זאָגט אויפריכטיג, צי איר ווענט געפינען צוויי פון יעדע צען ראַביים, וואָס גלויבען אין מעמד הר סיני? און די מעשה איז דאָך גאַר פשוט, „רבי לא שנה, חייא מניין לו?", לערענט מען דען אין זייער טעאָלאָגישען סעמינאַר דעם אלף־בית פון תורה־אידישקייט, הלכה למעשה, אַז משה קבל תורה מסיני? דער היפוך דערפון ווערט יאָ געלערענט, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען פון מענשען, ווי מיר. האָבען מיר, אַלזאָ, אַ רעכט צו ענדערען די תורה לויט די אומשטענדען פון אונזער צייט!

איר גלאָריפיצירט דעם רמב"ם. איר שטודירט גאַנץ גענוי דעם רמב"ם'ס געבורטס־טאָג א. ד. גל., אָבער, וואָס הערט זיך מיטן רמב"ם'ס י"ג עיקרים? גלויבט איר אין רמב"ם'ס „אני מאמין באמונה שלימה שזאת התורה לא תהא מוחלפת, ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו, און ניט פון מענשען?! און אויב איר גלויבט ניט, אַז עס קען ניט זיין און עס וועט ניט זיין קיין אַנדערע תורה און קיין איבערגעביטענע תורה, איז אין וועלכער תורה גלויבט איר יאָ? אין תורה שבכתב ניט, און אין תורה שבעל פה אַוודאי ניט. איז ווי מען דערציילט פון רש"י ז"ל, אַז ער איז געוועזען אינקאָגניטאָ אין אַ בית מדרש און געהערט ווי יונגעלייט לערנען פאַלש פשט אין זיין פירוש הקונטרס און צוליב דעם האָבען זיי געוואָלט אויסמעקען אַ פאָר ווערטער. האָט ער זיך אָנגערופען „אַז איר קענט מיר ניט, מעקט מיר ניט..." מישט זיך כאָטש ניט אין אַזעלכע ענינים, וועלכע איר אָנערקענט ניט.

ווילט איר דען, אַז מיר זאָלען עפּענטלעך ציטירען אייערע פראָפעסאָרען, אַז זיי אָנערקענען ניט די ג־טלעכקייט פון דער תורה?! אויב יאָ, בין איך גרייט אויף דעם. לכו נא ונוכחה. ביז דאַן, וויל איך אייך עפּעס פרעגען. מיט וואָס פאַר אַ רעכט רופט איר זיך רבנים, און ווילט אפילו ניט ליידען, אַז מען רופט אייך ראַביים, נאָר דווקא רבנים. און יעדער איינער פון אייך הייסט זיך אויפרופען צו דער תורה „הרב"?... שוין ניט רעדענדיג פון דעם, אַז אַ רב דאַרף גלויבען אין תורה מן השמים, אין תחיית המתים און אין אַלע אַנדערע עיקרי האמונה, ניט ווייניגער ווי אַ פשוט'ער איד. אָבער לאָמיר אַוועקגיין אויף אַ מינוט פון גלויבען און צוגיין צום ענין פון קענען.

וואָס דאַרף מען לערנען און וואָס דאַרף מען קענען צו זיין אַ רב? — ש״ס ופוסקים. אמת?! וויפיל ש״ס לערענט אייערם אַ גראַדואירטער רב, און וויפיל קען ער? וויפיל פוסקים לערענט אייערער אַ גראַדואירטער רב, און וויפיל ווייס ער? אַט איז דער ענטפער, וואָס אַ ראַביי האָט מיר היינט געגעבען: 12 שעה אַ וואָך (ניט קיין טאָג, חלילה,) תלמוד מיט רש״י, און אַמאָל תוספות. אָבער שוין 15 יאָר, אַז ער אַליין האָט קיין גמרא ניט געלערענט. און פוסקים? — יורה דעה, הלכות בשר בחלב, אָהן ט״ז און ש״ך. הלכות נשים און אבלות. פרעג איך אים וואו איז דאָ הלכות נשים אין יורה דעה? מיין איך, אַז ער וועט זאָגען, אַז ער מיינט הלכות נדה. אָבער לא מיט אַן אַלף, ער ווייסט גאָרניט פון קיין זאַך. פרעג איך אים וועגען בשר בחלב. ווי איז, אַז עס פאַרגיסט זיך מילך אונטער אַ פליישיג טעפּעל? זאָגט ער, אַז מען דאַרף נאָר וויסען וואו צו זוכען דעם דין. פרעג איך אים: אין וועלכען סימן געפינט זיך דער דין? ווייסט ער ניט וואָס דאָס מיינט אַ סימן! פרעג איך אייך, ראַביי קירשבליום! איז אויף די רבנים צו ראַביים מיינט עס טאַקע דער רבש״ע: שתהיו אוהבים זה את זה ותהיו מכבדים זה את זה?! אָדער דאַרף מען אויפדעקען זייער שאַנד און זייער פאַלסיפיקאַציע פון נאָמען „רב״?! וואָלט דאָס ניט געווען אַ זילותא דבי דינא צו זיצען מיט זיי צוזאַמען ביי איין טיש וועגען דינים פון אבן עזר: גיטין, כתובות, קדושין, וואָס זיי האָבען קיינמאָל פאַר זייערע אויגען ניט אָנגעקוקט אין אָריגינאַל. מיר רעדען דאָך פון דער קערפּערשאַפט, ניט פון איינצעלנע יחידים, מוסמכים פון אַנדערע ערטער!

ראַביי קירשבליום זאָגט ווייטער: „אָנשטאָט צו פאַרלירען אומזיסטע ענערגיע און כוחות אין אַ קאַמף מיט קאָנסערוואַטיזם — אָנפירען אַ קאַמף מיט די אומרעליגיעזע הפקרות — אריינקוקען אין די פילע חתונה-זאַלען מיט זייערע וואולגאַרע אויפפירונגען, און ווער עס זיינען דאָרט די מסדרי קדושין״. נו, זאָגט, אדרבה, ווען אייערע ראַביים דערלויבען אַלערליי הוללות און פראַווען די גוי׳אישע „דאָבל-רינג צערעמאָניעס״, איז דאָס טאַקע ניט די „וואולגאַרע אויפפירונ-גען״?! און „ווער זיינען דאָרט די מסדרי קדושין״? אייערע ראַבאַים וואָס ווייסען ניט פון הלכות עדות, גיטין וקדושין! איז ניט אויף זיי געזאָגט געוואָרען „כל מי שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין, לא

יהא לו עסק עמהן"? איז אויב איר זייט אויפריכטיג, וואָלט איר באַדאַרפט זיין דער ערשטער צו קעמפפען, אַז קאָנסערוואַטיווע ראַביים טאָרען ניט זיין קיין מסדרי קדושין! אויף אייך קוקענדיג וואָלטען שוין אויך די אַלע רעווערענדס זיך פאַרשעמט!

און צולעצט, צוריק צו אייער אָנפאַנג: „עס האַלט זיך אין איין פרעגען אויב איין ג' איין תורה און נאָר איין סאָרט רב — טאָ צו־וואָס — אגודת הרבנים, איגוד הרבנים, התאחדות הרבנים, ועד הרבנים, הסתדרות הרבנים? און אַלע טראָגען די פאָן פון אָרטאָדאָקסיע! א. אַז. וו., א. אַז. וו.

גאַנץ פשוט. אגודת הרבנים באַשטייט פון אמת'ע רבנים מיטן כוח פון יורה יורה, ידין ידין. איגוד הרבנים און הסתדרות הרבנים האָבען נאָר דעם כוח פון יורה, יורה. דער ועד הרבנים איז די לאָקאַלע ניו־יאָרקער רבנים־אָרגאַניזאַציע אין געגענזאַץ פון דער אגודת הרבנים, וועלכע איז אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע. די התאחדות הרבנים אונטערשיידט זיך פון דער אגודת הרבנים ניט אין דער מאָס פון לומדות, נאָר אין ניואַנסען פון לעבענס־שטייגער. אָבער אַלע שטייען זיי אויפן באַזיס פון „איין ג־ט, און איין תורה"! און פון דעם זייער שנאה — ניט קנאה צום קאָנסערוואַטיווען ראַבינאַט. און אין די טעג פון התעוררות, תשובה און חשבון הנפש רופען מיר צו אייך אין נאָמען פון אייביגער, אמת'ער תורה־אידישקייט: „סורו בנים שובבים מדרכיכם הרעים". ווישט אָפּ דעם שאַנדפלעק פון דעם קראַנקהאַפטען קענסער־ברענגענדען קאָנסערוואַטיזם. די יחידים מוס־מכים וואָס וועלען מודה זיין אין סמכות התורה, וועלען זיין ווילקאָמען אין די רבנישע אָרגאַניזאַציעס. און די „טעאָלאָגישע מוסמכים", זאָלען לפחות האָבען די אָנשטענדיגקייט צו דערקלערען בפני עם ועדה, אַז ניט נאָר זיי זיינען ניט קיין רבנים, נאָר זיי קענען אַפילו אַ בלאַט גמרא ניט אָפּלערנען אַליין.

רעדנערס זיינען זיי, העברעאישע ליטעראַטור קענען זיי, די היסטאָריע ווייסען זיי, אוניווערזיטעט בילדונג האָבען זיי. אַלע שאר ירקות פאַרמאָגען זיי. חוץ דעם, לכו לחמו בלחמי, בלחמה של תורה... און נאָך די עפענטלעכע אויפריכטיגע דערקלערונג, וועט געוויס קומען דער ערלעכער אָפּרוף פון די פאַרפירטע קאָנסערוואַטיווע אידען,

אז „לא באלה חפץ ה׳״. און מיר וועלען זוכה זיין צו די אמת׳ע אהבה, — תשובה מאהבה, אַ אהבה, וואָס טראָגט מיט זיך פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַרן רבונו של עולם. ניט קיין הפקר׳דיגע אהבה, פון הכל שרוי לך און הכל מותר לך...

און עס וועט אפשר אויך אָפּגעשאַפט ווערען דער הפקר׳דיגער פאַררופען זיך אויפן פרינציפּ פון „פרייער פרעסע״, אַריינצוברענגען אַ ווירוואַר און בלבול המוחות אין די יסודות׳דיגע עיקרים פון אמונת ישראל. אַ אידישע צייטונג, מוז ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר מאָדערנע מסיתים ומדיחים, צו שפּייזען מיט דברי הסתה והדחה אויך אין אַ צייטונג, געשריבען אויף „אידיש״, וועלכע זיי אַליין לייענען ניט... זאָל זיך צום נייעם יאָר אויך אָנהויבען אַנייער קאַפּיטעל פאַר דער „אידישער״ פּרעסע. אויפצוהויבען זיך אויף דער געהעריגער הויך, ווערט צו זיין, דער פאָן־טרעגער פון אמת׳ער אידישקייט. נאָר אויב דאָס איז אַ ברכה לבטלה, ווייל די „פרייע פרעסע״ ווערט דאָך געפירט פון „פרייע״... איז אפשר די ברכה פאַר אונז אַלע, אָפּצושאָקלען זיך צום נייער יאָר, פון דער אַפּוטרופּסות פון די פרייע, און ווערען עומדים ברשות עצמנו?! הלוואי, רבש״ע.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט״, ערב ראש השנה תשי״ח.

„ווי שעהן זענען דיינע געצעלטען, יעקב!"

איך וואָלט פאַרגעשלאָגען, אַז אונזער ווירדיגער זשורנאַל „דאָס אידישע לעבען — שוהל-לעבען", וואָס באַשעפטיגט זיך זעהר פיעל מיט די פאַרשידענע שוהל-פּראָבלעמען, זאָל שטעלען אויף דער פראָנט-זייט פון זיינע אויסגאַבען דעם תורה-דיגען לייט-מאָטיוו: „מה טבו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל". ווייל דער דאָזיגער פסוק באַציהט זיך דאָך טאַקע אויפ'ן שוהל-לעבען, — אהליך — מיינט די שוהלען, און משכנותיך — דאָס זענען די בתי-מדרשים.

דער „אהליך" קומט אָבער פריהער, ווייל די שוהלען זענען פאַר יעקב'ם אַלע קינדער, אין דער צייט ווען דער „משכנותיך" — די בתי-מדרשים זענען הויפּטזעכליך פאַר דעם העכערען קלאַס, פאַר ישראל'ס בני-תורה.

אַט דער תורה-דיגער אמת וועגען דעם וואָס עס קומט פריהער און וואָס שפּעטער אין אַזעלכע וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען אינ'ם לעבען פון אידישען פאָלק, ווייזט פאַר אונז גלייכצייטיג אויך אויף זייער נומערישער וויכטיגקייט. ראשון ראשון און — אחרון אחרון. דאָס הייסט, אַז פריהער קומט די שוהל, וואו דאָס גאַנצע פאָלק פאַרזאַמעלט זיך אויף איין פּלאַץ. „אנו אין לנו אלא ד' אחד, ארון אחד ותורה אחת, ומזבח אחד וכהן גדול אחד" (רש"י קורח). און אויף דעם געמיינזאַמען באָדען פון דער שוהל וואַקסט אוים די עליית-נשמה'דיגע בענקשאַפט צו באַקענען זיך גרינדליך מיט די אור-אַלטע קוואַלען פון תורות אלוקים, פון די גאָר אַלטע סיני-צייטען ביז אונזערע לעצטע פּוסקים, מפרשים און מבארי התורה הקדושה.

ווערט טאַקע געזאָגט אַ דין אין שולחן-ערוך או"ח, סימן קנ"ה, אַז „ילך מבית-הכנסת לבית המדרש... אחר שיצא מבית-הכנסת ילך לבית-המדרש". דער דין, וואָס צייכענט-אָן דעם אידישען לעבענס-וועג אין באַצוג צו די הלכות בית הכנסת, און „פון שוהל צום בית-המדרש" — איז באַזירט אויף דער גמרא אין שבת, ל"א, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „היוצא מבית-הכנסת ונכנס לבית-המדרש ועוסק בתורה, זוכה ומקבל פני השכינה, שנאמר: ילכו מחיל אל חיל, יראה אל אלוקים בציון".

צום באַדויערען לעבען מיר היינט אין אַזאַ צייט און אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווען זאָגאַר דער קלאָרסטער אמת מוז אויפסניי דורכגעלופּטערט ווערען און געבראַכט ווערען צום אידישען מענשען.

נאָר זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערען, אַז די דאָזיגע רייד באַציהען זיך נישט אויף די שרייבערישע פאַנטאַסטישע בית-מדרש-חלומות... אויך נישט אויף די דברים בטלים פון אַ „ראַדיאָ-רב" מיט זיין „בית-המדרש", פאַרבראָקט מיט וועלטליכע ליטעראַטור, לאַ-עלינו... מיר מיינען די אמת'ע בתי-מדרשים, וואו מען איז עוסק בתורה, און טאַקע תורה לשמה, ווי אין די אַלטע צייטען, מיט ברען און מסירת-נפש.

מען רעדט, מען טהוט און מען זאָרגט וועגען רעליגיעזע-ערציהונגס-אַנשטאַלטען. מען זוכט אַלערליי מיטלען פאַר אויפהאַלטען די שוין-עקזיסטירענדע און ווי אַזוי צו בויען נייע ערציהונגס-אַנשטאַלטען. די דאָזיגע אַרבייט איז געוויס נויטיג, און הלואי וואָלט מען געקענט שאַפען אַ פאַראייניגטע פלאַן-מעסיגע טעטיגקייט אויף דעם געביט; אָבער אין דעם גאַנצען טומעל זעהט זיך נישט דאָס זאָרגען פאַר דער אויפהאַלטונג און וואוקס פון דעם „אהליך", די שוהלען, וועלכע זענען דאָך דער עלטערער פאַרטנער פון דעם „משכנותיך" — די בתי-מדרשים.

די שוהלען ווערען פון די גדולי-תורה און בני-תורה באַהאַנדעלט ווי אַ שטיף-קינד, און דאָס שטיף קינד ענטפערט מיט דער זעלבער באַציהונג צום שטיף-פאָטער...

גאָר פלוצלונג ווערט אַ געוואַלד, אַז די שוהלען זענען אַרונטער פונ'ם דרך-הישר. אָבער אַזוי געשעהט דאָך מיט יעדען פערנאַכלעסיגטען קינד! ווען יעדער ראש-ישיבה און בן-תורה וואָלט עס געהאַלטען פאַר זיין פליכט צו דאַווענען רעגעלמעסיג אין אַ רעגעלע שוהל, וואָלט די שוהל זיך קיינמאָל נישט אויסגעגליטשט. מען וואָלט זיך דאָרטען גאָר-נישט דערוואַגט אַוועקצושטעלען אַ אידענע נעבען אַ גרויסען בן-תורה... אויך וואָלט אַ „ראַביי", שלא קרא ולא שנה, נישט געהאַט קיין אָרט אין אַזאַ מקום-קדוש, וואו ער פאַרשטעהט נישט די שיחת-חולין פון זיינע דאַווענערס...

אַזוי האָבען זיך דאָך געפיהרט די גדולי-תורה אין די אַמאָליגע צייטען — אין ווילנע, אין קאָוונע און אין פּעטערבורג. — זיי פלעגען נישט דורכלאָזען קיין שוהל אין זייערע שטעדט וואו זיי זאָלען נישט דאַווענען ווענינגסטענס איינמאָל אין חודש, אָדער אין צוויי חדשים. זיי האָבען זיך נישט באַהאַלטען אין אייגענע מנינים'לעך, און זיי האָבען זיך זאַגאַר נישט באַנוצט מיט'ן תירוץ פון „זמן-תפילה". ווען מען

פאַרשטעהט נאָר די באַדייטונג פאַר אידישקייט פון זיין צוזאַמען מיט מאַסען אידען ביי ברכו און קדושה, קען מען דאָן שוין געפינען אַ וועג פאַר'ן „זמן־תפלה" אויך ביים צווייטען מנין, און געווים ביי קבלת־שבת, וואָס וואָלט געקענט העלפען פאַרמיידען די „פריידעי נאַיט־סוירוויסעס"...

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסען, ווער עס האָט אויסגעלערענט אַ ישיבה־אינגעל, וואָס קען נאָך נישט לערנען אַ בלאַט גמרא, צו פּראַווען קבלת־שבת ביי זיך אין הויז! און ווער האָט עס געזאָגט, אַז צו דאַווענען מנחה־מעריב דאַרף מען נישט געהען אין שוהל אַריין? איהר וועט זאָגען: אַ שאָד די צייט, ווייל מען קען דערווייל אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא. אָבער איז דען נישט זמן־תורה לחוד וזמן־תפילה לחוד? איך נהייתה הרעה הזאת, אָפּצוטיילען דאָס בית־המדרש פונ'ם בית־הכנסת און די בני תורה פונ'ם בית־יעקב? יעקב און ישראל, „אהליך" און „משכנותיך" זענען דאָך אומצעטיילבאַר. זיי זענען דאָך געקניפּט און געבונדען אין איין גאַנצעס און הייליגעס! די מינדעסטע לייכטזיניגע אָפּפרעמדונג איינס פונ'ם אַנדערען איז דאָך אימשטאַנד צו צעשטערען די אידישע אייניגקייט.

במוצאי מנוחה קדמנוך תחלה — לשמוע אל הרינה ואל התפילה. ווען די רוה ווערט פון אונז צוגערויבט צוליב אַ קרענקליך־אומנאַטירליכע ערשיינונג, ווען מיר האָבען ישיבות געבוים אויף ליידיגע שוהלען; שוהלען וואָס זענען אויסגעליידיגט פון יעטוועדען אינהאַלט, אָדער אָרטאָדאָקסישע שוהלען וואָס זענען אויסגעליידיגט פון דאַוונערס — מוזען מיר זיך אָנשטרענגען אומצוקעהרען זיך צו אַ נאָרמאַלען שוהל־לעבען, צו קודם תחילה. עס מוז אויך זיין: לשמוע אל הרינה ואל התפלה — מיר מוזען זיך צו־הערען און זיך פאַרטראַכטען איבער דער לאַגע פון די שוהלען, דער פּלאַץ וואו מיר טוען תפילה, דאָס הייסט — צו פאַרטראַכטען זיך איבער די ענינים העומדים ברומה של היהדות!

באַזונדערס איז דאָס וויכטיג אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפּור, ווען די מערסטע שוהלען ווערען אָנגעפילט מיט דאַוונערס, און עס איז דאָן לייכטער פאַר די בני־תורה צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די ברייטע אידישע מאַסען!

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", תשרי, תשי"ח.

דער קאמף צווישען ליכט און פינסטערניש

אין נארמאלע צייטען איז טאג — טאג, און נאכט — נאכט. אבער אין נישט-נארמאלע צייטען, אין בראשית'דיגע תהו ובהו מאמענטען — קען א בלענדענדיג ליכט צוזאמענמישען זיך מיט שטאקפינסטערניש, און ווי אין בראשית'דיגע טעג, הערשען דאן צוזאמען הימלישע ליכטיגקייט מיט חושך-מצרים'דיגע פינסטערניש.

מיר האבען היינט תורה-ליכטיגקייט אין פיעל ווינקעלעך פון ניו-יארק און פון איבער'ן גאנצען לאנד. אן אור-הגנוז לצדיקים'דיגע ליכטיגקייט האט זיך, ווי פלוצלינג, ענטדעקט פאר אונזערע אויגען. ליכטיגע אידישע משה'לעך און דוד'לעך אין עכט-אידישען טראכט, מיט יארמולקעס, פאות און ציצית איבער די ניו-יארקער גאסען. רמב"ם'ס און קצות'ן קלינגען הילכיג אין די מתיבתות און כוללים. עס איז דא חסידות, ליטווישע לומדות און פרומע מיידלעך פון די בית-יעקב שולען, אבער — גלייכצייטיג א מעלדונג וועגען א באריהמטען... „קריסטליכען ביבעל-פארשער, וואס רעדט העברעאיש און וועלכער וועט געבען א לעקטשור אין אידישען טעאלאגישען סעמינאר". און ווייטער — „ביי דער לעקציע, מארגען, ווערען ערווארט נאהענט צו טויזענט גייסטליכע, צווישען וועלכע עס וועלען זיך געפינען אויך סטודענטען פון א רייע קריסטליכע סעמינארען"...

און לעזט ווייטער: „בערנארד בארוך, באוואוסטער אידישער שטאאטסמאן, שרייבט אין זיין אויטא-ביאגראפיע, אז ער געהט יעדען יום-כפור אין שוהל אריין צוליב דעם אנדענק פון זיין פרומע אידישע באבע. זיין פרוי און טאכטער געהען צו דער עפיסקאפאלישער קירכע"...

נאר די שמד-פראפאגאנדע און שמד-בארימעריי, פאר וועלכע די אזוי-גערופענע אידישע טעגליכע פרעסע גיט אפ אזוי פיעל פלאץ אויף איהרע שפאלטען, קענען זיך נאך אליץ נישט פארגלייכען אין דער מאס פון חוצפה צו דעם בריף וואס א „רב" שרייבט צו זיינע חברים רבנים.

הערט און שטוינט!

„טייערער חבר! — ווערט אין יענעם בריף געזאָגט — „ווי דו ווייסט, ברענגען די ימים נוראים אריין דעם חג-העשור פון מדינת ישראל. אין אַמעריקע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון די פּאָרנעמסטע פיהרער אין עפענטליכען לעבען און פון רעליגיעזע פיהרער, ווי גענעראַל קליי, דואי, דזשאַן גאַנטער, לואי ליפּסקי, אַרטשיבאַלד מעק'לעיש, דזשאָרדזש מיני, ריינאָלד ניבאָר, דער רייט-רעוורענד (גלח) דזשאַן אָ'גרעידי... אין אָנגעזיכט פון דעם קאָמיטעט, אין ווערמעס נאָמען איך שרייב, וועט דאָס יובילעי-יאָהר גע'יובל'ט ווערען דורך די ימים-נוראים מיט דער גרויסער און טראַדיציאָנעלער שבועה פון: „לשנה הבאה בירושלים". מיר בעטען איבערהויפּט, אַז דער אויפרוף זאָל געמאַכט ווערען פון דיין בימה אין די ימים-נוראים טעג, צוזאַמען מיט אַן איינלאַדונג צו די אידען פון דער שוהל צו מאַכען דעם „לשנה הבאה בירושלים" אַ רעאַלען פאַקט. ווע-ניגסטענס זאָלען פאָרען אַ מנין-אידען צוזאַמען מיט'ן רב. מיינע חברים און איך, ערוואַרטען דיין ענטפער און ווינשען דיר: לשנה טובה! אויפריכטיג, ישראל גאָלדשטיין, טשערמאַן".

האָט איהר דאָ די ווענדונג פון אַ קאָנסערוואַטיווען ראַביי צו רבנים, אין נאָמען פון גלחים, ווענען וואָס צו רעדען אין די ימים-נוראים... אָבער נאָך גוט, וואָס אין אונזער ליכטיגקייט איז אָט דער בריף נישט ערשינען. נאָר וואָס טהוט מען מיט אַזאַ שטיקעל פינסטערניש? —

„...אגודת החזנים גרינדעט אַקאַדעמישע באָארד צו געבען דיפּלאָמען צו חזנים. דער באָארד וועט באַשטעהען פון אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָרען, פּראָמינענטע מוזיקער און וויכטיגע חזני'שע אויטאָרי-טעטען, וועלכע וועלען אונטערזוכען די פּאַסיגקייט פון די אַפּליקאַנטען און אַרויסגעבען דיפּלאָמען אַלס פּראָפעסיאָנעלע חזנים און שלוחי-ציבור. אַ דאַנק דעם באָארד, האָפט מען איינצושטעלען מעהר אָרדנונג, און זעהען, אַז ביים עמוד זאָלען שטעהען נאָר די וואָס זענען פּאַסיג"...

הייסט עס, אַז מען דאַרף נישט פרעגען ביי די רבנים, ווער עס איז פּאַסיג צו זיין אַ שליח-ציבור. עס איז נישט וויכטיג וואָס

דער רמ״א זאָגט וועגן דעם אַ קלאָרען פּסק, אַז אַ חזן דאַרף זיין „היותר הגון והיותר גדול בתורה ומעשים״! עס איז דאָ לויט דער דערמאָנטער מעלדונג, אויך נישט וויכטיג, וואָס דער של״ה הקדוש זאָגט וועגן חזן און שליח-ציבור, אַז „וראוי שיהי׳ הש״ץ והתוקע בעלי-תשובה גמורה. גם ראוי שילמדו הכוונות מהתפילות והתקיעות״. מען דאַרף זאָגאַר נישט אַכטונג געבען, אַז דער בעל-תפילה און בעל-תקיעה זאָלען קענען עברי און פאַרשטעהען וואָס זיי זאָגען. יעדער איינער קען צוגעהען צום עמוד און זיין אַ שליח-ציבור... הפקר אַ וועלט!

לאָמיר נישט זאַרגען. דער אוניווערזיטעט-פּראָפעסער וועט שוין זעהען אויב דער בעל-תפילה קען גוט עברי און פירוש-המלות; אויב ער איז אַ בעל-תשובה און אויב ער קען אויך לערנען. און אַז דער שליח-ציבור קען נישט די אַלע זאַכען — איז וואָס? דער פּראָ־פעסער קומט דאָך סיי-ווי נישט אריין אין שוהל!... און דאָס וואָס דער פרומער רב דאַרף דאַוונען מיט אַזאַ שליח-ציבור — אַרט דאָך איהם נישט. ער דאַרף זיך אויך נישט זאַרגען וועגען די אָרטאָדאָקסישע אידען פון שוהל, זאָלען זיי עסען דאָס וואָס זיי האָבען אַליין צוגעגרייט... זיי האָבען דאָך אָנגעשטעלט דעם שליח-ציבור, נישט פרעגענדיג פריהער די מיינונג פונ׳ם רב! זיי ווייסען אויך, אַז די כאַר־אינגלעך צעפּאָרען זיך נאָכ׳ן דאַוונען... און דאָ וועט שוין מיט געוואַלד אויסגעמישט ליכט מיט פינסטערניש. ליכטיגע ישיבה-קינדער ווערען פאַרפיהרט פון אַ פּיפּיגען כאַר-דיריגענט צו פאָהרען פון ברוקלין אין די בראָנקס, געבענדיג זיי אַ הייליג וואָרט, אַז זיי וועלען בלייבען אויף איבער שבת אין די בראָנקס. נאָר פרייטאָג, דעם צווייטען טאָג ראש-השנה נאָכ׳ן דאַוונען, האָט ער זיי מיט געוואַלד אריינגע־זעצט אין אַ טעקסי וואָס האָט זיי צוריק-געפיהרט קיין ברוקלין...

אָט אַזוי — ליכט און פינסטערניש, הייליגקייט און חילול־הקודש געהען צוזאַמען...

יונגעלייט, דערונטער פיעל הי-געבוירענע פאַרנעמען זיך אויף זייער יעהרליכע קאָנפערענץ מיט די פּראָבלעמען פון שמירת-שבת און כשרות. קען דען זיין עפּעס בעסערס? אָבער באַלד ווערט אויף דער קאָנפערענץ געגעבען אַ זעץ אין פנים פון די אַלטע רבנים אין

דעם לאַנד! מאַנכע פון די יונגעלייט וואָס האָבען זיך ערשט געווייקט אין לערנען, וואָס האָבען זיך ערשט אָנגעשטרענגט צו כאַפּען אַ טיפען „דערהער״ אין מוסר, און האָבען זיך ענדליך דערוואַרט צו באַקומען סמיכה — זיי האָבען זיך שוין גענומען צו ווידערשפּעניגען זייערע רביים; זיי לאַכען פון די פאַרבאָטען פון זייערע ראשי־ישיבות, זינדיגען מיט מיאוס׳ע גאווה און האַלטען זיך גרעסער פון זייערע רביים, זאָגאַר אין די פראַגען פון כשרות!...

אָבער מיר האַלטען, אַז דאָס איז דער לעצטער געראַנגעל פון דער פינסטערניש, חוצפה און עם־הארצות פאַר אָנהאַלטען זייער מאַכט אויף דער אידישער גאַס. מיר זענען זיכער, אַז די קרעפטען פון ליכטיגקייט וועלען אַלץ בייקומען, און די ליכטיגקייט וועט ענדליך באַהערשען דאָס גאַנצע אידישע לעבען...

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען״, נאָוועמבער, 1957.

די חנוכה-ליכט

חנוכה פאַרמאָגט אין זיך דעם הייליגען, פאַרבאָרגענעם כוח אריינצוברענגען ליכטיגקייט און וואַרעמקייט אין אידישע הייזער און אין אידישע נשמות. דעם מסירות נפש'דיגען פלאַם, וועלכען די הייליגע חשמונאים האָבען אָנגעצונדען מיט איבער צוויי טויזענט איין הונדערט יאָר צוריק, קענען די אַלע שטורעם-ווינטען פון די אַלע טויזענטער יאָרען ניט פאַרלעשען, און וועלען אים אויך איצט ניט פאַרלעשען, אויב מיר וועלען נאָר שטיין אויף דער וואַך צו זען, אַז די הדלקה זאָל ניט זיין במקום רוחות רעות.

און ווען אַפילו עס קומען אָן אַזעלכע פינסטערע פעריאָדען אין אידישען לעבען, ווען די הדלקה ווערט געמאַכט במקום רוחות רעות, בריש גלי, „חנוכה פעסטיוואַל", בלע"ז... דאַרף מען אויך ניט אויפגעפרעסען ווערען פון יאוש-באַצילען. די ליכט-שילדען פון גרויסען מעדיסאָן סקווער גאַרדען, קענען ניט פאַרטונקלען די צניעות'דיגע חנוכה ליכטלעך, און די הוללות-לידער פון די האָליוואוד און בראָדוויי-סטאַרס קענען ניט פאַרשרייען אונזער — מעוז צור ישועתי! אויב מיר וועלען נאָר גיין אין די פוס-טריט פון די חשמונאים און אַרויסטראָגען אונזער קאַמפס-רוף געגען די מתיונים מכל המינים.

תנו רבנן נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ, אם הי' דר בעלי' מניחה בחלון הסמוכה לרשות הרבים. ובשעת הסכנה מניחה על שלחנו ודיו (שבת, כ"א:) די חשמונאים, די רבנן, האָבען געלערענט צו שטורמען די אידישע גאַס, און זיך צוריקציען אין אייגענעם ווינעקל, אין געגענוואַרט פון אַ גוי'אישער סכנה!... די אַנטי-רבנן לערנען פאַרקערט: צו שטורמען אין דער גוי'אישער גאַס און זיין שאַ-שטיל אין געגענוואַרט פון אַ אידיש אַסימילאַטאָרישער סכנה!... אָבער — אינהו בדידהו ואנן בדידן. מיר דאַרפען אַרויס-טראָגען אונזערע חנוכה ליכט אין דער גאַס און באַלייכטען די אַלע חורים וסדקים, מיט דער האָפענונג, אַז „מעט מן האור דוחה הרבה מן החשך".

אין די היינטיגע טעג פון גייסטיגען חשכות און ווירוואַר מוזען מיר, אין די טעג פון חנוכה, זיך אָננעמען מיט מוט און וואַרפען אונזער

ליכט־רעפלעקטאָר, ניט שווינענדיג קיינעם. מעג עס אַפילו זיין אַ אידישער פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער טוט זיך אָן אַ טאָגע פון אויטאָריטעט און פאַרשפּרייט וויסטע עם הארצות: „עמוס האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון זאָגען זיין פאָלק: הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל. אידען און כושים זיינען גלייכע מענשען"(?!)... צעשרייבט זיך בן־גוריון מיט דער אויטאָריטעט פון אַ נייעם תנ"ך מפרש. איז דען ניט די צייט מיר זאָלען אים פאַר אַזעלכע אסימילאַ־טאָריש־צילענדע טייטשען זאָגען בזה הלשון: „מה לך אצל נביאי קודש, כלך לך אצל גריכישע פילאָסאָפיע!..."

און דאָס זעלבע ווען ער צעשפּרייט זיך וועגען „משיח'שען גאולה־אידעאַל"... וואָלט דען ניט צייט געווען אים צו פרעגען, וועלכען משיח ער מיינט?! מעג ער אַפילו טראָגען דעם פּרעמיער־מאַנטעל, איז ער דאָך אין דער ראָלע פון אַ נביא השקר, ווען ער צע'דורשנ'ט זיך „מ'דאַרף איינפלאַנצען אין דער יוגענט אין ישראל, ווי אויך אין גלות, דעם משיח'ישען גאולה־אידעאַל, די אידישע און מענשלעכע דערלייזונג. אונזער יוגענט איז ראוי צו אַזאַ אידעאַל. זי איז פיליכט, מער ווי די פריערדיגע דורות, פעאיג צו טראָגען דעם דאָזיגען אידעאַל ניט בלויז אין מויל, נאָר אויך אין הארץ און אין מעשים..." (?!) ווער דאַרף איינפלאַנצען, און וואָס דאַרף מען איינפלאַנצען? און וועלכע מעשים מיינט ער, דאַרף עס — דער דורות'דיגער משיח־טרעגער איינפלאַנצען? דער — אני מאמין בביאת המשיח'דיגער איד? זאָל עס זיין דער טלית ותפילין'דיגער פּראָטאָטיפּ? אָדער — עפּעס אַ נייער אומגליק ר"ל, אונטער אַ פאַלשען משיח נאָמען?! וועלען אונז די מפּ"ם קיבוצים, מיט זייערע חזיר־שטאַלען, ברענגען אַ נייע תורה פון אַ נייעם באַרג סיני?!

זאָלען אונזערע, להודות ולהלל לשמך הגדול'דיגע ליכטלעך, וואַרפען זייערע קודש'דיגע שטראַלען אויף די פאַלשע משיח־באַוועגונגען, אום אָפּצואווענדען דאָס פאָלק פון דער אויסגעשפּרייטער פינצטערניש! צו הייליג זיינען די חנוכה גאולה־ליכט, צו טייער איז די תקוות משיח בן דוד פלאַמען, צו דערלויבען באַנאַלע פאַראַפראַזירונגען, וועלכע זיינען עלול צו פאַרוואַסערען און פאַרשוועכען די הייליג געכאָוועטע גאולה און משיח־פאַנצערען. הנרות הללו קודש הם, ואין לנו רשות להשתמש בהם — שלא יכבה נרו לעולם ועד, פון צופיל משמוש!...

שוין צופיל משמוש בידים מסואבות אויף די משיח-טעמע!

„מ'זאָגט" — שרייבט אַ היגער אידיש-שרייבער — „אַז יעדער איד האָט אַ משיח-קאָמפּלעקס. כ'האָב אַלעמאָל, ממש פון קינדוויז אָן, זיך צו געגרייט. איר'ט לאַכען נאָר צו פינף יאָר האָב איך שוין געטראַכט וועגען די אַלע ענינים. כ'האָב געזען ווי קינדער האָבען פאַרפייניגט אַ קאַץ און כ'בין געוואָרען דער-פון קראַנק. חדשים-לאַנג האָב איך זיך ניט געקענט באַרואיגען, כ'האָב געלייענט, ווי דוד המלך האָט געלאָזט הרג'ענען שאול'ם קינדער און ס'האָט זיך אָנגעצונדען אין מיר אַזאַ פייער, וואָס כ'קען אייך ניט איבערגעבען. כ'האָב נאָר געהאַלטען אין איין פרעגען קשיות אויף ג-ט. כ'האָב געהאַט אַלע סימפּטאָמען פון אַ העכערען מענש". נו, ווי געפעלט אייך דער העכערער מענש מיטן משיח-קאָמפּלעקס?! מיינט ער עם חלילה — דוד מלכא משיחא? דאָס קען דאָך ניט זיין. ווייל אין זעלבען פעדערצוג איז ער דאָך, מחרף ומגדף במשיח אלקי יעקב, אויף אַן אומדערהערטען אופן!!! טאָ וועגען וועלכען משיח רעדען זיי אַלע?

נו, מילא, דוד מלכא משיחא, איז טאַקע אַ צו טיפער ענין, אָבער דוד אַלס דוד המלך, דוד און זיין באַציאונג צו שאול המלך און שאול'ס קינדער — איז דאָך זיל קרי בי רב הוא! איז פון וואַנען נעמט זיך צו אַ אידישען שרייבער צו שרייבען, אַז ער האָט געלייענט, ווי דוד המלך האָט געלאָזט הרג'ענען שאול'ס קינדער?! אין וועלכען ספר פראַלניק האָט ער עם געלייענט?

אין מיר האָט זיך טאַקע יאָ אָנגעצונדען אַזאַ פייער, וואָס כ'קען אייך ניט איבערגעבען! איך האַלט אין איין פרעגען קשיות: וואָס דאַרף זיין די עלעמענטאַרע אידישע בילדונג פון אַ אידישען שרייבער? דאַרף ער אפילו דעם ספר הספרים ניט קענען? אָבער, לפחות, די אָנשטענדיגקייט און דער רעספּעקט פאַר'ן לעזער, וואָלט דאָך געפאָדערט זיך צו נעמען די מי און אַריינקוקען אין תנ"ך איידער עם צינדט זיך אָן „אַזאַ פייער", און איידער מ'האַלט אין איין פרעגען עפּענטלעך קשיות אויף ג-ט! עס שטייט דאָך ניט קיין מלכות יון הרשעה אויפן קאַרק מיט אַ להשכיחם תורתך קאַנטשיק! ניתי ספר ונחזי. אין גאַנצען האָט שאול המלך געהאַט 4 קינדער. 3 פון זיי, יהונתן, אבינדב און מלכישוע, זיינען געפאַלען צוזאַמען מיט זייער פאָטער אין דער מלחמה מיט די פּלישתים. און דער פערטער, איש בשת,

איז געפאַלען דורך די הענט פון רכב און ענה, די זין פון רמון הבארתי, וועמען דוד המלך האָט באַצייכענט אַלס „אנשים רשעים הרגו איש צדיק“, און פאַר׳משפּט זיי צום טויט! נאָר, מסתּמא האַלט דער שרייבער ווי יענער אַרענדאַר, וואָס זאָגט: „לא ניתי ספר ולא נחזי“... און דאָ ליגט טאַקע דער גאַנצער נקודת הכוכב פון דער היינטיגער צייט, און פון דעם היינטיגען חנוכה, און זיין לערע, פאַר׳ן איצטיגען דור.

בימים ההם, איז דער כראָנאָלאָגישער סדר געווען „ופינו את הכליך וטהרו את מקדשיך“, און נאָכהער איז געקומען דער „והדליקו נרות בחצרות קדשיך וכו׳“. די רבנן אין יענער צייט האָבען זיך געקענט פאַרגינען דעם געהעריגען תורה-סדר פון סור מרע און נאָכהער ועשה טוב. פריער אויסראַמען די גאַנצע העלעניסטישע אויפפאַסונג פון אידישען לעבען. און — לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה. מ׳דאַרף דאָך פריער אויפפּראַלען אַלע פענצטער, אויסצוראַמען דעם רוח הטומאה, אריינברענגען פרישע לופט איידער מ׳ברענגט אַריין דברי תורה, ווייל טומאה מיט קדושה קענען דאָך ניט הויזען צוזאַמען! בזמן הזה, אָבער, איז דער ערשטער שריט, והדליקו נרות בחצרות קדשיך, דאָס ערגסטע וואָס מלכות יון האָט פאַרטראַכט „להשכיחם תורתך“, איז דאָך ביי אונז די טרויעריגע ווירקלעכקייט! ביי אונז איז דאָך ניט שייך „להעבירם מחקי רצוניך“, אַז דער רוב מנין, אויב ניט דער רוב בנין, ווייסט דאָך ניט פון אַזאַ וועזען ווי „חקי רצונך“!

עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ג־ט־זוכעניש. אַ נאָגענדע בענקשאַפט נאָך אַ העכערען וועזען האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסען טייל פון אונזער אינטעליגענץ און טיילען פון אונזער יוגענט. אָט דעם גייסטיגען הונגער צו באַפרידיגען אין גייסט פון אמת׳ער, אומגעפעלשטער, הר-סיני-אידישקייט — איז נאָר מעגלעך דורך תורה מסיני. ווייל ווי האָט איינער געזאָגט: דבר ולא חצי דבר. נאַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַלער שטאָלץ. אשר בחר בנו מכל העמים — הייסט, בלייבען שטיין אין מיטען וועג. אַ האַלבע ברכה — איז נאָר עלול אַריינצוברענגען אַן ערבוביא אין מוח. אשר בחר בנו מכל העמים קריגט זיין תקון, ווען עס ווערט אויסגעפילט מיט דער צווייטער העלפט פון דער ברכה — ונתן לנו את תורתו!...

זאָלען די חנוכה ליכט אונז מעורר זיין אריינצוברענגען דעם אור התורה אין אַלע קרייזען. דורך אַן אָרגאַניזירטע, גוט דורכ־געטראַכטע תורה־באַוועגונג קענען די „ווינטערדיגע תורה־נעכט" ווערען אַ רעאַלע ווירקלעכקייט אין אונזערע שוהלען און בתי מדרשים, ווי אין די יוגענט־קלובען פון אַלערליי יוגענט־באַוועגונגען. און אַלע בייזע ווינטען און פינסטערע פאַרבלענדענישען וועלען פאַרשווינדען פון דער אידישער גאַס דורך דעם היילענדען אור התורה.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט", כסלו, תשי"ח.

„אידיש איז די צייטונג דערמיט...״

„אידיש איז די צייטונג דערמיט, וואָס זי דרוקט זיך אין די הייליגע אותיות״... — די דאָזיגע ווערטער האָב איך געלעזען אין דעם אַרטיקעל: „זעהט נאַר, ווער עס רעדט!״... פון הרב אַ. י. פרידמאַן, אין „דאָס אידישע לעבען״-„שוהל-לעבען״, פון פאַריגען מאָנאַט נאָוועמבער 1957.

עס האָט זיך געפאָדערט מוט ארויסצוקומען מיט אָט דעם אמת אין דער עפענטליכקייט. עס איז שוין לאַנג צייט געווען אויפצודעקען די שענדליכע ראָלע וואָס די אַזוי-גענאַנטע אידישע פּרעסע פון ניו־יאָרק שפּילט אין אידישען לעבען פון אַמעריקע. אַנשטאָט די „אידישע״ פּרעסע זאָל העלפען בויען דאָס אידישע געזעלשאַפטליכע לעבען אין אַמעריקע אויף געזונטע אייביגקייטס-יסודות, האָט זי זיך גאָר פאַרנומען אויף איגנאָרירען אונזערע רעאַלע לעבענס-פּראָבלעמען, און פאַרנעמט זיך מיט אויפבלאָזען פיקטיווע אידעאָלאָגיעס, וועלכע האָבען נישט קיין אַנהאַלט אין פאַקטישען אידישען לעבען.

ווי אַ ווילד-פאַרלאָזענער אינזעל אינמיטען פון אַ ברויזענדען, רוישיגען ים — שטעהען די „אידישע״ רעדאַקציעס אויף איסט-בראָדוועי אין ניו־יאָרק. אַרום זיי קאָכט און זידט אַן אויפגעהענדיג אידיש תורה-לעבען. מיטאָג-צייט איז איסט-בראָדוועי און די גאַסען אַרום פול מיט הונדערטער און טויזענטער ישיבה-אינגלעך, וועלכע לאָזען זיך אַרוים פון די ישיבות „תפארת-ירושלים״ און „ר׳ יעקב יוסף״, צוזאַמען מיט זייערע פּאַטריאַרכאַלישע ראשי-ישיבות. זיי פאַרהילכען די לופט מיט אַמפּערען זיך איבער נאָך-נישט פאַרענדיגטע שיעורים, אָבער די „אידישע״ רעדאַקציעס זענען אין דעם עבודה-זרה׳דיגען צושטאַנד פון: „עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא ישמעו״... הונדערטער טייערע אידישע מיידלעך לאָזען זיך אַרוים פון די „בית-יעקב״-עלעמענטאַרע און היי-סקולס און לעהרער-סעמינאַר אויף איסט-בראָדוועי, מיט נישט-פאַרענדיגטע זאַצען פון „חובת-הלבבות״, וועלכע זיי דיסקוטירען צווישען זיך מיט׳ן „השם״ אויף זייערע ליפּען, אָבער די „אידישע״ שרייבער זענען טויב און שטום צו דעם גאַנצען הייליגען געקאָך און גערויש. זיי לעבען נאָך אינ׳ם פאַרגאַנגענעם אַמאָל, ווען אויף דער „איסט-בראָדוועיסקאַיאַ אוליצאַ״ זענען פאַרגעקומען יום-כיפור׳דיגע בעלער... מיט האַמערס קען מען זיי נישט אויפוועקען פון זייער משכיל׳שען שלאָף.

ערשט נישט לאַנג צוריק האָבען צוויי טויזענט ישיבה-תלמידים דעמאָנסטרירט אויף איסט-בראָדוועי, און האָבען פאַר די פענסטער פון די „אידישע" רעדאַקציעס אויפגעפאָדערט יעדען איד, באַזונדערס די „אידישע" צייטונגען אָפּצוהיטען שבת — דעם יסוד פון אַלץ וואָס איז אידיש. אַלע ענגלישע צייטונגען זענען געווען פול מיט באַשרייבען אָט די גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע פון ישיבה-אינגלעך. די גאַנצע איסט-סייד פון ניו-יאָרק איז דערפון געווען הייליג אויפגערודערט, אָבער —נישט די „אידישע" צייטונגען. ביי זיי איז זאָגאַר דער רעפּאָרטאַזש געווען חוזק, און גלייך איבערמאָרגען, שבת קודש, איז ביי זיי געווען „ביזנעס עז יוזשועל"...

שטעלט זיך די פראַגע: מיט וואָס איז אַזאַ צייטונג אידיש?... בלויז דערמיט וואָס זי דרוקט זיך אין די הייליקע אותיות?!...

לאָמיר כאַפּען אַ בליק אויפ'ן שרייבער-סטעף פון אַזאַ „אידישע" רעדאַקציע. ניינציג פּראָצענט, און מעגליך, אַז נאָך מעהר, פון די דאָזיגע שרייבער קומען קיינמאָל נישט אין אַ שוהל — נישט אין דער וואָכען, נישט אין יום-טוב און נישט אין שבת. אַ גאַר גרויסער טייל פון זיי קומט נישט אין שוהל זאָגאַר אין ראש-השנה און יום-כיפּור. זאָגט מען אָבער אין אַמעריקע: „מיינד יור אָאון ביזנעס", דאָס הייסט — מישט זיך נישט אין יענעמס לעבען; ווילען זיי דאָך אָבער, אַז די אידישע עפענטליכקייט זאָל יאָ וויסען פון זייער פּריוואַטען לעבען, ווייל זיי באַשרייבען גענוי, ווי אַ שרייבער איז געשטאָרבען אין יום-כיפּור מיט דער פען אין האַנט! און ווי אַן אַנדער שרייבער איז געפאָהרען אין שבת פאַרשפּרייטען זיינע „אידישע" געדאַנקען, און דערביי געפרעסען טריפות ונבילות.

איהר גלויבט נישט? אָט לעזט: „מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פינף אַזייגער פאַרטאָג, אָבער די רייזע אונזערע מוז דויערען אַ גאַנצען טאָג. עס איז שבת פאַרנאַכט. מיר קומען אָן אין שטעדטעל"...

און ווייטער: „די סטעיקס, וואָס מען גיט אונז צו עסען, טריפען מיט בלוט. מען האָט זיי ערשט-נאָר אָפּגעריסען פון די אָקסען, וואָס פּאַשען זיך דאָ"...

דער שרייבער באַריהמט זיך גאָר עפענטליך, אַז ער איז זאָגאַר נישט קיין מענשליכער בן-נח, וועמען עס איז פאַרבאָטען צו עסען

אבר־מן־החי! ער איז גלאַט אַ ווילדער באַרבאַר, וואָס האָט די געמיינע חוצפה צו רופען זיך „אידישער שרייבער", וואָס פּאַהרט צו אידען לערנען זיי וועגען... „גאָט־זוכער ביי אידען". און ער איז דאַן שטאַרק ענטוישט, וואָס „די אידען רעדען, די ווייבער שושקען זיך און די קינדער טומלען. ער האָט זיך געפּיהלט, זאָגט ער — ווי אַ בעל־תפילה אין אַ שוהל, וואו דער עולם וויל נישט דאַוונען"... אָבער — שרייבט ער וויטער — „איך האָב נישט געקענט האָבען קיין פּאַרדרוס אויף די דאָזיגע מענשען. זיי האָבען דאָך נישט געלערענט קיין אידיש... דערצו איז דער אידישער קאַלאָניסט וויט פון רעליגיע"...

מוז איך דאָ אויסרופען, צוזאַמען מיט הרב פרידמאַן: „זעהט נאָר, ווער עס רעדט!"... אליין אַן אוכל־טריפות ונבילות, און אבר־מן־החי, און ער באַריהמט זיך מיט דעם, און ווען ער האָט נאָך דאָס טריפענדיגע בלוט פונ'ם אבר־מן־החי'דיגען סטעיק אויף זיינע טריפה'נע ליפּען, זאָגט ער, אַז „דער אידישער קאַלאָניסט איז וויט פון רעליגיע!"

די „אידישע" פּרעסע האָט זיך ערשט אָפּגעטומעלט מיט אַ „חנוכה"־פעסטיוואַל, מיט'ן אָנטייל פון... זינאַ פּראַסעסקאַטי, שעלי ווינטערס, אוירטהאַ קיט און מאַדעלין קעראָל. האָבען זיך מאַנכע אידישע שרייבער באַקלאָגט, פאַרוואָס מען האָט נישט איינגעלאַדען אויך איניגע אידישע שוישפּילער, וואָס זאָלען אויפטרעטען אויף מאַמע־לשון! אָבער וועמען אַרט עס! דער „חנוכה"־פעסטיוואַל, וועמעס איינקונפט דאַרף געהען פאַר „באַשיצען" די אידען אין ישראל פון די אַראַבישע מערדער־באַנדעס, ברענגט אַריין אין די אידישע צייטונגען די אמת'ע טויזענטער און טויזענטער דאָלאַרען... נאָכ'ן „חנוכה"־פעסטיוואַל וועט מען שרייבען מיט „פּאַרדרוס" וועגען דעם גוי'אישען חנוכה־שפּיל, צו וועלכען מען נאַרט אַריין אידען. אָבער פריהער — מוז זיין שאַ־שטיל!.... ביזנעס, יו נאָו...

איז ווי לאַנג נאָך, אידען, וועלען מיר אַזוי געדולדיג טראָגען אונזער שאַנד, און זיך צו־קוקען צו דער ווילדער פאַרזעהעניש פון — „אידיש איז די צייטונג דערמיט, וואָס זי דרוקט זיך אין די הייליגע אותיות"?!...

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", טבת, תשי"ח.

היגע ארטאדאקסיע האנדעלט ווי א סטאדע שעפעלעך

מען דאַרף זיין קליגער פון שלמה המלך צו קענען פאַרשטעהען די נישטיגע ראָלע פון דעם רעליגיעזען אידענטום אין אַלגעמיינעם אידיש־געזעלשאַפטליכן לעבען אין אַמעריקע.

יעדער פון אונז ווייס, אַז די וואָרצלען פון די מעהרסטע היגע אידיש־געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען ציהען זייער לעבענס־זאַפט פון די אָרטאָדאָקסישע קעמערלעך. —

דאַרף מען דורכפיהרען געלט־זאַמלונגען פאַר ארץ־ישראל — וואָס ווערט דאָך באַטראַכט פאַר דעם וויכטיגסטען צווייג פון דער היינטיגער אַזוי־גערופענער אידישקייט — ווערט דאָס געטאָן אין די שוהלען, און אין ראש־השנה און אין יום־כיפור... האַנדעלט עס זיך אין לעזען אידישע צייטונגען — איז ווידער דאָס זעלבע — די שוהל־אידען זענען די מעהרסטע קאָסטאָמערס פון דעם „אידישען פייפער"... און ווער זענען די אַדווערטייזערס אין אַט די „אידישע פייפערס"? ווידער אַמאָל זענען דאָס די ישיבות, דערונטער אַ צאָהל אַזוי־גערופענע ישיבות, וואָס אַדווערטייזען דורכ'ן יאָהר פאַר צעהנדליגער טויזענטער דאָלאַר, ווי אויך אַ צאָהל שוהלען און מאַנכע רבי'שע שמחות... רעדען מיר וועגען דער מיליאָניגער כשרות־ביזנעס — איז דאָך דאָס געוויס אַ ריין־רעליגיעזע אָנגעלעגענהייט! —

שטעלט זיך דאָך די פראַגע: אַז עס איז אַזוי גוט, טאָ פאַרוואָס איז עס אַזוי שלעכט? פאַרוואָס האָבען נישט די תורה־אידען, דער דעת־התורה קיין כוח און קיין וואָרט אין דער פאַרוואַלטונג פאַר צעטיילען די געלטער פאַר ארץ־ישראל? פאַרוואָס ווערען אַזעלכע געלטער גאָר פאַרווענדעט אויף צוועקען, וועלכע זענען דער היפוך פון אויפריכטיגער אידישקייט? און פאַרוואָס זענען די אידישע צייטונגען נעסטען פון וואולגאַרער אַפיקורסות, פון חילול־שבת וחילול־יום־טוב, און פון אַלץ וואָס איז געגען טראַדיציאָנעלער אידישקייט?

פיעל ערגער איז עס אין די ביוראָס פון די אידישע ערציהונגס־אָרגאַניזאַציעס, וואו אַ פרומער איד ווערט באַהאַנדעלט מיט גרינג־שעצונג. די בלויז־קעפיגע בעאַמטע, וועלכע לעבען אויף 10 — און 15 — טויזענט דאָלער'דיגע ווידזשעס, קוקען אויף די פאַרשטעהער פון די עכטע רעליגיעזע ערציהונגס־אַנשטאַלטען ווי אויף שנאָרער!

און איז דען נויטיג צו דערצעהלען דאָ ערשט וואָס פאַר אַ „כבוד" און „גדולה" עס ווערט צוגעטיילט צו דעם עכטען דעת-תורה אין די ביזנעס-פלעצער פון דער כשרות-אינדוסטריע?... עס זענען פאַראַן אידען, וואָס מאַכען מיליאָנען פון כשר'ע ביזנעס, אָבער וויפיעל געלט, מ'שטיינס-געזאָגט, גיבען זיי פאַר אויפהאַלטען עכטע רעליגיעזע אידישקייט, אָדער פאַר אינסטיטוציעס פון ווירקליכע צדקה-און חסד!...

עס פרעגט זיך דערפאַר: וואו ליגט דאָ באַהאַלטען דער שרעקליכער סוד — פון קענען רייטען האָפערדיג אויפ'ן רוקען פון די אָרטאָדאָקסישע אידען, און צו דער זעלבער צייט — לעבען אין זייער זכות?...

די דאָזיגע מיסטעריע קען ווערען אויפגעקלערט אין איין איינציגען זאַץ: —

עס פעהלט די אָרטאָדאָקסישע אידען דאָס באַוואוסטזיין פון אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין.

אַזוי לאַנג ווי די אידישע אָרטאָדאָקסיע וועט האַנדלען ווי אַ סטאַדע שטומע שאָף, קען זי פון קיינעם נישט ערוואַרטען קיין זאַך. ווען שוהלען און בתי-מדרשים זענען שטומע שעפּעלעך, און זיי טאַנצען נאָכ'ן פייפעל פון יעדען אויסגעליידיגטען איד, וואָס הייסט זיי געבען געלט, נישט פרעגענדיג זאָגאַר וואו זייער וואָל און מילך וועט אַהינקומען; ווען פרומע אידען טאָלערירען אַלץ וואָס מען שרייבט וועגען זיי אין די מחללי-שבת'דיגע צייטונגען; ווען אָרטאָדאָקסישע אידען אַנגאַזשירען חזנים, און עס אינטערעסירט זיי נישט, אויב די חזנים קומען צו פאָהרען אין שבת; און ווען פרומע אידען קויפען כשר-פלייש פון בוטשערס, וועלכע געהען נישט אין שוהל דאַוונען, זאָגאַר נישט אין שבת, ווען זייערע סטאָרס זענען געשלאָסען — זענען אַזעלכע אידען שעפּסעוואַטע אידען, און די מחללי-שבת'דיגע צייטונגען, די מחללי-שבת'דיגע געלט-נעמער און די מחללי-שבת'דיגע חזנים — דאַרפען זיין צדיקים, אַז זיי זאָלען זיך רעכענען מיט די מיינונגען פון אָט די אָרטאָדאָקסישע שעפּסעוואַטע אידען!...

רעליגיעזע אידען מוזען אָנהויבען פאָדערען זייער רעכט צו האָבען אַ וואָרט דאָרט, וואו זיי גיבען געלט. עס מוז אָבער פריהער

געשאפען ווערען א פאראייניגטע ארטאדאקסישע קערפערשאפט, וועמעס פארשטעהער זאלען פארנעמען דעם געהעריגען פלאץ אין יעדע אלגעמיין־אידישער אינסטיטוציע. דאס איצטיגע סיסטעם פון מאנכע אידישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע נעמען אריין צוויי, אדער דריי ארטאדאקסישע אידען, פראלענדיג דערמיט, אז זיי רעדען אין נאמען פון ארטאדאקסישען אידענטום, איז בלויז א „טריק", וואס נארט פאקטיש קיינעם נישט אפ. די דאזיגע „ארטאדאק־סישע" אידען קענען נישט פארטרעטען דאס ארטאדאקסישע אידענטום, ווייל עס איז אין אמעריקע ניטא קיין ארגאניזירט־ארטאדאקסיש אידענטום, אין וועמעס נאמען זיי זאלען רעדען.

אט איז א שטיקעל נייעס, וואס איז די טעג געווען אין א ניו־יארקער „אידישען פייפער":

„הרב יוסף מילער, פרעזידענט פון באארד אוו ראביים, האלט אפ א ספעציעלע תפילה אין סיטי־האל ביים איינשווערען מעיאר וואגנער צום צווייטען טערמין. די באארד אוו ראביים איז געווען די איינציגע רבני'שע ארגאניזאציע, וואס איז איינגעלאדען געווארען צו פארטרעטען די גאנצע אידישע קהילה פון ניו־יארק ביי דער פייערליכער צערעמאניע".

קען מען זיך פארשטעלען א גרעסערע קאמעדיע? גראד די באארד אוו ראביים, וועלכע איז גע'אסר'ט געווארען פון אגודת הרבנים, ניו־יארקער ראבינאט און אנדערע רבני'שע ארגאניזאציעס, איז געווען די איינציגע רבני'שע ארגאניזאציע צו פארטרעטען די גאנצע אידישע קהילה פון ניו־יארק! ווי האט זיך עס דער סיטי־האל ערלויבט צו איגנארירען די פרומע אידישע באפעלקערונג פון ניו־יארק? איז דער ענטפער, אז סיטי־האל ווייסט שוין פון ערפארונג דעם כאראקטער פון פרומע אידען. זי ווייסט שוין דאס פון דער „טשעפלענסי"־געשיכטע...

אבער גרינטליכער גענומען איז דאס א פארזעהען פון סיטי־האל, וואו מען קען נישט די רעליגיעזע אידען. אויך אין וואשינגטאן קען מען זיי נישט, און אין עפענטליכען לעבען, זעהט מען זיי נישט... מיר געהען צו די וואהלען, אבער מיר געהען נישט אין די ערטער וואו מען גרייט צו די וואהלען. דאס זאל „דזשארדזש" מאכען;

מאַכט ער עס טאַקע, און ער האָט דערפאַר אויך די גאַנצע דעה — פריהער און נאָכהער...

עס טומעלט זיך וועגן אַ שחיטה-ביל. רעליגיעזע אידען לויפען אין וואַשינגטאָן אָפּצושרייען דעם ביל. פרעגען די קריסטליכע קאָנגרעס-לייט: — וואָס זאָגען צו דעם אייערע אידישע קאָנגרעס-לייט? איז אָבער אַ וועהטאָג און אַ חילול-השם צו דערצעהלען די באַציהונג פון די אידישע קאָנגרעס-לייט צו רעליגיעזע פראַגען און צו רעליגיעזע פיהרער...

די דאָזיגע טרויעריגע לאַגע פאַר'ן רעליגיעזען אידענטום אין אידישען לעבען פון אַמעריקע, וועט נישט געענדערט ווערען דורך פראָטעסטען. נאָר מיט דעם מאָמענט ווען די רעליגיעזע אידען וועלען זיך אויפכאַפּען פון זייער לעטאַרגישען שלאָף. זיי מוזען זיך אָרגאַני־זירען אין אַ פאַראייניגטע דיסציפּלינירטע קערפּערשאַפט און זיך נעמען מישען אין אַלע ווינקעלעך פון היגען אידישען לעבען.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען", פעברואַר-מערץ, 1958.

עזרת תורה

עס איז שוין געוואָרען אַ הייליגע טראַדיציע, דער יערלעכער חודש אדר קאַמפּיין, פאַר עזרת תורה.

דער חודש אדר איז אויסגעצייכענט פון אַלע חדשים, אַלס דער חודש פון שמחה. משנכנס אדר מרבין בשמחה. אַמאָל, אַמאָל, און אין אַנדערע חסידים שטיבלאַך, נאָך היינט, ווערט דער „משנכנס אדר מרבין בשמחה" אויס׳כתיבה׳ט מיט גרויסע סופר׳ישע אותיות, און מיט קינסטלערישע באַפּוצונגען פון אַ פלעשעל בראַנפען מיט אַ גלעזעל, אויפגעקלעפּט אויף דער וואַנט, אַזוי אַז אידען זאָלען ניט מסיח דעת זיין פון שמחה. אַ דין וואָס איז באַזירט אויף דער גמרא אין תענית דף כ״ט: און אויף די מגילה אַליין, וועלכע דערציילט אויף דעם מאָנאַט: ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז שמחה קומט יעצט נאָך אורה! אורה, זו תורה, איז דער פאַרבאַדינג צו שמחה. שמחה, אָן פאַר זיך, קען לייכט פאַרוואַנדעלט ווערען אין הוללות...

די שמחה פון דעם מאָנאַט, פון הצלת כלל ישראל, ענטהאַלט אין זיך דעם קערן פון נצחיות, דעם אייביגקייט-מאָטיוו פאַר׳ן לעבענס-דויער פון פאָלק ישראל, אין גלות עפּאָכעס ווי אין ארץ ישראל, נאָר ווען ער איז באַגלייט מיט די תורה לעבענס-זאַפטען. כי הם חיינו ואורך ימינו. אונזער אייביגע עקזיסטענץ-באַרעכטיגונג אַלס פאָלק. אַ פענאָמען צווישען אַלע אומות העולם איז ניט צו פאַרדאַנקען די שאַבלאָנע אָנגענומענע פאָלקס אַטריבוטען ווי לאַנד, מלוכה, שפּראַך... גרויסע פעלקער מיט גרויסע מלוכות, און אייגענאַרטיגע שפּראַכען, זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדען. נאָר עם ישראל חי! ווייל, אונטער די ערגסטע אומשטענדען, ווען המן׳ס שווערד הענגט איבער ישראל׳ס האַלדז, זיצט מרדכי מיט זיינע תלמידים, און לערנט די אייביגע תורה.

„עזרת תורה" וואָלט איך געזאָגט, האָט אַ טאָפּעלטע, גענענ־זייטיגע ווירקונג. אידען ווערען מער באַוואוסטזיניג אין דעם מאָנאַט אדר, צו העלפען תורה, בני תורה. מיט איין וואָרט, צו שטיצען אינטענסיוו דעם עזרת תורה קאַמפּיין, וואָס ערמעגלעכט דעם עזרת תורה צו העלפען טויזענדער רבנים, תלמידי חכמים, מיט זייערע

משפחות איבער דער גאַנצער וועלט, און באַזונדערס אין הייליגען לאַנד, און גלייכצייטיג, אַליין געהאָלפען צו ווערען דורך דער תורה... עזרת תורה — העלפען תורה און בני תורה ווי אויך — עזרת תורה, אַליין געהאָלפען צו ווערען דורך דער תורה...

אין חודש אדר איז דאָך אויך משמיעין על השקלים. תרומת שקלים איז איינע פון די דריי תרומות, אויף וועלכע דער רבונו של עולם האָט געזאָגט: ויקחו לי תרומה! ניט „ויתנו". העלפען בני תורה, טאָר ניט ווערען וואולגאַריזירט דורך דעם וועלטלעכען „טשאַריטי" באַגריף, וועלכער ערנידעריגט דעם נעמער און עקזאַלטירט דעם געבער. עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערען דער הויכער פאַרנעם פון „ויקחו". אַז דער געבער נעמט ניט ווייניגער וויפיל ער גיט, נאָר אַ סך אַ סך מער. ווייל מיט זיין געבען צו בני תורה ערמעגלעכט ער אויפצושטעלען קאַדרעס פון בני תורה, וועלכע העלפען פאַר־שפרייטען תורה וואָס גיט אַ זין צום פערזענלעכען לעבען ווי צום לעבען פון פאָלק.

איך מיין, אפשר אויך, אַז דער טערמינאָלאָגישער טייטש־וואָרט פון עזרת תורה איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק זיין אַנטשטייאונג אין יאָר עזר"ת, ד. ה. אין יאָר תרע"ז. מיט איין און פערציג יאָר צוריק. אין ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אָנבליק פון אַלגעמיינעם אידישען חורבן איז דאַן געשאַפען געוואָרען די עזרת תורה דורך הרב ר' ישראל ראָזענבערג זצ"ל, און יבדל לחיים הרב ר' אליעזר זילבער שליט"א און דעם שפּרודעלדיגען, מסירות נפש'דיגען מנהל הרב יוסף אלי' הענקין שליט"א — צו לינדערן דעם גרויסען נויט פון די גדולי התורה און זייערע משפחות, וועמענס נאַטירלעכע בושה האָט זיי צוריקגעהאַלטען אויסצושטרעקען די האַנט צו הילפס־אינסטיטוציעס. עס האָט זיך געפאָדערט די איידעלע „משכיל אל דל", עזרת תורה'דיגע באַציאונג, זיי צו העלפען בדרך כבוד. מיליאָנען דאָלאַרען זענען פון יענער דאַטע, געגעבען געוואָרען דורך אַמעריקאַנער איידעלע, פאַר־שטענדיגע אידען און די עזרת תורה האָט די מיליאָנען דאָלאַרען גלייך צושיקט אומעטום, איבער אַלע וועלט־טיילען, כמעט אָן קיינע הוצאות! אויך אַ זעלטענע זעלטענקייט אין היינטיגען דור...

דער נייער ערוויילטער פּרעזידענט פון עזרת תורה, דער וואונדערלעכער פשטיות'דיגער גדול בתורה, צדיק און פייערדיגער

רודף צדקה וחסד, הרב נפתלי צבי יהודה ריף שליט״א, קעמדענער רב, ווענדעט זיך צו יעדען אידישען מאַן און אידישע פרוי, אין די פאָלגענדע הארציגע ווערטער: „איך האָף אויף אייער הילף און מיטאַר־בייט פאַר דעם הייליגען עזרת תורה פאָנד״. לאָמיר אַלע העלפען צו פאַרווירקלעכען זיין היים-באַגערטע האָפענונג און שיקען אונזערע ביי־שטייערונגען צו דער עזרת תורה וועלכע געפינט זיך אין איר באַשיי־דענעם אָפּיס אויף 132 נאַסאַו סטריט אין ניו-יאָרק. ובזכות החזקת התורה נוושע בכל טוב.

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע וואָרט״, אדר, תשי״ח.

יעדע טובה איז א דאפעלטע טובה...

„על אחת כמה וכמה טובה כפולה"...

פון „שהוציאנו ממצרים" ביז „ובנה לנו את בית הבחירה" — פאַרמאָגט יעדע טובה אַ דאָפּעלטען ווערטה.

לאָמיר דאָס ערקלערען קלאָר, און אָנפאַנגען מיט'ן ערשטען, פון — „שהוציאנו ממצרים". אין גאַנצען צוויי ווערטער. אָבער דאָס איז דער כוח פון לשון-הקודש — צו ערמעגליכען אריינצופאַסען צוויי גרויסע באַגריפען אין בלויז צוויי ווערטער. דער ערשטער באַגריף איז דער באַגריף פון פרייהייט, די באַפרייאונג פון שקלאַפעריי. דאָ קומט דער „עבדים היינו" אַלס אַ געשיכטליכער פאַקט, מאָנומענטאַל אין דער וועלט-היסטאָריע; און דער צווייטער באַגריף איז פון דעם „הוציאָנו", דער געטליכער אַקט וואָס איז פאַרוויקעלט פונ'ם אָנפאַנג ביז צום שלום, אַז „ער" אַליין האָט אונז אַרוסגענומען פון מצרים...

„עבדים היינו", קנעכט זענען מיר טאַקע געווען, אָבער דער פּראָצעס פון באַפרייאונג ווערט נישט דורכגעפירט דורך אונז, נאָר דורך הקדוש-ברוך-הוא בכבודו ובעצמו. עס איז געווען „לא על-ידי מלאך ולא על-ידי שרף", און געווים נישט דורך קיין מענשליך-באַשעפעניש, זאָגאַר נישט מיט דער הילף פון משה רבינו, און דערי-בער ווערט זיין נאָמען, כמעט, נישט דערמאָנט אין דער הגדה... עס איז געווען דורכאוים: „ויוציאנו ד' אלוקינו משם", און „ואילו לא הוציא הקדוש-ברוך-הוא — הרי אָנו ובנינו משועבדים היינו"...

די פּראַכט פון יציאת-מצרים, וואָס איז געבליבען איינגעקריצט אין יעדעם אידישע האַרץ און אין יעדען אידישען מוח דורך די אַלע טויזענטער יאָהרען, איז נאָר ווייל עס איז געווען אַ געטליכע באַפ-רייאונג. אָט דער געטליכער פרייהייטס-פונק האָט אונז געגעבען די קראַפט צו דערהאַלטען אין אונז דעם שטאָלץ פון ווירדיגע בני-חורין — זאָגאַר אין דער געגענוואַרט פון פוילישע פּריצים און פוילישע הינט... דער זעלבער פוילישער פּריץ, וואָס האָט געמאַכט זיין אונטערוואָרפענעם איד צו שאַנדע, איז געשטאַנען מיט באַוואונדערונג און רעספּעקט פאַר דעם שבת'דיגען איד... דער שבת'דיגער איד, געקליידט אין אַטלאַס און זייד, און אַרומגערינגעלט פון פרוי און

קינדער — האָבען ביים פּוילישען פּריץ אויסגעזעהען ווי אַ קעניג און אַ קעניגין, מיט פּרינצען און פּרינצעסינס... ווער מיר פּריץ און וואָס מיר פּריץ, אַז עס איז אַ פאַקט — „כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים"!...

פאַר דעם דאַנקען מיר דעם רבונו-של-עולם, וואָס אונזער באַפרייאונג איז געוועזן דורך איהם אַליין, און נישט דורך קיינע רעוואָלוציאָנערע, בלוט — פאַרגיסענדיגע און שנאת-אחים'דיגע באַפ־רייאונגס-קאַמפּען.

„ועשה בהם שפטים" — איז געווים אַ טובה, אָבער אַ דאָפּעלטע טובה איז עס, ווייל דער אויבערשטער האָט עס געטאָן, און עס איז נישט געטאָן געוואָרען דורך אונז...

אָבער נישט נאָר אויף מאַטעריעלע ישועות, ווי געלט און עסען — „ונתן לנו את ממונם והאכילנו את המן", אָדער זאָגאַר אויפ'ן שבת — „ונתן לנו את השבת", וואָס ענטהאַלט אין זיך ביידע וועלטען — דאַנקען מיר דעם רבונו-של-עולם פאַר דער דאָפּעלטער טובה — פאַר דער טובה אַליין, און פאַר דעם וואָס די טובה איז געטליך, נאָר אויך אויף ריין-גייסטיגע ישועות, ווי דאָס שטעהען ביים באַרג סיני און נעמען די תורה — מעמד הר-סיני און מתן-תורה, דריקען מיר אויס אונזערע טיפסטע דאַנקבאַרקייטס-געפיהלען, וואָס „וקרבנו לפני הר-סיני ונתן לנו את התורה", אַנערקענענדיג די געטליכקייט אין דעם אַלעם. און דאָס איז נישט נאָר להוציא מלבם של שוטים — אין געשטאַלט פון פעלד-ראַבינער, וועלכע נוצען-אויס דעם הייליגען הר-סיני מאָטיוו אויף באָמבאַסטישע, מיליטערישע-פראַזען. זיי פאַר־דרעהען זאָגאַר די נקודות פון דעם „וקרבנו", אַז עס קען מיינען — אונזער קאַמף פאַר'ן באַרג-סיני, נישט קוקענדיג וואָס מאַנכע פון אונ־זערע פריינד האָבען געהאָלפען דעם רשע נאַסער צו באַקומען צוריק דעם באַרג-סיני...

עס קומט אויך „להוציא מלבם של רשעים", וועלכע רופען זיך „ראַביים". ביי זיי איז עס נישט קיין פראַגע פון דערנעהנטערען זיך צום באַרג סיני, אָדער קעמפען פאַר'ן באַרג סיני, נאָר עס איז גאָר אין גאַנצען נישט... (נישט-וועלענדיג ציטירען זייערע אפּיקורסות'דיגע רייד, פאַרענדיג איך מיט זאָגען: עפרא לפומייהו!).

„כמה מעלות טובות למקום עלינו״. אונזער גליק און אייביג־קייט, אונזער פרנסה און שבת־גליק — קומען נאָר פון די חסדי־השם עלינו. „ונתן לנו את התורה״! מענשליכע תורות קענען נישט געבען גליק צו אַלע מענשען און אין אַלע צייטען. אָבער אַ דריי־טויזענט יעהריגע תורה, וואָס קען אינספּירירען זאָגאַר דערוויטערטע נשמות, האָט אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון מעמד הר־סיני, דעם „בת־קול היוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת: אוי להם לבריות מעלבונה של תורה!״...

און „לכפר על כל עונותינו״. דאָס איז די אַנערקענונג פון דעם „טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו״. די אַנערקענונג אין דער געטליכער קראַפט באַרעכטיגט אונז צו האָפען אויף דער צוריק־פאַראייניגונג פון קודשא בריך־הוא, אורייתא וישראל אין דעם „ובנה לנו את בית הבחירה״...

*) געדרוקט אין „דאָס אידישע לעבען״, אַפּריל, 1958.

„והגדת לבנך"

(הגדה־רעפלעקסן)

ביי קיין אומה ולשון געפינט מען ניט אַזאַ זאָנדערבאַרע מצוה: אַוועקצוזעצן זיך אַ ספּעציעלע נאַכט אין יאָר, מיט די קינדער, און דערציילן זיי די הגדה! און ניט סתם דערציילן פאַר יוצא וועגן, נאָר עס מוז צוגיין מיט׳ן אויסגעפּרואווטן פּעדאַגאָגישן וועג פון שאלות און תשובות: „טאַטע, איך וועל דיר פרעגן פיר קשיות. די ערשטע קשיא איז...". „טאַטע, איך האָב דיר געפרעגט די פיר קשיות, יעצט ענטפער מיר אַ תירוץ"...

ווי אַזוי דער טאַטע גיט זיך אַן עצה, מיט׳ן תירוץ פון עבדים היינו, צו פאַרענטפערן די פיר קשיות איז אַ באַזונדער אינטערע־סאַנטער קאַפּיטעל. ווי אַזוי פאַרענטפערט „עבדים היינו" די קשיא, פאַרוואָס, הלילה הזה, טונקט מען איין צוויי מאָל, איינמאָל כרפס אין זאַלץ וואַסער, און איינמאָל כריין אין חרוסת, — איז זיך אַ באַזונדערער שמועס.

אָבער אויב די פיר תרוצים זעען זיך ניט אָן אָפן, אויף די פיר קשיות — איז אָבער שוין גאָר אָפן, די פיר בנים, — צו וועלכע עס ווערן אָנגעווענדעט פירערליי פאַרשידענאַרטיגע צוגאַנגען.

הקהה את שיניו — איז אַוודאי אַ גאַנץ אַנדער רעדענס־אַרט, ווי — — „ואף אתה אמר לו כהלכות הפסח"... און דער „את פתח לו" — באַזויצט געווים אַן אַנדער צוגאַנג ווי אפילו דעם תם׳ם — ואמרת אליו... אָבער ווי דער צוגאַנג זאָל זיין צו יעדען פון די פיר בנים, מוז אָבער דער צוגאַנג צו יעדען פון זיי זיין באַזונדער. צום רשע ווי צום חכם, און צום שאינו יודע לשאול ווי צו דעם תם. קיינער פון זיי טאָר ניט איגנאָרירט ווערן און קיינער פון זיי טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערן פון חשבון. כנגד ארבעה בנים דברה תורה, אחד חכם ואחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול. און — וואונדער איבער וואונדער! די מצות עשה פון „והגדת לבנך", גייט גאָר אויפ׳ן שאינו יודע לשאול!

„והגדת לבנך, בבן שאינו יודע לשאול. והכתוב מלמדך, שתפתח לו אתה בדברי אגדה המושכין את הלב". איז דאָס ניט שווער צו פאַרשטיין. אוודאי דאַרף מען אים לערנען! דאַגעגען דער וכוח־

מאָטיוו מיט׳ן רשע. ווען אַפילו אין דעם — הקהה את שיניו פאַרם, — איז שווער תופס צו זיין. דער רשע איז דאָך כל שכן דפקר טפי, און מ׳טאָר זיך דאָך גאָרניט אריינלאָזן מיט אים אין וכוחים?!

יאָ. אָבער די תורה אליין קלאַסיפיצירט אים דאָך אין דער קאַטעגאָריע פון בנים: „והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם! מיט זיין „רשע״ באַצייכענונג איז ער פאָרט איינער פון די פיר בנים. ווייל זיין „כפר בעקר״ איז ניט קיין אַבסאָלוטער. ער איז עס נאָר פון אַנאַלאָגישען שטאַנדפונקט. „ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל — כפר בעיקר״... צו פאַרשטיין דעם רעטזעלהאַפטען יאָ־רשע — ניט־רשע, דאַרף מען צוקומען צום מקור, און זעען דעם תורה־צוגאַנג און די תורה־אָפשאַצונג וועגען אים.

די תורה גיט פריער אַן אריינפיר, צו קענען אריינדרינגען אין דער פסיכיק פון דעם רשע: והי׳ כי תבאו אל הארץ אשר יתן ד׳ לכם כאשר דבר ושמרתם את העבודה הזאת. והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם. אָט דאָ איז די וויזיאָנעריש־היסטאָרישע גרונדלאַגע פאַר דעם רשע׳ס געדאַנקען־גאַנג.

דער רשע איז גאָר דוקא אַ זון פון אידישען פאָלק. אַ שטאָלצער זון און אַ פאַראַנטוואָרטליכער. ער האָט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייטס־געפיל פאַר׳ן אויפהאַלט פון אידישער אייגענאַרטיגקייט און אחדות האומה אונטער פרעמדע הימלען און האָט פיעטעט פאַר אידישע טראַדיציעס און מנהגים. אין גלות, צווישען פרעמדע קולטורען — פאָדערען זיך קאָלאָסאַל־מעכטיגע שוץ־מיטלען צו באַוואָרענען דעם קיום און המשך פון אידישען פאָלק... און די אָפהיטונג פון תורה ומצוות אין גלות איז אַ אויסגעפּרוּאוּוטער וועג און ווירקזאַמע מעטאָדע! קלוג איז ער, דער תורה׳דיגער רשע. אים קען מען ניט איינשמועסען. ער ווייסט אַז אידיש, אידישע בבא מעשיות, אידישע פאָלקס־לידער זענען ווייט ניט קיין סגולה בדוקה פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער — שה פזורה ישראל. קאַבצאַנסק, פישקע דער קרומער, מאָטקע גנב אַ. ד. ג. באַרעכטיגען ניט די עקזיסטענץ פון איינזאַמען שעפּסעלע צווישען די גרויזאַמע וועלף...

אָבער — והי׳ כי תבאו אל הארץ. ווען דער פריילעכער, אויס׳געחלום׳טער שיבת ציון טאָג וועט קומען. ווען מען וועט אריינקומען אין דעם אייגענעם לאַנד — ושמרתם את העבודה הזאת!!!

ניין! דערצו איז ער ניט נאָר ניט מסכים, נאָר ער איז בפירוש געגען! ער פירט אויך אַ שטאַרקע אַגיטאַציע ניט נאָר אין זיין קלאַס און סביבה, נאָר אויך צווישען דעם עלטערען דור, צווישען די פרומע אידען. והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם... די בנים פרעגען ניט. זיי זענען גאַנץ ווייט פון וועלען לערנען פון עלטערען דור. — שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך — איז ניט זייער לעבענס־דעוויז.

די סאָרטען בנים, די בנים רשעים, זיי ווילען זיין די וועג־ווייזער פאַר די טאַטעס. זיי האָבען זיך נאָך ניט אויסגעפיקט פון דער שאָל, און זיי ווילען שוין האַלטען דעם טייטעל און לערנען דעם תורה־פּרינציפּ אויף דער צווייטער, פאַרקערטער זייט. די תורה זאָגט: ושמרתם את העבודה הזאת! זאָגען זיי: מה העבודה הזאת לכם! די תורה זאָגט אַז דוקא „אין אייגענעם לאַנד" מוז מען נאָך האָבען טאָפּעלטע וואַכזאַמקייט. אין גלות וועט שוין דער טבעת המן הרשע שטיין אויף דער וואַך פון אידישער אייביגקייט... אָבער אין ארץ ישראל מוז מען האָבען גרויסע אייגענע שמירה. ושמרתם את העבודה הזאת. איר אַליין זאָלט זיך היטען דורך העבדה הזאת! זאָגען די „בנים" „מה העבודה הזאת לכם".

מיט׳ן מאָמענט פון „כי תבואו אל הארץ" — „ארץ" מיט אַלע „ארץ"־אַטריבוטען ווי: אייגענע מלוכה׳שאַפט, אייגענע שפּראַך אַ. אַ. וו. איז די עבודת הקודש שוין ניט מער נויטיג פאַר׳ן אויפהאַלט פון פאָלק — טענה׳ן די „בנים". יאָ, פאַר׳ן דעקאָרום, וועט מען זיך נאָך צייטענווייז באַנוצען מיט שם ד׳. אָבער דאָס ניט מער אָפען, נאָר פאַרשטעלטערהייט, ווי „צור ישראל", וואָס, אַז מען וויל, מיינט עס אידישע שטאַרקייט. אָבער... וויל מען דוקא — קען מען אויך אַריינטייטשען אין די ווערטער דעם רבונו של עולם. ווייל אָפיציעל איז מען ניט ח"ו קיין „כפר בעיקר". מען וויל זיך נאָר ניט אידענ־טיפיצירען מיט די „עבודה" אידען ניט פון היינטיגען דור און אודאי ניט מיט די פאַנאַטיקער פון פריערדיגען דור.

די דאָזיגע בנים זיינען ניט קיין „כפר בעיקר". זיי גייען גאָר צוריק צום ריינעם אורשפּרונגלעכען תורה קוואַל... צום תנ"ך אַליין, צו די אידישע נביאים... זיי ווילען נאָר ניט וויסען פון די צוויי טויזענד־יאָריגע געשיכטע אין מיטען פון גלות און פון זיינע שאַפונגען.

און אַט וועגען די דאָזיגע „בנים" רעדט דער בעל הגדה: „ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר". מען מוז ניט דוקא אָפען פּראָקלאַמירען די כפירה. גענוג דאָס אַרויסנעמען זיך פון כלל אידען, פון כלל אידישע געשיכטע... און דער וואָס האָט די אכזריות'דיגע חוצפה אַרויסצושניידען אַ שטיק פלייש פון לעבעדיגען אידישען אָרגאַניזם, דער שניידט זיך דערמיט אַליין אַרויס פון כלל ישראל. „אין בכלל אלא מה שבפרט" — יעדער פּרט אין דער טויזענד־יעריגער אידישע עקזיסטענץ. יעדער יאָר־הונדערט אין דער אידישע געשיכטע — איז אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט. האַקט מען איבער אינמיטען, ווערט אַלץ צעשאָטען און צעוואָרפען.

אָבער אויך די דאָזיגע „בנים" גיט דער בעל הגדה ניט אינגאַנ־צען אויף. גלייכצייטיג מיט הקהה את שיניו, וואָס איז די רעאַקציע פון מאָמענטאַלען אויסברוך איז עס נאָר הקהה... ניט זביחה... און דאַן קומט די פּאַטערליכע אויפקלערונג. די זעלבע אויפקלערונג ווי צום שאינו יודע לשאול, און אָפּילו גאָר אין נאָך אַ מילדערער פאָרם! דער והגדת — דברים קשים כגידין וואָס ווערט באַנוצט אין פּאַטערם ווענדונג צום אינו יודע לשאול, ווערט דאָ גאָר פאַרביטען אויף דער מילדער אמירה־פאָרם, „ואמר לו"... רעד זיך אַדורך מיט אים. פּרואוו אים איבערצייגען און זע ער זאָל דיך פאַרשטיין. אויך ער, דער „בן הרשע", איז ניט אויסזיכטלאָז. ער איז פאַרפירט געוואָרען. פאַרפירט פון אַ פאַלשער נאַציאָנאַלער טעאָריע.

עס איז די פליכט אויפצוקלערען אויך דעם בן הרשע דעם אונטערשיד פון דער פילאָזאָפיע פון גויאישען נאַציאָנאַליזם וואָס זאָרגט נאָר פאַר'ן כבוד פון פאָלק צו דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וועלכע זאָרגט הויפּזעכליך פאַר'ן יחיד. בעבור זה עשה ד' לי בצאתי ממצרים, — לי ולא לו. פיל פון די נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניגע אידען זאָרגען פאַר אַלעמען. פאַר דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער, פאַר זיין פאַמיליע. עס איז טאַקע ניט קיין זעלטענע דערשיינונג צו זען דעם פייערדיגען נאַציאָנאַליסט אויף אַלע נאַציאָנאַלע שמחות, און זיצען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ ביי זיך אין שטוב!... זיין זון און טאָכטער האָבען שוין אַוועקגעטאַנצט גאָר ווייט. און טאַקע גראַד צוליב אים. ווען ער איז געווען טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט די נאַציאָנאַלע דאגות — איז זיין היים

געבליבען אויסגעהונגערט פון נאציאנאלען גייסט. ניט קיין שבת און יום טוב, ניט קיין שול און בית מדרש. אפילו דעם נאציאנאלען באפרייאונגס יום טוב פסח האט ער אויסגעליידיגט פון זיין אינהאלט און פארביטען אים אויף א טעאטראלען דריטען סדר, מיט אן הגדה פון א חוזק מארשעליק.

בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — בעבור שאקיים מצוותיו כגון פסח, מצה ומרור הללו. די גאולת מצרים איז געקומען ניט בכדי צו דערהויבען דעם נאציאנאלען שטאלץ פון פאלק, נאר בכדי צו באזארגען דעם גייסטיגען „איך". ניט פאר׳ן צוועק פון באמבאסטיש נאציאנאלע דעמאנסטראציעס, נאר בכדי מזכה צו זיין דעם איד צו קענען דערנענטערען זיך צו השם יתברך.

והגדת לבנך... דערצייל דיינע קינדער דעם תורת אמת באגריף, אז נאציאנאלע באפרייאונג קומט פון ג־ט — עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים און בחוזק יד הוציאנו ד׳ ממצרים. און דער צוועק פון דער דאזיגער נאציאנאלער באפרייאונג איז געווען בכדי „איך" און „דו" פערזענליך זאלען מקיים זיין די מצוות — בעבור שאקיים מצותיו.

הי׳ ר׳ מתיא בר חרש אומר, הרי הוא אומר ואעבור עליך ואראך וכו׳ ולא היו בידם מצות להתעסק בהם כדי שיגאלו, שנאמר ואת ערום וערי׳, ונתתי להם שתי מצות דם פסח ודם מילה וכו׳. אמר להם משכו ידים מאלילים, קחו לכם צאן של מצוה.

והגדת לבנך, צום חכם ווי צום רשע, צום תם ווי צום שאינו יודע לשאול, רעד צו זיי אין דער הייליגער פסח־נאכט. רעד צו זיי קלארע דבורים. לערן זיי, אז די אלע סופערלאטיווע, הויך נאציאנאליס־טישע פרייהייטס־געדאנקען זיינען ניט דער תכלית פון כלל ישראל. אויך די, וואס פרעדיגען זיי, קענען אין דער אמת׳ן זיין נאקעט און פוסט. — ואת ערום וערי׳!... ווייז זיי דעם אמת׳ן וועג. דער חכם, מער ווי אלע וועט זיכער פארשטיין, אז ניט נאר „עדות חוקים ומשפטים" זיינען די אידישע קליידער, נאר אפילו יעדער דין און מנהג ביז „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן" זיינען דער דם התמצית פון יעדער אידישער נשמה אין ארץ ישראל פונקט ווי אין חוץ לארץ...

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט", ניסן, תשי״ת.

ווער און וואס עס הייסט א איד...

לעצטענס איז אין אידישען לעבען ארופגעקומען א נייע פראגע:
— „ווער איז א איד?"...

זייט אידען זענען אידען, האט מען געוואוסט, אז א איד איז א איד, און א גוי — איז א גוי... אבער היינט לעבען מיר אין נייע צייטען, ווען מען הערט נייע געזאנגען, נייע לידער, נייע פראבלעמען און נייע פראגען. און אט ווערט מען אוועקגעשטעלט פאר אזא שאלת-תם: „מה זאת"? ווער איז א איד און וואס איז א איד?...

וואלט מען דעם „מה זאת"? אוועקגעשטעלט אין זיין ארי־גינעלער פארם, און די פראגע: „וואס איז א איד"? וואלט געמיינט צו פרעגען: וואס זענען די געגויע פליכטען פון א איד? — וואלט מען דאך דאן שוין פארשפארט צו פרעגען: „ווער איז א איד"? אבער אין דער איצטיגער צייט, ווען עס איז רעכט, אז פון די זעקס הונדערט און דרייצען מצוות, בלייבט נאר א מיזעראבעלע דרייצען-יעריגע בר-מצוה, וואס היום כאן, ומחר — שפטרני, פארשטעהט מען טאקע נישט דעם אונטערשיד פון א איד ביז א נישט-איד.

קומט דערפאר ארויף די פראגע: „ווער איז א איד"? אבער דער „געניאלער" איין-טאגיגער בר-מצוה גיט אויף דעם א פארטיגען ענטפער. אין זיין בר-מצוה דרשה רופט ער אוים מיט א הויכער שטימע, אז: „איך בין שטאלץ צו זיין א איד, און א מיטגליד פון אידישען פאלק!" דאס הייסט, אז ער דענקט גאר-נישט איינצושטעלען זיין לעבענס-וועג אויפ'ן אלטען אידישען שטייגער, נאר ער אנערקענט בלויז זיין געהערען צום אידישען פאלק, און דערמיט איז ער שוין א איד!

און ווען דער בר-מצוה מיט דעם „מיניסטער-קאפ" ווערט טאקע א מיניסטער — אין אידישען לאנד, און מען פרעגט אים: „ווער איז א איד"? — האט ער דאך שוין א פארטיגען ענטפער פון זיין בר־מצוה דרשה, אז בלויז מיט אנערקענען זיך צום אידישען פאלק איז מען א איד. אבער ער באגנוגענט זיך נישט מיט ענטפערען בלויז אויף דער שאלה, נאר ער גיט אויך ארוים א געזעץ, אז פון היינט אן איז ווער נאר עס וועט אריינקומען אין אידישען לאנד און וועט

דעקלארירען די בר־מצוה דרשה, און זאָגען אויף זיך, אז ער איז א איד — איז ער שוין א איד...

ער מעג זאָגאר אויסלאָזען פון דער בר־מצוה־דרשה די ווערטער, אז ער איז שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז א איד, וואָרים ווי פאסט זיך צו זאָגען, אז מען איז שטאָלץ מיט זיין א איד, ווען מען קומט אין אידישען לאנד מיט א פוילישע פרוי אָלס לעבענס־באגלייטערין? די קינדער פונ׳ם „עם אחר״ וועלען דאָך גאָר זיין זיינע יורשים, און זיי וועלען זאָגען נאָך איהם א קאטוילישען „קדיש״ מיט א פוילישען „מי שברך״!...

אָבער מען טאָר נישט רעדען. דערמיט וועט זיך דאָך דאָס אידישע פאָלק פאַרמערען!... און היינט איז א צייט ווען אלע זאָרגען פאר׳ן אידישען פאָלק, נאָר — נישט פאר זיך אליין! אָט דאָס איז די אידישע טראגעדיע פון דער היינטיגער צייט. יעדער איינער איז א פארזאָרגער פון אידישען פאָלק. מען זאָרגט אָבער גאָר־נישט, אָדער זעהר ווייניג פאר זיך אליין, פאר דער אייגענער אידישקייט און פאר דער אידישקייט פון די אייגענע קינדער און אייניקלעך. די אייגענע שטוב איז ליידיג פון א חומש; די אייגענע קינדער געהען אין נישט־אידישע שולען און קענען נישט מאכען קיין ברכה, אבער דער היינטיגער איד שרייט אלץ, אז ער איז שטאָלץ צו זיין א איד. דער היינטיגער טאטע איז, פונקט ווי זיין בר־מצוה־בחור, „שטאָלץ אויף זיין פאָלק ישראל און מדינת ישראל״...

— אמאָליגע יאָהרען האָט א איד, וואָס אנבעלאנגט גייסטיג, — געזאָרגט פאר זיך, און ער האָט איבערגעלאָזט צו די גרויסע אידען צו זאָרגען פאר׳ן פאָלק. היינט אָבער איז יעדער סעם און הערי א טוער פאר׳ן אידישען פאָלק, און די פאַקטישע גדולי־ישראל ווערען פארשריגען ווי שונאי־ישראל... און עס מוז דאָך אמאָל אויפגעקלערט ווערען, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אזא צעדרעהטע לאגע, אז יעדער איינער, וואָס האָט נאָר חוצפה, זאָל קענען אנטקעגען־שפרינגען דעם גרעסערען פון איהם, איבערהויפט דעם תלמיד־חכם, און נאָך איהם מיאוס זידלען!...

וואָס איז דאָ אזוי וויכטיג די פראגע: ווער עס איז א איד? די הויפט־זאַך איז צו וויסען וואָס עס איז א איד? און א ריכטיגער

איד איז אויך שטאָלץ, אָבער נישט אויף זיין פּיעל־רעקלאַמירטע „דאָניישאָן", נאָר אויף דעם וואָס זיין גלויבען אין השם־יתברך גיט איהם אַ זין און ציעל אין לעבען. דאָס לערנען תורה מאַכט איהם ליכטיג אין קאָפּ, און אונטער אַלע אומשטענדען האָט ער בטחון אין אויבערשטען. דער אמת'ער איד פיהלט זיך אין טלית־און תפילין באַשיצט און באַפאַנצערט; שבת שוועבט ער אין אַ מעין עולם־הבא; אין יום־טוב זינגט ער מיט באַגייסטערונג דעם „אתה בחרתנו מכל העמים"; יום־כיפור פיהלט ער זיך ווי געלייטערט פון זינד און גייס־טיגע פלעקען, און אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר איז — „מודה אני לפניך, מלך חי וקים". אָט דאָס איז אַ איד...

געוויס האָט דאָס אַלץ גאָר־נישט צו טהון מיט נעמען אַ נישט־אידיש ווייב, און געוויס איז נישט אַזוי לייכט צו זיין אַ איד. מען מוז געהען אין חדר און לערנען תורה דאָס גאַנצע לעבען; מען מוז מקיים זיין מצוות און ערציהען קינדער אין תורה און יראת־שמים, אָבער — עס איז אַלץ ווערטה, ווייל — צו זיין אַ איד איז גוט!...

*) געדרוקט אין דאָס אידישע לעבען", יוני־יולי, 1958.

שובה ישראל!

צוויי אומצעשיידבארע מאָמענטען ווערען אויסגעדריקט דורך דעם נביא הושע. דער תשובה געדאַנק, אַז און פאַר זיך שובה ישראל, איז שוין רעאַליזירט געוואָרען אין פּראַקטישער אויספירונג דורך הושע׳ס עלטער זיידע, ראובן. אָבער וואָס ביים עלטער-זיידן איז עס געווען אין אורשפּרונג אינדיווידואַליסטיש, אַ תשובת יחיד. איז דער אור-אייניקעל פּריווילעגירט געוואָרען צו פּרעזענטירען אין אַן אוני-ווערסאַלער פאָרם: שובה ישראל!

אמר לו הקב״ה, מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה, ואתה פתחת בתשובה תחלה. חייך, שבן בנך עומד ופותח בתשובה תחלה ואיזה זה? זה הושע, שנאמר שובה ישראל (מד״ר בראשית, פ׳ פ״ד.) ביידע זיינען געווען פּיאָנערען אויפ׳ן תשובה געביט, דער זיידע מיט דעם אייניקעל. „פּתחת תחלה, — בן בנך עומד ופותח בתשובה תחלה״. אוודאי איז די ערפינדונג פון ערשטען איינצעלנעם ציגעל געווען פון קאָלאָסאַלען באַדייטונג. ווען אָבער עס וואָלט געבליבען אַ פּאַראיינצעלטער עפּיזאָד, וואָלט עס ניט געהאַט קיין חשיבות פאַר דער מענשהייט. דעם תקון האָט דער ציגעל באַקומען דורך דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג. פון דער קונסט, צו לייגען אַ ציגעל אויף אַ ציגעל, און פון אַלע ציגעל אויפצושטעלען איין גראַנדיעזען אויג-פאַרכאַפּענדען בנין. הושע דער אייניקל, האָט אויפגעהויבען די תשובת יחיד צו אַ תשובת ישראל. שובה ישראל!

אויף דעם דערהאַבענעם מאָמענט, אויפצוהויבען זיך פון אַ תשובת יחיד צו שובה ישראל, דאַרפען מיר זיך שטאַרק פאַרטראַכטען, אין די עשרת ימי תשובה. און טאַקע די פרומע אידען, אין ווענענס אַדערן עס פליסט די ירושה פון תשובת ראובן, זיי דאַרפען עס באַטראַכטען ווי אַ ג־ט׳לעכע פּריווילעגיע, און אַ הייליגען הימלישען רוף צו דערהויבען תשובה צו דער הויכער כלל-ישראל׳דיגער מדרגה.

מיר געפינען אין דער היינטיגער סדרה וילך, וועלכע גייט גע-ווײנלעך מיט די שובה ישראל-הפטרה, דעם שובה ישראל-מאָמענט, אַלס די צוואה פון משה רבנו. אין זיינע לעצטע פינף לעבענס טעג, האָט ער פינף מאָל אַקצענטירט דעם כלל ישראל מאָטיוו. הן קרבו ימיך

למות. הן חד. שכן בלשון יוני קורין לאחת הן. (אזוי איז אויך אין די מאָדערנע לשונות) קרבו תרי. ימיך תרי. הא חמשה (מועד קטן, כ״ח.) און אין די גורל'דיגע פינף איבערגאַנגס-טעג פון עולם השפל צום עולם האמת, וועלענדיג פּרעזערווירען זיין לעבענס-טרויס אויפצוהאַלטען תורה „אף אחרי מותי״... האָט ער יעדען טאָג פון די פינף איבערגעבליבענע טעג געהאַמערט אויף דעם כלל ישראל פּונקט.

א) וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל.

ב) ויקרא משה ליהושע, ויאמר אליו לעני כל ישראל.

ג) בבוא כל ישראל לראות את פני ד' אלקיך במקום אשר יבחר, תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל באזניהם.

ד) הקהל את העם, האנשים והנשים והטף וגו' למען ישמעו למען ילמדו וגו' ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם.

ה) וידבר משה באזני כל קהל ישראל את דברי השירה הזאת עד תמם.

אמת מ'דאַרף אָפּגעבען כבוד די „כהנים בני לוי הנשאים את ארון ברית ד'״. אָבער ניט דער גויאישער באַגריף פון — אָפּגעבען די תורה אין באַזיץ פון די איינצעלנע אויסדערוויילטע... און ווען עס איז פאַרגעקומען אין מדבר-לעבען אַ מאָמענט וואָס האָט אויבער־פלעך געמאַכט אַן איינדרוק פון „ויתנה אל הכהנים בני לוי״... זאָגט אונז רש״י הקדוש, אויפטרייסלענדיג: אותו היום שנתן משה ספר התורה לבני לוי כמ״ש ויתנה אל הכהנים בני לוי, באו „כל ישראל״ לפני משה, ואמרו לו: משה רבנו! אף אנו עמדנו בסיני וקבלנו את התורה ונתנה לנו. ומה אתה משליט את בני שבטך עלי', ויאמרו לנו יום מחר, לא לכם ניתנה, לנו ניתנה... ושמח משה על הדבר. ועל זאת אמר להם: היום הזה נהיית לעם וגו'. היום הזה הבנתי שאתם דבקים וחפצים במקום. (פירש״י, דברים כ״ט, ג'.)

מיט דעם מאָמענט פון ערוואַכונג, צו ווערען באַוואוסטזיניג, אַז תורת ישראל איז ניט „מורשת ינאי״, נאָר מורשה קהלת יעקב. מיט דעם מאָמענט ווערט מען רייף אַנערקענט צו ווערען אַלס פאָלק. דאָס איז דער תורה באַנעם וואָס שטייט אויף דער געהעריגער הויך פון

„צוה לנו משה״. אויף דעם הייליגען מאָמענט האָט משה געוואָרט פערציג יאָר. און הערענדיג דעם עקזאַלטירטען כל ישראל־דיגען זאָג: „אף אנו עמדנו בסיני וקבלנו את התורה ונתנה לנו״, פרייט זיך משה און זאָגט: „היום הזה נהיית לעם״!

אויך אונטער דער פירערשאַפט פון רבן של ישראל, האָט זיך געפאָדערט פאַר דער פאַראייביגונג פון תורה אַ פאַראייניגטע פאָלקס באַוועגונג. איז עס דאָך אַ פשוט׳ער זעלבסט־פאַרשטענדלעכער קל וחומר בן בנו של קל וחומר פאַר אונזער היינטיגער צייט, ניט צו לאָזען זיך פאַרשלעפערן אין אַ זעלבסט צופרידענע איזאָלירטקייט, און זאָגען צו זיך — שלום עליך נפשי. איך בין אַ פרומער איד. מיינע קינדער גיב איך אַ אידישע דערציאונג. איך דאַווען מיר אין מיין חברה שטיבעל... און וואָס גייט מיר אָן די מאַיאָריטעט פון אידישען פאָלק וואָס געפינט זיך אין אַ טראַגישען מצב פון אַ תינוק שנשבה?!

דער אמת איז אָבער, אַז ניט נאָר וועלען מיר דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר׳ן רבונו של עולם און פאַר דער אידישער געשיכטע, אויף דעם מורא׳דיגען פאַרברעכען פון פאַרנאַכלעסיגען די מצות „הקהל את העם״, ווען אָפילו אויך אין פאַסיווער פאָרם! נאָך ביטערער איז, ווען מען קוקט דעם אמת אין די אויגען אריין און מען דערזעט פלוצלונג ווי אויך דאָס אייגענע הויז ברענט!... ווען דער צעשטערענ־דער פייער כאַפּט אַרום אין זיינע פלאַמען דעם גאַנצען אַרום — איז עס דאָך אַן אומגעלומפּערטע אילוזיע, זיך גאָר איינצורשמועסען — ווי די חסידישע הלצה גייט: „אַ פייער רעכטס, אַ פייער לינקס און אינדערמיט אַ גן עדן״!... אָבער וואָס קען דער יחיד אַליין אויפטאָן פאַר זיין אייגענע רעטונג און פאַר דער הצלה פון כל ישראל? איז טאַקע די לעצטע צוואה פון משה רבנו — וילך משה, וידבר משה, באזני כל קהל ישראל, את דברי השירה הזאת עד תמם. אַ מאַסען באַוועגונג פון „כל קהל ישראל״, איז אַ געגאַרט־געוואונשטער ציל, אָבער זיין דערגרייכונג קען נאָר רעאַליזירט ווערען דורך דעם „באזני״ מעדיום. ווען דער יחיד דערהערט אין זיין אינערלעכען וועזען „את דברי השירה הזאת. שהתריתי בו בתורה על כל המוצאות אותו״. ווען די נביא׳שע התראה דרינגט אַדורך דעם יחיד׳ס אונטערבאַוואוסט־זיין, מיט זיין אַלאַמירענדען „פייער״ אויסגעשריי, רופט עס אַרויס

פארבארגענע כחות פון ארגאניזאטארישען כאראקטער. ווען מען ווערט נאר באוואוסטזיניג צום אומבאשטרייטבארען לעבענס-פאקט אז „אידעלעך, עס ברענט, דאס שטעטעלע ברענט"! רייסט זיך שוין ארויס פון זיך אליין דער רוף צו קאלעקטיווער מאסען אקציע.

איינער אליין קען ניט לעשען די שרפה. אבער אלע בלוטיג־פאראינטערעסירטע שכנים, קענען יא. איינער אליין קען ניט לעשען קיין קולטור קאמף, און אפילו ניט קיין אפאטישע גלייכגילטיגקייט. אבער א שטארקע ארגאניזאציע פון פרומע אידען קען יא. זעט זיך דעריבער ניט קיין אנטשולדיגונג פאר א פרומען איד ניט צו זיין אקטיוו אין רעליגיעז-ארגאניזירטען לעבען. די אנטי רעליגיעזע עלעמענטען זיינען דאך יא פאראייניגט! וויינט דאך דאס הארץ: **בראותי כל עיר על תלה בנוי', ועיר אלקים מושפלת עד שאול תחתי'!** די אנטי־רעליגיעזע עלעמענטען האבען צו זייער דיספאזיציע שטאר־קע ארגאניזאציעס, און, ממילא, גרויסע געלט מיטלען, וואס ער־מעגלעכט זיי צו קאנטראלירען די עפענטלעכע מיינונג, און אויך שאפען אן עפענטלעכע מיינונג געגען דעת התורה און גדולי התורה — און מיר, ליידען און שווייגען! ניט מיר האבען די מעגלעכקייטען פאר עפענטלעכע אויפקלערונגען וועגען עיקרי היהדות, און ניט מיר האבען די מעגלעכקייטען אפילו אפצושלאגען פארלוימדערישע אר־טיקלען און אפלאכערישע נייעסען.

ביים שרייבען די שורות, זיינען שוין אפגעלאפען דריי טעג ווי די „אידישע" צייטונגען זיינען ארויסגעקומען מיט אן אפלאכעריש שטיקעל נייעס אויפן חשבון פונם ישראל-ראבינאט, געשריבען אין א מכלומרשט ערנסטען טאן אין פארם פון א איט"א־דיפעשע, דירעקט פון פאריז, אז — דער ישראל־ראבינאט האט געשאפען א סאקער־טים, און בערדיגע אידען מיט פאות מאכען שוין איבונגען צוגריי־טענדיג זיך צום סאקער־טים!!! און — אין קול ואין עונה. ניט די צייטונגען אליין האבען געפונען פאר נויטיג זיך צו פארענטפערען פאר די שטיק געדרוקטע גראביאנסטווא, און ניט אפילו די פשוט'ע העפליכקייט צו דרוקען א הכחשה. און ניט דער ברייטער עולם איז ארויסגעקומען מיט א שטראם פון פראטעסט בריוו. אזוי ווי עס וואלט ניט קיינעם ניט געארט וואס מ'לאכט אפ פון די אפיציעלע רעליגיעזע פארשטייער פון אידישען פאלק אין אידישען לאנד! דא־

געגען איז געווען אין דיזעלבע ציימונגען, אויך אויף די פראָנט־זייט, אין גרויסע פעטע שריפט, אַ צווייטע ידיעה אַז דער פּרעמיער מיניסטער פון ארץ ישראל האָט באַשלאָסען צו ערלויבען בתי קברות וואו מ'וועט ניט דארפען נאָכקומען די אידישע דינים וועגען טהרה און קבורה, וואו מ'וועט קענען לייגען צוזאַמען אידען און דריי־פערטעלדיגע קריסטען, און — איבערהויפּט, אַז מ'דאַרף ניט אויף דעם קיין ערלויבעניש פון ראַבינאַט... דאָס הייסט, אַז די אויפגאַבע פון ראַבינאַט איז טאַקע נאָר צו שאַפען סאָקער־טיעמס פאַר בערדעל־דיגע אידען מיט פאות... אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה! אַוודאי ווייטאָגען פרומע אידען פון די צולהכעים'דיגע ציימונגען. אָבער גלייכצייטיג שטיצט מען די ציימונגען מיט גרויסע אַנאָנסען פון ישיבות, שוהלען, בתי־מדרשים! מיט'ן תירוץ, אַז מ'קען זיך ניט העלפען...

קען מען זיך טאַקע ניט העלפען? קען טאַקע ניט דער פאַר־אייניגטער רעליגיעזער אידענטום פון גאַנץ אַמעריקע, אַרויסגעבען אַן אייגענע, אָנשטענדיגע, טעגלעכע ציימונג, אין גייסט פון אמת'ע אידישקייט, צוגעפּאַסט צום רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון אידישען פאָלק, אָן עפענטלעכען באַשמוצען און אָפּשפּאָטען פון רעליגיעז און נאַציאָנאַלען פאַרהייליגטען שבת־טאָג און יום טוב־טעג, שוין מיטן ערשיינען אַליין אין די פאַרהייליגטע טעג?!

איז דער תירוץ — אַוודאי קען מען. אָבער וואו נעמט מען דעם פאַראייניגטען רעליגיעזען אידענטום? עס איז דאָך איצט די — איש לאהליך ישראל — פעריאָדע! יעדער חסיד אין זיין שטיבעל. יעדער ראש ישיבה אין זיין ישיבה. און יעדע רבנישע אָרגאַניזאַציע אין אירע אייגענע געשלאָסענע ד' אמות! אַפילו אין דעם אייגענעם קרייז, אינאַנשטאַלטען וואָס טראָגען שוין אַן אויסשליסליך רעליגיעזען כאַראַקטער, הערשט דאָך אויך דער פּאַראָל פון איש לאהליך ישראל, אין זיין פולען שוואונג! לפּחות, אויף דעם ישיבה געביט, דעם אמת'ן עד ד' אלקיך־געביט, וואָלט דאָך אַוודאי באַדאַרפט זיין שובה ישראל! אַ פאַראייניגטער רעליגיעזער אָרגאַניזירטער כח וואָלט דאָך געקענט שאַפען וואונדער, ממש.

און ווען מ'קוקט זיך נאָך צו צו דעם כשרות געביט וואו אין איין שטיקעל שטאָט זיינען דאָ צוויי און דריי ועדי כשרות,

מיט מיאוס׳ע פאמפלעטען און ראדיא אוידיציעס, וואו איינער ווארפט שמוץ אויפ׳ן צווייטען, זה אוסר וזה מתיר. דער אסר׳ט יענעמס עופות און דער אסר׳ט יענעמס פלייש, און דער נייטראלער נוצט ניט דעם׳ס עופות אוןניט יענעמס פלייש, ווייל לויט דעם ועד הכשרות איז דאך יענעמס פלייש טרפה, און לויטן אנדערען ועד הכשרות זיינען דאך די אנדערע עופות טרפה, און ער גלויבט זיי ביידע. אבער וועגען דער „איי און פי״ רעדען זיי דאך ביידע ניט, איז דאך מסתמא דארטען טאקע גלאט כשר... ברכה און גליק אויפ׳ן גאנצען אידיש-רעליגיעזען פראנט וואלט געקענט איינ־טרעטען, און פארנעמען אלע ערטער וואו עס הערשט היינט ווילדע הפקרות און חלול השם׳דיגע מעשים וועלכע ווערען פאראורזאכט הויפטזעכלעך פון דיסארגאניזאציע.

איז ניט שווין די העכסטע צייט, אז די שירה׳דיגע התראה זאל פארוואנדעלט ווערען אין א: **שירה חדשה שבחו גאולים לשמך, על שפת הים, יחד, כולם** הודו והמליכו ואמרו. מיר שטעהען ביים דראענדען ברעג פון א ברויזענדען ים פון ווילדע עם הארצות, אפיקורסות, אפלאכעריי. מיר שטעהען פאר א גרויסע סכנה פון ווילדע כוואליעס וועלכע ווארפען זיך אפצושווענקען אונז פון אונזער טויזענד יאריגען תורה באדען. און עס איז ביי אונז אין די הענט צו זיין „גאולים״... ווען עס זאל נאר קענען איינטרעטען דער מאמענט פון **יחד, כולם!** איז עס ניט כדאי אז פאר „כבוד שמך״ זאל זיך א פרומער איד ארויסהויבען פון זיין איזאלירטען יחיד׳שען, יאוש׳דיגען, הענט-ברעכענדען, מצב. און בעסער שליסען די רייען, אננעמען זיך האנט צו האנט, הארץ צו הארץ און נשמה צו נשמה, און — צוזאמען, ממליך זיין די מלכות פון קודשא בריך הוא, אום דערמיט צוריק שמידען די אייביג גאלדענע, טראדיציאנעלע, דורות׳דיגע קייט פון „ד׳ ימלוך לעולם ועד״?!

דער אבסטראקטער אידעאל פון „שובה ישראל״, קען אויף זיך ארויפציען בשר, גידים ועצמות, ווען ער וועט אויף זיך ארויפטאן דעם העכסטע נייטיגען ארגאניזאציאנעלען לביש פון — ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

*) געדרוקט אין „דאס אידישע ווארט״, ערב ראש השנה תשי״ט.

אונטערן מאנטעל פון „טראדיציע"

וואָס טראַכט אַ איד, אַ פשוט'ער, פרומער איד, ביים לייענען:
„די שענסטע טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג פון יאָר!

חנוכה פעסטיוואַל פאַר ישראל"?!

טראַדיציאָנעל, מיינט דאָך מסתמא, אַ זאַך וואָס גייט איבער פון טאַטען צום זון, און פון זון צום אייניקעל דורך הונדערטער אָדער טויזענטער יאָרען. — געדענקט דאָך אָט דער איד, דעם חנוכה פון זיין טאַטען און פון זיין זיידען, און וואו קומט דאָ מיטאַמאָל „טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג"?

אידישע טראַדיציע ווייסט פון אַ פורים-פאַרשטעלונג, אָבער אַ טראַדיציאָנעלע חנוכה פאַרשטעלונג — פון דעם האָט דער איד קיינמאָל ניט געהערט. דאַכט זיך, דער איד האָט דאָך אויך געלעבט צווישען אידען, און ער האָט עס קיינמאָל ניט געזעען. איז פון ווען אַן ווערט טראַדיציע — אַ טראַדיציע? איז אַ דרייאַריגער איינפיר, גענוג, אָנגערופען צו ווערען טראַדיציע? מיינט עס דען ניט אַ געפערלעכער פרואוו צו פאַרוואַסערען דעם גאַנצען טראַדיציע-וועזען?

עס איז דאָך לעצטענס, אַפילו, אין אַזוי-גערופענע „רבנישע" קרייזען, אַריין אין דער מאָדע „טראַדיציע"... צו פאַרבייטען די אָנגענומענע דורות-פאַרהייליגטע טערמינאָלאָגישע באַגריפען פון „תורה ומצות". מאַכט מען עס שוין אַן אָטענטאַט אויף דעם ניי געבוירענעם זויג-קינד?! תורה ומצוות-טראַדיציע. און חנוכה פעסטיוואַל אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען — טראַדיציע! שמירת שבת און תפילין — טראַדיציע. און — אוירטאַ קיט און עד סאָליוואַן פערזענלעכקייטען — טראַדיציע! מיינט דאָס ניט חוזק געמאַכט פון טראַדיציע! און ווען אַפילו אַן אַזוי גערופענע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע פּראָקלאַמירט „טראַדיציאָנעלע פייערונגען היינטיגען שבת... אחוץ די טראַדיציאָנעלע בשותפות'דיגע סעודות מיט געזאַנג און טענץ בחברותא... אויך אַ ספּעציעלער „עונג שבת" פון „בני עקיבא" (וואָס מיינט, דאַכט זיך, אויך בשותפות'דיקע, מיט בנות עקיבא...) ווייס איך נאָך אויך ניט, צו וועלכע טראַדיציעס דאָס באַציט זיך?

אָבער וואָס קען מען האָבען צו די בשותפות'דיגע רבניש-בעל הבית'ישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, ווען די טראַדיציע-שפּיל איז שוין אַריין אין די „רבנישע" הענט אַליין! עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט „מאָדערן אָרטאָדאָקס" — אַז וואָס דער „אָרטאָדאָקס" פאַרבאָט, זאָל דער „מאָדערן" ערלויבען... אָבער דער נאָמען „אָרטאָדאָקס" האָט זיך אַפּנים צופיל געפּלאָנטערט אונטער די פיס. האָט זיך איצט אָנגעהויבען אַ נייע חתונה פון „טראַדיציאָנאַל"... ויקרא שמה בישראל — „טרעדישיאָנעל סינאַגאָג" — און מעכשיו, איז, הכל מותר לך, הכל מחול לך. אין כאן לא קדושה ולא צניעות, אבל יש כאן הפקרות ועם הארצות — אויפן יסוד פון טראַדיציע!

מוז דאָך עפּעס זיין דער מער מיט „טראַדיציע" אַליין, אויב זי קען דאָס אַלץ פאַרדייען! האָב איך מיר ניט געפוילט און נאָכגעקוקט דעם שורש פון וואָרט „טראַדיציע" אין ווערטער-בוך. און אָט איז עס: „טראַדיציע": סינאָנים, לעגענדע. געוויינלעך ניט אויטענטיש. פּאַ-בעלמעסיג, איבערגעגעבען מינדלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַזוי ווי, לעגענדאַרע מעשיות, טראַדיציאָנעלע געזעצן". און כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פאַרשטיין די גרויסע ליבע פון די אַלע אָפּנויגערס פון אמת'ער אידישקייט צום טערמין „טראַדיציע", האָב איך מיר ניט געפוילט און נאָכגעזוכט אין זעלבען וועבסטער'ס ווערטער-בוך, דעם וואָרט „פּאָבעלמעסיג". און אָט איז עס: „פּאָבעליסט. איינער וואָס שרייבט פּאָבעלס. אויך, אַן ערפינדער פון פאַלשקייטען. אַ ליגנער"...

און דאַן האָב איך דערזען, אין דער גאַנצער גרויליגער קלאָרקייט, אַז דער „טראַדיציע"-אָפּשטאַם, קומט ניט חלילה פון בית יעקב, נאָר פון יעקב'ס ברודער, טאַקע, עשו, בכבודו ובעצמו. ווי דען קענט איר פאַרשטיין — „ויהי עשו בן ארבעים שנה, ויקח אשה את יהודית". „כל מ' שנה הי' עשו צד נשים מתחת יד בעליהן ומענה אותם. כשהי' בן מ' אמר, אבא בן מ' שנה נשא אשה, אף אני כן"... איז עס דען ניט „די שענסטע טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונג פון פערציגסטען יאָר"?! אַ שפּיל פון טראַדיציע! דער טאַטע האָט חתונה געהאַט צו פערציג יאָר, פאָלגט עשו נאָך די טראַדיציע פון זיין פאָטער, און האָט אויך חתונה צו פערציג יאָר... אָבער, דער טאַטע איז דאָך די גאַנצע יאָרען געזעסען און געלערענט דעם אויבערשטענס תורה אין די געצעלטען פון שם ועבר, און וואָס האָסטו, עשו, געטאָן?!

עשו הי׳ נמשל לחזיר, שנאמר יכרסמנה חזיר מיער. אין אלע בלאַטעס זיך אויסגעוואַלגערט. אין טאָג פון טאַטענס טויט געמאָרדעט, געשענדעט, געלייקענט אין ג־ט, פאַרשעמט אַלעס הייליגעס. איז וואָס עפּעס פּלוצלונג אַזא גראַנדיעזער־יהודית־ספּעקטאַקעל? איז דער תירוץ — טראַדיציע! עשו וואַרט ניט אויף וועבסטער׳ס ווערטער־בוך. נאָך מיט טויזענטער יאָרען צוריק איז עשו „אַן ערפינדער פון פאַלשקייטען, אַ ליגנער״. ער פאַלסיפיצירט דעם שיינעם נאָמען — יהודית! אונטער די פאַרפוצטע יהודית פעדערען, רויכערען זיך די געצענדינערישע קטורת וויירוכען... נאַר, פאַרדעקט אונטער דעם מאַנטעל פון טראַדיציע! און ווען אַפילו דער שווינדעל ווערט אויפ־געדעקט. די גויאישע טעכטער אויף טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונגען, שטעכן דאָך פאַרט אויס די אויגען, ווערט אַ עשו נתפעל? ! נעקסטען יאָר פירט ער ווייטער אַן אַ טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג! „וירא עשו כי רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו. וילך עשו אל ישמעאל, ויקח את מחלת בת ישמעאל בן אברהם״... דאָס הייסט, צו פאַרזיסען די מיאוסע „מחלה״, פאַרשמעלצט מען מיט אַ יחסן. דער בעל תשובה ר׳ ישמעאל! אברהם אָבינו׳ס אַן אייניקעל... און דער עיקר, ווייטער — טראַדיציע. מען מוז מאַכען אַ טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג! איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַ דריטען מאָל. כסדר אונטער דער טראַדי־ציע מאַסקע! איז וואָס קומט אַרויס פון אַלע שטראָף רייד? דער חזיר מיער, וועט זיך דאָך ווייטער וואַלגערען אין בלאָטע. און — כשהוא שוכב — ליגענדיג אין דער בלאָטע, פּושט טלפיו — פון טראַדיציע... לומר ראו שאני טהור! זאָגט אָבער דער „ספורנו״ אַ מורא׳דיגען וואָרט: כי רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו... הלך אל ישמעאל ובזה הודיע שהי׳ יצחק יכול למחות בעשו כשנשא הכנעניות, אם הי׳ נותן לבו...!

ווען מען וויל נאָך ניט אָפּלאָזען די טראַדיציע־לאַצען. ווען ניט קוקענדיג אויף אַלע השחתות, וויל מען נאָך פונדעסטוועגען אויך אויסנעמען בעיני יצחק אביו, דאַן ליגט אַ גרויסע און שווערע פאַראַנ־וואָרטלעכקייט אויף די פּלייצעס פון אַלטען טאַטען יצחק. מ׳דאַרף משים לב זיין. מ׳דאַרף בשום אופן ניט פאַרשווייגען. אויב מ׳באַנוצט זיך נאָך מיט דעם טראַדיציע מאַנטעל, דאַרפען די יצחק׳ס שבכל דור

ודור אויפקלערען די סתירות און די לעכערלעכקייט פון די סתירה׳דיגע מעשים, און צונאָגלען זיי צום שאַנד קלאָץ.

חנוכה און — מוזיק, דראַמע און טאַנץ-קונסט! קען דען זיין אַ גרעסערע סתירה? טראַדיציע פון חשמונאים, וועלכע זיינען אַרויס אין קאַמף פאַר די ריינקייט פון אידישע טעכטער און געגען פאַרשייטע אַקטיאַרסקע שפּילערייען!

ווען יאָר איין יאָר אויס ווערען רבבות אלפי ישראל פאַרפירט פון נביאי השקר, אין דער שפּיץ פון אַ כופר באלקי ישראל, אַ קאָנסערוואַטיוועער ראַביי, וועלכער רעדט אין נאָמען פון „מיימאָנידעס" און פון די העלדישע מאַקאַבייער — וועגען דער „לעגענדע" פון נס פון קריגעלע בוימעל, און, וועגען דער ווירקלעכער גרויסקייט פון גאַלאַ-ספּעקטאַקל און חנוכה-פעסטיוואַל מיט אַרטיסטען און אַקטריסעס! און דאָס איז אַלץ געווידמעט צו מדינת ישראל... ניט קיין תורה, ניט קיין מצוות, ניט קיין רבונו של עולם און ניט קיין הייליגקייט פון חנוכה! — דאַרף מען געגענשטעלען די הייליגע ווערטער פון אמת׳ן קדוש ד׳, דער רמב״ם זצ״ל: „בבית שני כשמלכו יון, גזרו גזירות על ישראל — ובטלו דתם, ולא הניחו אותם לעסוק בתורה ובמצוות. ופשטו ידם בממונם ובבנותיהם. ונכנסו להיכל ופרצו בו פרצות וטמאו הטהורות".

אָט דאָס זאָגט רבינו משה בן מימון זצ״ל, וועגען חנוכה׳ס היסטאָרישען הינטערגרונט! און די רייד זיינען באַזירט אויף די גמרא שבת, פון קרוב צוויי טויזענט יאָר צוריק, טאַקע ניט ווייט אַוועק פון היסטאָרישען דאַטע-נס. לשנה אחרת! דאָס הייסט פאַקטען. נעגוי און פּינקטלעך איבערגעגעבען און פאַרשריבען. אַ קאַמף געגען ביטול הדת און אַסימילאַציע שטרעמונגען. אַ קאַמף געגען טעאַטער-פאַרשטעלונגען. און אַ קאַמף פאַר טהרת המשפחה הישראלית. אַ קאַמף פאַר די אַבסאָלוטע הייליגקייט פון בית המקדש, אויפצוהיטען די קדושה וטהרה אין אַלע אירע ווינקעלעך, און פון אַלע אירע געגרויבען, ביז דעם קלענסטען דעטאַל. אפילו די דומס׳דיגע אויל, אויף אַריינצוגיסען אין די מנורה מוז זיין הייליג, אַן די מינדעסטע באַרירונג פון אַ טמא׳דיגע האַנט...

און דער עיקר העקרים איז — די שטענדיגע, אומאויפהערלעכע כלל ישראל באשעפטיגונג, מיט תורה ומצות! פשוטו כמשמעו, „לעסוק בתורה ובמצות". לערנען תורה מן השמים, און מקיים זיין די תרי"ג מצות. ניט, חלילה, קיין פוסטע, באנאלע, גארניט זאגענדיגע און גארניט מיינענדע „טראדיציאנעלע" שפילערייען.

און דאס דארף פראקלאמירט ווערען עפענטלעך „על פתחי הבתים", ניט ווי אן ארויפגעצוואונגענע זאך, מיט וועלכע מ'שעמט זיך אין דער עפענטלעכקייט, פאר א גויאישע אויג. און לאמיר בעסער פארענדיגען דעם צייטלעכען מאמר, מיט די פריש קוועלענדע רייד פון רמב"ם אליין: מצות נר חנוכה, מצוה חביבה היא עד מאד, וצריך אדם להזהר בה כדי להודיע הנס ולהוסיף בשבחי הא-ל, והודי' לו על הנסים שעשה לנו. (רמב"ם הלכות מגילה וחנוכה, פ"ד).

*) געדרוקט אין „דאס אידישע הארץ", כסלו, תשי"ט.

הזהרו בכבוד חכמים!

הדור אתם ראו אם יש מכאוב כמכאובי שארית ישראל החרדים לדבר ד׳ ותורתו. נשארנו מתי מעט, ממש אחד בעיר ושנים במשפחה. ולפי כל חוקי ההגיון, היינו צריכים להתלכד לחטיבה אחת. החוש הטבעי הנטוע בלב כל חי, לשמור מכל משמר את עצם קיומו נגד סכנת האורבים עליו, באמצעות התאחדות והתחברות של כל חלקי המתי מעט, עד יעבור זעם — גם חוש טבעי זה עזב אותנו. ותהי האמת נעדרת. אותם הדבקים בד׳ ובחותמו אמת, נעשו עדרים עדרים, וכל עדר קטן וקטנטן מכריז בקולי קולות על אמת שלו, וכל שאר העדרים כקטן כגדול, הם תועים ונבוכים, אשר פיהם דיבר שוא וימינם ימין שקר.

מצב עגום זה הוליד את התולדה הכי ארורה הנמשכת אחרי׳, „והאמת תהא נעדרת — נערים פני זקנים ילבינו וכו׳ אויבי איש אנשי ביתו וכו׳...״ (סוף מס׳ סוטה). אילו זכינו היינו שונים: „רבי אלעזר בן שמוע אומר, יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך, וכבוד חברך כמורא רבך, ומורא רבך כמורא שמים״. ועכשיו שלא זכינו, — נערים, שמעולם לא שמענו את שמעם, מרהיבים עוז בנפשם להתנפל בשצף קצף על גאון ישראל וקדושו. זקן — תרתי משמע, זקן זה שקנה ומקנה חכמה לכל שואל, דורש ומבקש דבר ד׳ זו הלכה למעשה. וזקן כפשוטו, זקן בא בימים, זקן אשר למרות חולשתו הטבעית הבאה מרוב ימים, משנס עוד „יוסף אליהו״ את מתניו ומוסיף אומץ ועוז, לחלק עזרה בצר, גם לאותם המתנפלים עליו, בלי מכלים דבר! זקן חביב ונחמד זה יושב לבדו מן הבוקר עד הערב לעזרת ד׳ בגבורים וכל העם העומדים עליו משתוממים למראה נהדר זה, וביחד עם רבן גמליאל, הם גומרים עליו את ההלל ואומרים: וכל העוסקים עם הציבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים שזכות אבותם מסיעתם וצדקתם עומדת לעד, ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאילו עשיתם.

אבל לא כן דעת הרב בעל „בלבול המוחות״. לדידי׳ הוא, „אַם דער רב שרייבער, וועלכער פארדרייט דעם דעת תורה פון די גדולי התורה...״!!! לא אדע אכנהו לכתב זה. אולי הוא באמת רב, מתחפש תחת שם מדומה, מפני שהוא מזרעא דאברהם, ובביישנותו עצרתו

מלגלות שמו האמיתי. ונניח גם — שאולי הוא צודק באיזה מטענותיו — גם אז הי׳ עליו לזכור מימרא דשמואל לרב יהודה: „שיננא, לא תימא לי׳ לאבוך הכי, דתניא, הרי שהי׳ אביו עובר על דברי תורה, אל יאמר לו: אבא, עברת על דברי תורה, אלא אומר לו: אבא, כך כתוב בתורה. כך כתוב בתורה? צעורי קא מצער לי׳! אלא אומר לו: אבא, מקרא כתוב בתורה כך" (מס׳ קדושין ד; ל"ב). הגע בעצמך „בן מיכאל"! דברי התוספתא הם, כשראה את אביו עובר על דברי תורה, ממש! ובכ"ז אסור לומר לו גם בלשון: כך כתוב בתורה, כי הלא — צעורי קא מצער לי׳! ואם באביו הדברים אמורים, עאכו"כ ברבו, שמביאו לחיי עולם הבא, ומי יאמר עוד ברבו מובהק, רב רבנן! הלא לא תחזיק באוולתך להשיבני מזה שאין חולקין כבוד לרב במקום שיש חלול השם. כי מי יאמר לנו אזובי קיר, להרהר אחר משה, בין שהוא ממהר לצאת מביתו ובין שהוא מתאחר. בין מה שאמר קודם קום המדינה ובין מה שהוא אומר עתה, ולפסוק בדין חלול השם שנפרעין ממנו בגלוי?

יודע אני בעצמי, שגם דעתי היא אחרת מדעת הגאון הזקן. וכאשר הוכיחני על פני, עמדתי לפניו בראש כפוף ובשתיקה. וגם — למרות שלא חזרתי מדעתי עד היום, אבל ידעתי גם ידעתי שאני לעומתו כזבוב נגד הארי, ואין לפרעוש לקפוץ נגד המלך. ואף שאני תומך יתדותי בהני מלכי רבנן, הסוברים אחרת, אבל לא לי לפתוח פי נגד גאון וצדיק שמחכמתו שואבים רבים וטובים ממני. הלא הוא הדואג ומיצר בצרת כל כואב ודואג מבני ישראל, ובפרט בצרת עמו היושב בציון, בין חפשים וכופרים האוחזים את רסן הממשלה וחיי החרדים ופרנסתם היא בידיהם לטוב וחלילה להפכו... ואיך יכולים לר־אות בצרתם, ולישב בכאן ברחבות תחת מלכי חסד המאמינים באמונתם, ורוצים בהמשך כל אמונה של כל דת ודת, ולייעץ לאחינו שבדרום למרוד בממשלתם ולהסתייג מכל מגע ומשא אתם, בה בשעה שבידם לגזור גזירות לרע להם כל הימים לרבות הלילות וגם לרבות שבתות וימים טובים, להם ולבניהם אחריהם?! הלא בעיא חמורה היא שיש לדון עלי׳ בכנוס חכמי הדור על כל פרט ופרט, לבור הסולת מתוך הקמח ולתור הדרך ולומר עד פה תבוא ותו לא. אלפים אמה ולא אלפים וחמש, אבל לא דרך קראים — שבו איש תחתיו, אל יצא איש ממקומו!...

לא בדרשות של דופי אנחנו עסוקים עתה, ולא שאלת האסיים וכדומה מעסיקה אותנו, נוכח כל הצרות והפגעים הפנימיים במחנה ישראל הקרועה לרסיסים... בעיא חמורה וצורבת של כלל ישראל, אחינו בית ישראל של ששים רבוא, עם ד׳ השוכן בציון כשושנה בין החוחים — עומדת לפנינו בכל תקפה. ומה אנחנו עושים היום? חטאנו, וחוטאים בזלזול הורים ומורים! הבזה יוושע ישראל העומדים בצרה ובמצוקה?!

ודאי שיש רשות לכל אחד מאתנו לישב בקרקע ולדון לפני רבותינו, אם מותר להתחבר לרשעים בדברים הנוגעים לגוף ואינם נוגעים לנשמה היחידה ולא לנשמת האומה בכללה. ואולי אסור גם בזה, כי מי יגביל גבולים?! כמו שאמר ר׳ ישראל סלנטר זצ״ל, על מה דאמרו חז״ל להתייעץ עם אשתו במילי דארעא, שקשה לסיים גבולים בעניינים אלו, כי לרוב פעמים גם המילי דארעא הם מילי דשמיא... אבל כל הדיונים צריכים להתנהל בכובד ראש ובדרך ארץ שקדמה לתורה, ולהתרחק מזלזולים אישיים עד קצה האחרון. ותמיד יהיו לעינינו הדברים החוצבים להבות אש וחרדת קודש תמלא כל נימי נפשותינו בעת שנקח עטנו בידינו. „אמרו, י״ב אלף זוגים תלמידים היו לו לר׳ עקיבא וכו׳ וכולן מתו בפרק אחד, מפני שלא נהגו כבוד זה לזה והי׳ העולם שמם״, שנשתכחה תורה, (פירש״י) (מס׳ יבמות דף ס״ב:).

אבל יותר מדיונים פומביים בגופי העניינים העומדים ברומה של עולם היהדות, שבאמת אינם מביאים שום תועלת, כי זה אומר בכה וזה אומר בכה, ואי אפשר בשום אופן לבוא לידי הסכם הדדי, זה שואל וזה משיב וכל אחד רוצה להעמיד דבריו, הי׳ יותר טוב ויותר מועיל לכתוב ולבקש מגדולי ישראל להתאסף יחד מזמן לזמן לדון בינם לבין עצמם על כל הענינים הדחופים בין בארץ ובין בחוץ לארץ ולהשמיע דעתם, דעת התורה, ואז נדע את הדרך בה נלך „על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה, לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל״.

הלא כה התנהג ישראל סבא בכל הדורות עד הדור האחרון, ולמה יגרע חלקנו היום? והיחידים השרידים הצמאים לדבר ה׳ צועקים חרש מנהמת לבם, על מה ולמה עזבונו לפשנו חכמי התורה, ומניחים

אותנו למשש בחשך כעור באפלה בלי משען ומשענה. כמה קראנו ובקשנו מהם לצאת ממחבואיהם להורותנו הדרך נלך בה, וקולנו נשאר כקול קורא במדבר!!! מי הוא האשם שגדולינו עזבו את דרך קודמיהם החפץ חיים ור' חיים בריסקער והאדמורי"ם מגור וליובאוויטש זצ"ל ועוד ועוד שנועדו מעידן לעידן באסיפות חשאיות ופומביות בארץ זו ובארץ אחרת; ודוקא היום שדרכי התחבורה יותר נוחים וקלים ודוקא היום שבעיות חמורות מחכות לפתרונן — כל אחד יושב לבדו, ואין קול תורה מאוחד נשמע בין החיים? למה, למה ועוד הפעם למה?! יתומים היינו ואין אב בית דין, אביהם של דור יתום!... ואנחנו תפלה לאבי יתומים שיחוס וירחם על דור יתום ונעזב ויקיים בנו „השיבה שופטינו כבראשונה", והסר ממנו יגון ואנחה, וכום הדמעות הרפי מעט עד שיתגלה משיח צדקנו במהרה בימינו.

*) נדפס ב„הפרדס", שנה ל"ג חוברת ה'.